STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03022

DER SFINKS

Shea Tenenbaum

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער ספינקס

ר אָ מ אַ ן

פון

ש. טענענבוים

פאָרוואָרט

אין יאָר 1926, אין האַרבסט, האָב איך זיך באַזעצט אין אַ קליינעם צימער אין אַ גאַס אין בערכעם, אַ פאָרשטאָט פון אַנטווערפּן. די אייגענטימער פון הויז זיינען געווען אַן אַלטיץ פאָר־פאָלק, פלעמער, וועלכע האָבן זיך רוהיג און שטיל געלעבט, ווי צוויי איינזאַמע שוואַלבען.

דער מאַן איז געווען אַן אַלטער מאַטראָז, וואָס האָט יאָרענלאַנג אַרומגע־וואַנדערט איבער די אָקעאַנען און יבשות פון דער וועלט. ער האָט געהאַט אַ רייכע פאַרגאַנגענהייט און האָט גוט געקענט מענטשען און זאַכען. אין די אָוונטען פלעגט ער זיצען אין דער קיך, טרינקען שוואַרצע קאַווע פון אַ נידע־ריגער מאַסע, געבראַכט פון כינע דורך אים אַליין, און רויכערן אַן אַלטע, האָ־לענדישע, רויט־גלאַנציגע פייקע. ער האָט ליב געהאַט אַ סך צו רעדן און פלעגט דערציילן פאַרשידענע געשיכטעס. צווישען אַנדערעס פלעגט ער דערציילן וועגן אַ יונגען מענטשען, וואָס האָט ביי זיי געוואוינט און וועמען זיי האָבען זייער ליב געהאַט. מיט עטלעכע יאָר צוריק איז ער געשטאָרבען פון שווינדזוכט.

זיין פרוי, אַ זייער גוטע, קליינע פרוי, מיט אַ הויקער, אַ שטענדיג שמייכ־לענדיגע — האָט ווייניג גערעדט אין דער אַנוועזענהייט פון איר מאַן. זי פלעגט נאָר הערן זיינע רייד און שאָקלען מיטן קאָפּ אויף — יאָ. ווען זי פלעגט אַרויפקומען צו מיר אין צימער אַריין, פלעגט זי, צורעכט מאַכענדיג דאָס בעט, רעדען און שטיין שטונדענלאַנג אַזוי, מיר דערציילענדיג וועגען דעם יונגענמאַן, וועלכער איז געווען שטאַרק באַליבט ביי זיי און וועלכן זיי האָבן זייער באַדויערט.

— האָט איר נישט אַ בילד פון אים? — האָב איך זי געפרעגט, וועלענדיג אים זען, נאָך אַזוי פיל שיינע דערציילונגען וועגען אים.

די אַלטע פרוי האָט זיך אַ ווײלע פאַרטראַכט, אַ קוק געטאָן אויף מיר און געענטפערט:

— ניין, קיין בילד האָבן מיר נישט פון אים. עס איז אונז קיינמאָל נישט איינגעפאַלן צו בעטן אים אַ בילד. מיר האָבן אים געליבט ווי אַן אייגען קינד.

מיר האָבן זיך נישט גערעכט אַז ער זאָל אַזוי גיך אַוועק פון אונזער וועלט אין דער אַנדערער, וואו דער גוטער מענטש רוט זיך ענדלעך אָפּ פון פּיין און אומגליק. נאָר, ביי אונז איז געבליבן אַ פּעקל פּאַפּירן פון אים, וועלכע ער פלעגט האַסטיק און נערוועז שרייבן אין די נעכט.

— פּאַפּירן ? — האָב איך זיך געוואונדערט. — האָט איר זיי איבערגעלייענט ?

— ניין, טייערער ! — האָט די אַלטע פאַרווירט געענטפערט, זיך פילענדיג אין אַ פאַרלעגנהייט, — מיר קענען דאָס נישט לייענען, מחמת עס איז געשריבן אין אידישער האַנטשריפט. אפשר וועט עס אייך געלינגען זיי צו לייענען ? זיי זיינען זייער צעוואָרפן, אין אומאָרדענונג, איך קען זיי אייך מיט פאַרגעניגען געבן, ווען איר ווילט.

— זייער גוט! איך וויל זיי נעמען!

די אַלטע פרוי איז מיט מיר אַרויפגעגאַנגען אויפן בוידים, וואו זי האָט צווישן אַ סך פאַרשטויבטע זאַכן אויסגעזוכט אַ פּעקל פאַרגעלבטע מאַנוסקריפּטען. מען האָט זיי אָפּגעקורזשעט פון שטויב און — אין אָוונט פון זעלבן טאָג האָב איך זיי געלייענט. איך בין געווען אַנטציקט פון דער שיינקייט פונ׳ם אויטאָר, וואָס האָט זיך אין זיי אויף אַ מערקווירדיגן אופן אַנטפּלעקט הגם ערטערווייז איז דאָס כתב געווען אָפּגעריבן און אַלט.

אין משך פון צוויי חדשים האָב איך די מאַנוסקריפּטען איבערגעשריבן, זיי געאָרדענט, הגם עס איז מיר נישט אינגאַנצן געלונגען פון דאָזיגן כאַאָס אַרויסצופּלאָנטערן אַלעס אין אַ סדר. טיילמאָל מאַכן געוויסע קאַפּיטלעך דעם איינדרוק ווי באַזונדערע קאַפּיטלעך, אומאָפּהענגיגע פון דעם אַלגעמיינעם גאַנג פון פּאַסירונגען.

די קורצע צייט, וואָס איך בין געווען פאַרנומען מיט זיי, איז מיר געווען אינטערעסאַנט און פון גרויס פאַרגעניגען, אויפשטעלענדיג פון זיי אַ באַשריידענעם מאָנומענט פאַרן פּרימיטיוון פּאָעט, וואָס האָט זיי געשריבן און פריער דורכגעלעבט.

איצט גיב איך איבער פאַר די לייענער, אין אַ באַאַרבעטער פאָרם, דעם אינהאַלט פונ׳ם פאַרשטויבטן מאַנוסקריפּט.

דער באַנקעט

דער באַנקעט איז פאָרגעקומען אין א וואונדערלעכן זאַל מיט שפּיגל־ווענט; עס איז אויפן דאָזיגן באַנקעט געערט געוואָרן א טרופּע פון א רעוואָ־לוציאָנער לאַנד, וואָס האָט אויפגעפירט א רייע מייסטערווערק אויף דער אייראָ־פּעאישער בינע.

ליכט־רעפלעקטאָרן האָבן פון אַלע זייטן געשטאָכן ווי ווילדע, ליידנשאַפט־לעכע שווערדן; עס איז געווען א שלאַכט פון ליכט און בליץ. ביי א לאַנגן טיש זיינען געזעסן די אַרטיסטן — פרויען און מענער. די פרויען האָבן געהאַט אָפּגעבליאַקירטע געזיכטער, הגם זיי זיינען געווען שטאַרק געשמינקט ווי פּאַ־יאַצן; די אויגן זייערע זיינען געווען אויסגעגלאָצטע אָדער טויט איינגעפאַלענע, מידע, ווי דאָס ליכט פון לאַנטערנעס אין נעפּלדיגע נעכט, מיט פּורפּורנע אַרעאָלן ארומגערינגלט. זייערע מיילער האָבן אויסגעדריקט אָפּגעשטאָרבענע ליידנשאַפט, א ווילן צו שמייכלען, עפּעס וואַמפּירישעס, דראַנג צו פאַרוועזי־טעט. די פרויען־אַקטריסעס זיינען געווען געקליידעט אין טייערע קליידער פון זייד־שטאָפן, פאַרשידנפאַרביגע, פאַרשידנמאָדישע; איינגאַנצן האָבן די פרויען אויסגעזען ווי עפּעס קראַנקע, מעלאַנכאָלישע מלאכים אַראָפּגעקומען אויף דער ערד מיט די בליצן פון הימל און אַזוי' שוין דאָ פאַרבליבן, שפּילענדיג ווילדע, טעמפּעראַמענטפולע ראָלן, פאַרשטעלענדיג דאָס לעבן פון אומעטיגן הימל אויף דער אומעטיגער ערד. באַזונדערס האָבן זייערע קליידער געגלאַנצט פאַנטאַס־טיש און שימערירט אין שיין פון די פּראָזשעקטאָרן און קינסטלערישע לבנות וואָס האָבן געוויינט און געטרערט מיט בליצאַרטיקן ליכט.

די מענער־אַקטיאָרן — דאָס זיינען געווען ווילדע יונגען מיט א מאַסע ענערגיע; ס׳איז אין זייערע פּנימער אויך געווען א מידיקייט, א שווערקייט, א טיפע מעלאַנכאָליע, וואָס האָט זיך לייכט געלאָזט מערקן אין שיין פון׳ם נאָל־דענעם ליכט. אָבער זיי זיינען געווען ריזיג, גרויס, געזונט און אַטלעטיש, מיט שולטערן ווי פעלזן. . . .

א רייע פּאַרטיי־טוער האָבן באַגריסט די אַרטיסטן אין נאָמען פון געוויסע

סעקציעס; ווי שטענדיג איז דאָס פּובליקום נישט באַזונדערס פאַראינטערעסירט אין לאַנגע, צעצויגענע, טעאָרעטישע רעדעס. עס איז שוין אָבער די אייגנשאַפט פון׳ם רעדנער אַז ער מיינט, אַז אַלע הערן זיך צו צו אים אַז מען שלינגט זיינע רייד. . . .

צווישען די אַרטיסטן האָב איך דערקענט די זעלבע אַרטיסטן פון נעכטיקן ספּעקטאַקל ״סאַלאָמע״, וואָס זיי האָבן געשפּילט. נאָך קיינמאָל האָט קיין מוזיק נישט אַזוי געריטשעט און געפלאַמט ווי נעכטן. דאָס טויזנט־קעפּיגע פּובליקום האָט זיך פאַראייניגט צו איין מעכטיגן אַפּלויז. ס׳איז געווען אַ ווילדער שטורם פון דאַנקבאַרקייט און עקסטאַז. די טענער האָבן זיך אויפגעהויבן ווי ראַקעטן און עקספּלאָדירט מיט אַ ליידנשאַפטלעכער קראַפט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די מוזיק וועט זיך אָנצינדן און פאַראורזאַכן אַ שרפה אין דער געביידע. . . .

אַלע אַקטיאָרן האָבן גלענצנד געשפּילט. ליידנשאַפטלעך און דאָך רוהיג האָט געשפּילט דער פּראָפעט יוחנן. גלענצנד איז געווען די אַקטריסע אין דער ראָלע פון דער שוואַרצער סאַלאָמע מיט אַ רויטן באַנד פון הייסן זייד אַרום די בריסט, וואָס האָבן שווער און קרעפטיג געאָטעמט. אַרום די לענדן — אַ שוואַרצע פּאַס סאַמעט מיט אַ רויטע בלום איבערן געשלעכט, אַ בלוטיג־רויטע רויז — ווי אַ שטיק מאַרמאָר־פייער. . . . ווען זי האָט געטאַנצט, האָט זיך מיר געדוכט אַז אירע גֿעדערים ווערן פאַרוואַנדלט אין גאָלדענע שלאַנגען און זיי טאַנצן אַלע אין איר בויך וואָס האָבן באַקומען בערגלעך און ביילן; איר גאַנצער הייסער קערפּער האָט געטאַנצט אין אַ מעכטיגער האַרמאָניע — און דאָך האָט מען געקענט מערקן דעם ריטם פון יעדן גליד און קערפּער־טייל באַזונדער . . .
עס האָט זיך געדאַכט אַז זי איז אַ שטיק צעלאָזטער, אויפגעציטערטער מאַרמאָר וואָס איז אַ מיליאָן יאָר געווען אין די בערג־שפּאַלטן פאַרבאָרגן — און איצט ברעכט זי אויס אין אַ ראַשן, ווילדן, שטירצנדן טאַנץ, ווי אַ רעוואָלוציע, ווי אַ שלאַכט, ווי אַן אָקעאַן, ווי די גאַנצע נאַטור — ניין, ווי דער גאַנצער אוניווערזום מיט אַלע זיינע דראַנגען, ווילענס, כוחות און סטיכישע עלעמענטן וואָלטן געקומען צום אויסדרוק אין איר פייערדיגן, תאוה׳דיגן טאַנץ. . . .

*   *

ס׳איז געוואָרן שפּעט ביינאַכט... איך האָב די אַקטיאָרן איצט באַטראַכט: זיי זיינען געווען אומעטיג, ווייל זיי זיינען נישט אין זייער רעלעמענט... דלי בינע איז זייער לעבען... דאָס ליכט — ווי קראַנקע שמעטערלינגען ווערן אויפגערייצט פון זון־שיין און האַרבסט — האָט זיי אויפגערייצט . . .
בייח טיש איז געזעסן אַ יונגע פרוי פון אַ יאָר אַכצן; זי האָט געהאַט

רויטע, גאָלדענע האָר, וועלכע האָבן געגלאַנצט אין שיין ווי קעניג דוד'ס לאָקן פון אַלע קאָלירן — און דאָך פון איין גאָלדענעם קאָליר. . . .

איך געזיכט אין געווען גרויס, פּירקאַנטיג, שאַרף, ווי פון א מאַן א העלד; אין געזיכט האָבן אַ פּאָר גרויסע, שוואַרצע אויגן געגלאַנצט מיט א ווילדן שיין, ווי ביי א געניוס וואָס פלאַמט אין שאַפונגס-עקסטאַז. . . .

איר מויל איז געווען ליידנשאַפטלעך, פאַרביסן, פּאַר'עקשנ'ט; דיקע ליפּן ווי ביי אַ ספינקס אין דער מדבר; ליפּן וואָס זיינען טרוקן און ווילן אייביג באַגעצט ווערן פון וויין און בלוט . . . וואַמפּירישע ליפּן. דאָס מויל פון א ליבע-קעניגין. . . .

איר האַלז איז געווען דיק און מעכטיג ווי ביי א צעזאַר, ביי די סטאַטועז פון אַנטיקע, רוימישע העלדן; א מעכטיגער האַלז, שטייף און שטאַר. א תליה וואָלט זיך שווער געדאַרפט ראַנגלען אים צו פאַרציען און ברעכן דעם נאַקן-ביין...

און — איר פיגור: א מעכטיגע פיגור פון שטיין געשניטן; דאָס ליכט האָט זיך מיט איר געררייצט; זי איז געווען אומעטיג און האָט געגלאַנצט און געלויכטן מיט פלאַמען אין געזיכט; א סך מענער האָבן אויף איר געקוקט מיט גיריגע בליקן. זי האָט דאָס געוואוסט און — ווען זי האָט זיך פּלוצלונג צע-שמייכלט, האָט אַלץ אויפגעלויכטן אין און אַרום איר . . . דאָס ליכט פון די לאַמפּען אַליין האָט געשמייכלט און זיך שאַרפער צעבליצט. . . .

עס איז שוין געווען פיר אזייגער ביינאַכט, ווען איך האָב באַשלאָסן צו גיין שלאָפן צו א חבר; איך האָב נאָכאַמאָל א בליק געטאָן אויף דער פרוי — און אוועק אין גאַס.

עס האָט גערעגנט מיט איינעם פון יענע רעגנס וואָס נעצן דורך אפילו די נשמה; די ריזיגע הייזער, פינסטער און טרויעריג, האָבן זיך געטוליעט אין דער פינסטערער נאַכט; ס'האָבן געוויינט די לאַמטערנעם מיט בלייכע, שווינד-זוכטיגע געזיכטער; איך בין שנעל געלאָפן און — אָנגעקומען אין חבר'ס דאַך-שטיבל.

כ'האָב זיך אויסגעטאָן. דער רעגן האָט נאָך אַלץ אומעטיג געקלאַפּט אין קליינעם פענסטערל, ווי א טויטער מיט הארטע, ביינערדיקע, דינע פינגער . . .

איצט האָב איך געטראַכט וועגן דער פרוי; איך פלאַמענדיג געזיכט מיט די רויטע האָר איז אויפגעגאַנגען פאַר מיר ווי א מאַטע זון איבער דער ערד, פאַרברענענדיג די אַקעאַנען אין די וואָלקענס; דאָך האָב איך נאָך איר גע-בענקט . . . א ווילדע בענקשאַפט האָט מיך באַהערשט . . . איך האָב געבענקט צו איר מיט א קאָסמישער, עלעמענטאַרער קראַפט. . . . זי האָט אָנגעצונדן אין

מיר מײַן טרויעריגע נאַכט . . . איך בין אײַנגעשלאָפֿן מיט איר געזיכטס־פֿאַרשטעלונג אין מײַן דמיון, איר געזיכט איז געוואָרן גרעסער און גרעסער, ווי אַ פּלאַנעט, ווי אַ קאָלאָסאַלע זון און ענדלעך האָט עס פֿאַרגאָסן מיט ליכט און באַדעקט מיט פֿײַערדיקע לאָקן דעם גאַנצן גראַנדיעזן הימל, דעם אומענדלעכן מעכטיקן אוניווערס און — מײַן קאָסמיש האַרץ. . . .

●✲●

קברים...

אין א פרימארגן בין איך געקומען אין פאראיין, וואו ס׳האט געזאלט פארקומען א מיטינג וועגן דער כינעזישער רעוואלוציע. איך בין דאן געווען באזונדערס אויפגערעגט. אין קאנטאן — האבן מיר דערהאלטן א ידיעה — זיינען צוויי טויזנט קאמוניסטן אויסגעשאכטן געווארן. איך בין געווען אויף דער העכסטער שטופע פון מיין רעוואלוציאנערן צארן און בין געווען איינער צווישען די רעדנער.

אבער — דאס פובליקום איז געווען א קליינער. צווישן זיי האב איך געזען די פרוי פון אנומעלטיגן באנקעט. זי איז געווען אנגעטאן אין א געלן קלייד, האט אויסגעזען גוט און געזוכט צו מאכן אן איינדרוק אויף די חברים.

צווייגנבוים — דער פאראדאקסאליסט, דער וואס רעדט מיט פראנצויזישע פראזן און דערמאנט שאפענהויער ביי יעדן זאץ — שטעלט מיך פאר פאר דער פרייליין. איך בין גליקלעך און ביי דער געלעגנהייט לאד איך איר איין ארויפצוגיין מיט מיר אויף א שפאציר.

עס איז געווען א הערלעכער זונען־טאג. אין אנהויב פרילינג. די בלומען האבן שוין געהאט אויסגעשפראצט. לאנגזאם זיינען מיר צוגעקומען צום קבר פון א פלעמישן, יונגן פאעט, וועלכער איז באגאנגען זעלבסטמארד אוים ליבע....

מיר זיינען געשטאנען ביים קבר פון א ריזן־גרויסע, מארמארנע מצבה, ווי א פעלזן; אויף דער מצבה איז אויסגעקריצט געווען אין גאלדענע בוכשטאבן אין וועלכע די זון־שטראלן האבן איצט געטאנצט, דאס ליד פון׳ם פאעט וואו ער דערציילט אז ער גייט זיך אין פרייד פאראייניגן מיטן אוניווערזום און מיט אלע מענטשנדורות וואס האבן געבענקט, געליטן און געקושט מיט די אויגן דער זון... אביסל העכער איז געווען זיין נאמען — און, איבערן נאמען א פארטרעט פון׳ם פאעט, מיט א בארד, צארט, ווייט־טרויעריגער בליק, געווענדט צום בלויען האריזאנט; אזא אפן געזיכט האב איך זעלטן געזען; אזוי ערלעך, אויפריכטיג.

— מערקווירדיג! — האב איך געזאגט צו דער נייער באקאנטער, — ווי

דאָס קבר "לעבט"... הגם דאָ וואוינט דער טויט, איז דאָס קבר אַזוי לעבעדיג און רירנד. דו זעסט די בלומען אַרום, בלויע און רויטע, וועלכע זען אויס ווי עלעקטרישע לאָמפּן. זיי באַלויכטן מיט פרילינגס-קאָלירן דעם פּאָעט'ס לעבן און טויט....

— ווירקלעך! מען פילט אַ הייליקן ציטער דאָ שטייענדיג. דער טויט וועקט פּיעטעט... כבוד... אכטונג... ווי די בלומען בליען אַזוי שיין. זיי זיינען אומעטיג — און דאָך פייערלעך....

— איך זע אָבער אַ סך ווערם, שפּינען, מוראַשקעס, שרצים... ווי שרעקלעך עס איז! ווערם, ווערם אין קבר, איבערן קבר, אַרום קבר....

עס זיינען ווירקלעך געווען זייער אַ סך ווערם. איך בין געבליבן איבער-ראַשט. אַ טרויער האָט מיך באַהערשט. ווערים האָב איך נישט געזען נאָך אין קיין שום אַנדער אָרט....

מיר האָבן זיך געזעצט אויף אַ הילצערנער באַנק.

— ווי שיין איז דאָ! — האָב איך געזאָגט, באַטראַכטענדיג דעם שיין-רו-היגן, סימעטרישן בית-עולם, וואו די קברים האָבן אויסגעזען ווי שיין-געשני-טענע, פּירקאַנטיגע שטיינער, סקולפּטורן.

— יאָ, ווי שיין! נו, זייט איר צופרידן?

— זייער?

— האָט איר פאַרגעסן אינ'ם מיטינג, אין דער רעוואָלוציע?!...

—איך האָב נישט פאַרגעסן, אָבער די נאַטור און אַ שיינע פרוי מאַכן לייכ-טער אַ מענטשן דאָס האַרץ...

— אַ דאַנק פאַרן קאָמפּלימענט. דערמאָנט אייך אַז איר זיצט צווישן קברים. די טויטע זיינען אייפערזיכטיג... און דאָן — דאָ ליגן אַ סך שיינע פרויען....

— פרויען... זיי זיינען דאָך שוין טויט... זיי זיינען מער נישט שיין. אַ, ווען מען זאָל איצט עפענען די קברים — ווי מיזעראַבל וואָלטן זיי אויסזעהן... איר וואָלט די פּנימער זייערע זען, צעפוילט און צעפרעסן פון ווערם — און מער פון אַלעם צעפרעסן פון גרעסטן וואָרם: פון דער צייט...

— אָבער זיי זיינען געווען שיין... ווי ברוטאַל איר רעדט אין אַנגעזיכט פון טויט... טאָמער הערן זיי....

— איר זייט אַ ליבלעך קינד, מיין פריינדין! איר רעדט וועגן זיי ווי אַ קינד. דאָס איז נישט טרויעריג און נישט פריילעך. די נאַטור האָט אירע באַ-שטימטע לאָגישע געזעצן... דער טויט איז פּונקט אַזאַ געזעץ ווי דאָס לעבן

... דער טויט פֿאַרענדיקט אַלץ. קיין שום זאַך עקזיסטירט נישט אייביק. קיין אָפּוויכונג פֿון נאַטורס געזעצן קומען נישט פֿאָר. מיר גלויבן נישט אין נסים, ווייל זיי זיינען געגן די אוניווערזאַלע געזעצן....

— אָבער....

— קיין שום אָבער ... אַלץ מוז מאַכן פּלאַץ פֿאַרן נייעם. וואָסאַרא כאַאָס פֿון אידעען און פֿאָרמען וואָלטן געהערשט, ווען די אַלטע דורות זאָלן לעבן.... עס וואָלט געווען אַן אומענדלעכע קריגעריי. דער אַלטער דור שטאַרבט נישט בלויז ווייל ער איז קערפּערלך אַלט — נאָר ווייל ער איז גייסטיק קאָנסערוואַטיוו, אוננוצלעך....

— נו, און דער נייער דור וועט נישט ווערן אַזוי?!...

— געוויס וועט ער ווערן און ... אויך שטאַרבן!

— ווי ברוטאַל!

— דאָס איז נישט ברוטאַל. "סע לאַ וויו" — זאָגט דער פֿראַנצויז. ס'איז דאָס לעבן. דער טויט העלפֿט דעם לעבן. מיר, אידיאָטן, באַדויערן זיי — אין דער צייט ווען מיר האַלטן זיי שטענדיק ווי מענטשן ... ווי מיר ... דאָס איז פֿאַלש ... זיי זיינען איצט שטויב, בעמישע שטאָפֿן, אַזוי טויט און קאַלט ווי די מצבות אויף זייערע קערפּערס ... ווען די צייט וועט קומען וועלן מיר אויך שטאַרבן ... נייע דורות דאַרפֿן דעם פּלאַץ ... ס'וואָלט פּשוט געווען אַן אונזין אייביק צו לעבן ... אונזער ליבע איז נאָר אין דער יוגנט ... לעבן אַן ליבע איז אַבסורד ... די ערד מוז האָבן אייביק — יונגע דורות, ליבע אַן ענדע, פֿאַרפֿלאַנצונג, נייקייט ... איך האָס די עלטער ... אָט דער פּאָעט דאָ איז געווען געזעצט ... ער האָט זיך געשאָסן אַן באַדויערן, גלויבנדיק אין אַ שענער לעבן, וואו דער טויט וואַרט נישט אָפּ ביים ברעג — דאָס לעבן צוזאַמען מיטן אוניווערזום מיט דער בלויקייט פֿון די הימלען מיט דער זון, שטערן און וואָלקענס ... אַ לעבן אָן אַ קורצן מענטשן-לעבן — נאָר אייביק, אייביק, אייביקייט...

— און די ליבע אַליין? איז זי נישט נאַריש, איז זי נישט אַ בלינדער נאַטור-געזעץ צו אירע פֿאַרטפֿלאַנצונגס-צילן, ווי ביי די חיות?

— דאָס איז ריכטיק! אָבער די ליבע — די פּלאַטאָנישע ליבע וואָס באַדינט די ריין-געשלעכטלעכע — איז אַ דאַנק דעם מענטשנס איידלקייט, אינטעליגענץ, פֿאַנטאַזיע און פֿייער געוואָרן אַ הערלעכע איבערלעבעניש וואָס שטייגט קאָלאָסאַל פֿיל איבער דעם ציל פֿון דער נאַטור...

— ווי שיין. איר זייט גערעכט....

איצט האָט זי געוואָרט אויף צערטלעכקייטן. אירע שיינע אויגן זיינען

פול געווארן מיט יענער פליסיקייט וואס מאכט פייכט די אויגן און דעם האלז אין באזונדערס צערטלעכע מאמענטן. . . .

איך האב איר א קוש געגעבן אין דער האנט.

איר קושט מיינע הענט, זיינען זיי דען שיין? אזעלכע רונדע, דיקלעכע רויטע הענטלעך האב איך נישט באגעגנט ביי קיין שום פרוי.

— אויב זיי זיינען אייערע, זיינען זיי שיין. . . .

— נו, די פרויען דא וועלן אייך ווירקלעך גראטולירן פאר אזא קאמפלימענט.

— וואס גייען זיי מיך אן?... פאר מיר זיצט א וואונדערשיינע פרוי. לאמיר געניסן פון שיינעם אויגנבליק.

— בין איך ווירקלעך אזוי שיין. מיין מאמע זאגט, אז כ'האב א פנים וואס ווערט פעט און כ'וועל דיקער . . .

כ'האב זי אנגעקוקט. איר בלוזע איז געווען דורכזיכטיג און כ'האב געזען דאס ראזע לייב פון אירע שטארקע, גרויסע סלאווישע בריסטן, מעכטיג און ווי פון שטאל געשמידט. דעם האלז וואס פארבינדט דאס דיק־שיינע געזיכט מיטן מעכטיגן קערפער. אירע פיס האבן געלויכטן מיט א ווילדער תאוה און קלאר־קייט פון אונטערן קלייד. פלוצלונג איז מיר דורך א געדאנק אין קאפ :

אט, א ראזער, שטארקער קערפער — און דער טויט נעמט אים צו. ווערים עסן די בריסט. שלאנגען נאגן דעם זאפט פון אירע שיינע, רונדע היפטן. ארום דעם האלז קריכן שרצים. אירע אויגן — אזוי שיין איצט, מיט זון־עלעמענטן אין זיך — וועלן צערינען . . . א הערלעכער קערפער וועט פארוואנדעלט ווערן אין שטויב . . . ווייסט זי עס; ווען זי ווייסט עס — וואלט זי זיך געווארפן אין מיינע ארעמס, שנעל צו געניסן א זיס־שרעקלעכן מאמענט פון אומענדלעכער ליידנשאפט און גליק. . . .

כ'האב זי ארומגענומען מיט די ארעמס — און זי צוריק אפגעלאזט. די פיעטעט פאר איר קערפער האט מיר געליימיגט די ארעמס. זי איז געווען זייער שיין איצט, ווען די פייערן פון ליידנשאפט און שעמעוודיקייט האבן געצונדן איר פנים און אירע אויגן; דאך — איך האב זי ווילד באדעקט מיט קושן. . . .

— אך, וואס איר זייט! ווי די מענער זיינען געמיין! צווישן קברים — מיט אזעלכע מאניערן און אפענקייט. . . .

— זיי האבן אויך גענאסן זייער גליק און ליידנשאפט . . . אויב זיי טראכ־טען, טראכטן זיי געווים איצט פון די ליבע־נעכט אין די בעטן. . . .

— ווי קענט איר אזוי רעדן?

— דאס איז גאנץ נאטירלעך . . . אנדערע וועלן אמאל דא זיצן אויף דער זעלבער באנק און רעדן אזוי נעבן אונזערע קברים. . . .

— נאָך צייט פאַר אונז. . . .

— איך ווייס, עס איז נאָך צייט . . . איך ווייס אויך אַז איר ווילט כסדר אַזוי זיצן און אויסהערן אַט די רייד נעבן די קברים. . . .

— פאַרוואָס ?

— ווייל עס איז שוין אַזוי די אייגנשאַפט פון די מענטשן צו באַדויערן — אָבער אין דער אמת'ן פילן זיי אַזאַ מין גרויסע פרייד, טראַכטנדיק : זיי מעגן ליגן אין דר'ערד . . . ס'איז אנגענעם צו געניסן פיזישע פאַרגעניגענס, ווען מען ווייסט אַז יענע ווערן פיזיש צעפוילט . . . מיר נעמען אַ געוויסע נקמה אין טויט. . . .

—ווי אומפאַרשעמט איר זייט. דאָס קען נאָר אַ פּאָעט . . .

אירע לאָקן האָבן אין דער זון געברענט ווי גאָלד, שטאַרק אָפּגעפּוצט. אַלע אירע גלידער האָבן געאָטעמט מיט פרייד — און די דאָזיגע פרייד צוזאַמען מיט די זון־שטראַלן איז געפאַלן אויף די קברים, זיי באַלויכטן, זיי באַלעבט . . . די ווערים אויף דער ערד זיינען פריידיגע געלאָפן, שנעל שפּרייזנדיג און שמעקענדיג, זיך אָפּשטעלענדיג. די בלומען זיינען אין זון־שיין געוואָרן מיד און האָבן אויסגעזען ווי פון קופּער און מעש און די געלע פאַרב פון זשאַבעס־רוקנס...

— עס איז שוין שפּעט, איך מוז אַהיימגיין צו מיטאָג! — האָט גאָלדע געזאָגט.

מיר איז פּלוצלונג געוואָרן טרויעריג. ווי לאַנג די פרוי איז געווען מיט מיר, איז מיר געווען גוט. אָבער ווי נאָר זי האָט זיך גרייט געמאַכט אוועקצוגיין — האָט מיך אַ שרעקלעכער אומעט, ווי אַ גאָלדענע קעניגין איז אַ שוואַרצער פּאַלערינע, געפּאַנגען.

— וועט איר קומען די וואָך אין פאַראיין? — האָב איך איר מיט אַ ציטערענדיגער שטימע געפרעגט.

— פאַרוואָס נישט?! אפשר מאָרגן אָוונט. צווייגנבוים גלייכט מיך זייער.

— אייך גלייכן אַלע מענער. . . .

— דאָס איז ווידער אַ גוטער קאָמפּלימענט. וואַרט צו, מיר גייען שוין אוועק פון די שיינע פרויען אין די קברים . . .

איך האָב ווירקלעך געפילט ווי די קברים ווערן אומעטיג און באַדויערן אונזער אוועקגיין . . . אַ שאָטן פון מעלאַנכאָליע איז דורכגעגאַנגען דעם בית־עולם.

די פאָרטרעטן אויף די קברים האָבן אומעטיג געשמייכלט. . . .

איך האָב זי אַהיימבאַגלייט און שפּעטער אוועק אין מיין קליינעם צימערל, איבערלעבן די גליקלעכע מאָמענטן און דאָן, אין אָוונט, אָנהויבן צו בענקען. . . .

די קעניגין

עס איז געקומען פריטיק אָוונט. מיר האָבן באַשטימט צו גיין שפּאַצירן אויף אַ גאַנצע נאַכט. אין פאַריין איז געווען גאָלדע, אַ פרייליכע, ניט קיין אויסגעפּוצטע. איר קראַפט איז באַשטאַנען אין איר שיינקייט — נישט אין די קליידער. אַרום עלף אַזייגער זיינען מיר אַראָפּגעגאַנגען איבער די טונקעלע, פּלעמישע גאַסן, צום בולאַ־פּאַרק. דאָס איז געווען אַ ווייטער וועג. די נאַכט איז געווען אַ לויטערע, קלאָרע. מיר האָבן אַלע גערעדט און געפלירטעוועט מיט גאָלדע׳ן. זי איז געווען די קעניגין, די אַבסאָלוטע הערשערין. . . .

ווען עס איז געקומען אויפן פעלד, בין איך און גאָלדי געגאַנגען פאָראויס. זי איז געווען פריילעך. הינטער אונז האָבן מאַרשירט די איבעריגע „בינען״. . . מיר האָבן גערעדט איבער אַלץ אין דער וועלט.

— ווי אַלט ביסטו ? — פרעגט זי מיך.

— אַכצן יאָר !

— אַכצן יאָר ? אַ, אַכצן יאָר ? ! דאָס איז דאָך אַזוי שיין! אַזאַ קליין אינגל, אַן אַכצניעריקער . . .

און זי האָט אָנגעהויבן האָסטיקער צו גיין און איר בוזעם האָט געשלאָגן שטאַרקער.

מיר האָבן זיך אַלע געזעצט אויפן אָפענעם פעלד — אין פּאַרק. יעדער פון אונז איז געווען באַגייסטערט פאַר גאָלדע׳ן. יעדער פון אונז וואָלט אויפגעשניטן זיין בוזעם און איר באַוויזן ווי רויט עס איז זיין האַרץ. . .

— די לבנה איז היינט אַזוי פּאַעטיש — האָט גאָלדע באַמערקט.

— מערקווירדיק ! — האָט זיך אָנגערופן צוויג, אונטער אונז גייענדיק. — די לבנה איז שוין אַזוי פיל מאָל באַזונגען געוואָרן און דאָך פאַרלירט זי נישט איר שיינקייט. איר געהיימניספולע קראַפט . . . זי איז נישט באַנאַל !

— באַנאַליטעט און געהיימנישפולקייט זיינען ריין־מענטשלעכע באַגריפן — האָט זיך אָנגערופן דער קובאַנער. — אין דער נאַטור איז נישט פאַראַן קיין שיינקייט אָדער מיאוסקייט.

— די לבנה זעט אויס ווי דאָס רויט־אָפּגעפאַרבטע געזיכט פון אַן אינקאַ־קעניג — האָט אַן אַנדערער באַמערקט.

—דאָס איז שיין. אָבער איך זע אין איר געזיכט אַ שווינדזיכטיקע גאַסן־פרוי . . . .

—די קאַמעליענדאַמע וועלכע שטאַרבט פון שווינדזוכט און ליבע ! — האָט באַמערקט דער קובאַנער.

— דאָס זיינען אַלץ אַלטע מעטאַפאָרן — האָט געזאָגט צווייג. — ווען איך וואָלט געווען אַ פּאָעט, וואָלט איך אין דער לבנה געזען אַן איינזאַמען, געלן ספינקס אין אוניווערס . . . .

— דאָס איז צופיל איבערטריבן. עס איז נישטאָ קיין שום ענלעכקייט צווישן דער לבנה און אַ ספינקס . . . .

— עס מוז נישט זיין ענלעכקייט. ווי נאָר איך זע מיט דער קראַפט פון מיין פאַנטאַזיע אַ ספינקס, ווען עס שוין אויך אַנדערע זען. פאַרן ערשטן מענטשן איז די לבנה געווען אַ לויכטנדיקער, געשטאַרבענער פּלאַנעט. ערשט שפּעטער — דורך די פּאָעטן — איז עס געוואָרן אַ פרויען-געזיכט, אַ רויטע רויז אין הימל, אַן איינזאַמער שלאָס, אַ קרעטשמע. . . .

— די לבנה איז ענלעך צו גאָלדע׳ס געזיכט ! — האָב איך הויך געזאָגט.

— יאָ, יאָ, יאָ ! — האָבן אַלע אונטערגעכאַפּט, — די לבנה איז ענלעך צו גאָלדע׳ן . . . די זעלבע רויטע לאָקן, דאָס רונדע, ספינקסישע געזיכט !

גאָלדע איז געווען אַנטציקט.

אַלע האָבן געגליט אין באַגייסטערונג פאַר איר.

— עס איז בעסער — האָט צווייג באַמערקט, — אַז גאָלדע זיצט צווישן אונז איידער אין הימל, און די לבנה איז דאָרט אויבן . . .

— פיליכט וואָלט עס בעסער זיין — האָב איך זיך איראָניש אָנגערופן — אַז גאָלדע וואָלט זיין אין הימל און די לבנה אויף דר׳ערד. . .

גאָלדע איז געלעגן צווישן אונז, נעבן מיר. איך האָב געהאַט אַ מאָדנע דראַנג צו באַרירן אירע בריסט. וועלכע האָבן זיך געהויבן אין דער הויך, פול מיט אָטעם. זי איז געווען באַשיינט פונם נאַקעטן לבנה־ליכט, האָט אויסגעזען ווי אַ סטאַטוע פון מאַרמאָר, נישט ווי קיין געוויינטלעכער מענטש. דער וואָרים פון אייפערזוכט האָט אין אונזערע אויגן געלויכטן. גאָלדע האָט געוואוסט אין וואָסערע געפילן מיר געפינען זיך.

— אַלץ וואָס עס עקזיסטירט און זעט אונז אויס ווי אייביקע אמת׳ן, איז אַ פּראָדוקט פון דעם פּאָעט׳ס פאַנטאַזיע. פאַר בוירדסלי האָט קיינער נישט גע־

וואוסט אין לאנדאן פון די ארעאלן ארום די לאנטערנעס, איז נעפל. ער האט זיי „אנטדעקט" דער ערשטער. . .

— דאס איז זייער ריכטיק, — האט צווייג געזאגט. — קיין „אמת'ע" אמת'ן זיינען איבערהויפט נישטא. מיר נעמען אן זאכן פאר אמת'ן. . .

גאלדע האט די גאנצע צייט געקוואלן, געוואוסט, אז דער געשפרעד בליט און וואקסט א דאנק איר. זי איז דער איינציקער „אמת" דא. . .

— און איך גיי זאגן עפעס נייעס וועגן דער לבנה — האט גאלדע זיך געכאפט. — הגם עס איז אביסל צו שפעט. פאר מיר איז די לבנה א ריזיקע ביין, א בלאנדע, וואס שפרינגט ארום איבער די ריזיקע וואלקנבלומען און זויגט דעם גאלד־זאפט אויס. . .

— שיין, שיין! — האבן אלע געשטורעמט. — גאלדע איז א פאעטעסע.

— סאפא פון לעסביאס! — האבן עטלעכע געשריגן.

— יא, איך בין ענלעך צו סאפא איז א סך הינזיכטן! — האט גאלדע טרויעריק באמערקט. . .

— אזוי? — האט דער קובאנער זיך פארוואונדערט, — אין א סך הינזיכטן? אין וועלכע נאך? איר האסט פיליכט מענער און האט ליב פרויען?

— אפשר. . . — האט גאלדע געשמייכלט.

— טא וואס־זשע זיצט איר מיט אונז? — האט א שטילער יונגערמאן געפרעגט. . .

— כדי איר זאלט מיך ליבן. . .

— ווען איר קענט נישט ליבן קיין מאן, צו וואס־זשע באדארפט איר אונזער ליבע?

— אזוי איז מיין נאטור. איך גליך ווען מען ליבט מיך. . .

— און איר?

— איך קען נישט צוריקליבן. . . אזוי, עס איז זייער אנגענעם געליבט צו ווערן. . :

— ווען מען קען צוריקליבן . . . — האט איראניש באמערקט דער שטילער יונגערמאן.

— פיליכט וועל איך צוריקליבן. . . — האט גאלדע אביסל אומעטיק געענטפערט.

— אבער איר זעט נישט אויס צו זיין אזעלכע וועלכע ליבט נישט קיין מענער — האט דער קובאנער באמערקט.

— מען מוז נישט אויסזען שטענדיק אזוי. — האב איך געזאגט. — איבעריגנס, גאלדע האט א מענלעך־מאסיווע, שטארקע פיגור. . .

•

— דאָס בעסטע וואָלט זיין — האָב איך געזאָגט — ווען די צוויי געשלעכ־טער ווערן ווידער איינס, רעפּראָדוצירן זיך מעכאַניש, אַז צו שוואַנגערן, ווען מאַן און פרוי זיינען איין וועזן, וואָלט די מענטשהייט געווען פולקאָם, אַ סך טראַ־געדיעס וואָלטן שוואַכער געוואָרן, האַרמאָניע וואָלט געהערשט צווישן די מענטשן, בענקשאַפט און ליבע וואָלטן אונטערגעגאַנגען. דאַגעגן וואָלט געבליבן די ליבע צווישען די מענטשן זעלבסט. ס'וואָלט נישט זיין קיין געשלעכטלעכע ליבע . . . נאָר אַ מענטשהייטס־ליבע, אַ ליבע אַלס פּראָדוקט פון רו, פרייהייט און האַר־מאָניע . . .

—בי־סעקסואַליטעט וואָלט אָפּגעשאַפט אינטערעס אין לעבן — האָט דער קובאַנער געזאָגט.

— ניין, עס וואָלט געשאַפן אינטערעס אין העכערער פּאַרפולקאָמונג פון דער מענטשהייט. דאָס לעבן וואָלט געוואָרן אַ גן־עדן. די קונסט און דאָס לעבן וואָלטן געוואָרן — איין פולקאָמענע סינטעזע !

— אָסקאַר ווײַלד ! — האָט צווייג אונטערגעכאַפּט. — דאָס איז דאָך ווײַלדיזם . . . אויך ער האָט געוואָלט דאָס לעבן פאַרוואַנדלען אין קונסט . . . און האָט אַזוי טראַגיש געענדיקט.

— טראַגיש. ווייל בלויז ער אַליין האָט געוואָלט דאָס לעבן אָנפילן מיט קונסט. טראַגיש — ווייל אין אַ געזעלשאַפט פון פיליסטער. ווײַלד האָט באַ־דאַרפט געבוירן ווערן אין די ציטן פון פּלאַטאָ — אָדער טויזנט יאָר שפּעטער, פון דער איצטיקער צייט ! — האָב איך געזאָגט.

— ווײַלד איז אַ טראַגעדיע דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַן אַנטיטעזיס צום ענגלישן פּוריטאַניזם — האָט גאָלדע זייער ריכטיק באַמערקט.

— אין ווײַלד'ן — האָב איך אָנגעהויבן — זע איך די טראַגעדיע פון אַ ריזיקן שמעטערלינג וואָס האָט די וועלט געוואָלט פאַרוואַנדלען אין אַ בלום צום לעקן האָניק און גאָלד . . . ווײַלד איז געבוירן געוואָרן פאַר פרייד, צו גליק און טריומף. ער האָט נישט געקענט לעבן אין אַ וועלט פון טרויער. ווײַלד'ס פליגל האָבן נאָר געקענט גלאַנצן אין זון־ליכט. אַז זון איז פאַר אים געווען אַ פינצ־טערע נאַכט, ווי דער געלער האַרבסט איז פאַרן שמעטערלינג און נאַכטיגאַל; אין אים איז געווען דאָס צאַרטע און גלייכצייטיק העראָישע רייסן זיך צו דער זון, ווי איקאַר. אָבער די זון ליידט נישט קיין העלדן און האָט איקאַר'ס פליגל צע־שמאָלצן ווי פּוטער, הגם זיי זיינען געווען פון ריינסטן פּלאַטין. אָט דערפאַר איז די טראַגעדיע פון ווײַלד'ן — ווייל אַ זון־קינד איז דורך צופאַל אַריינגעפלויגן אין די קאָסמישע רעגיאָנען פון אייביקער נאַכט און פינצטערניש . . .

— ריכטיק! ריכטיק! — האבן אלע באמערקט. אבער איך האב געזען ווי גאלדע'ס אויגן גלאנצן לײדנשאפטלעך אין מײן זײט. „דו ביסט אזוי גײסטרײך!" — האט זי שטילערהײט געשעפטשעט. — „ביסט פול מיט שײנקײט!..."

— פול מיט שײנקײט קען איך נאר זײן, ווען דו וועסט האבן א טײל אין מיר. — האב איך מיט פארטערטע אויגן געזאגט. — פול מיט שײנקײט קען איך נאר זײן ווען די זון וועט לײכטן אין אוניווערז פון מײן בוזעם, און — די זון ביסטו אלײן, גאלדע...

די איבעריגע האבן באמערקט ווי איך סוד'ל זיך מיט איר. זײ זײנען געווען אײפערזיכטיק. מיר האבן זיך אויפגעהויבן און אהײמגעגאנגען. גאלדענער האניק איז געלעגן צעווארפן איבער די וועגן און פעלדער פון דער לבנה. בײם הויז פון גאלדע'ס פאמיליע האט זי בײ מיר גענומען דעם אדרעס פון מײן צימער. מארגן אינדערפרי וועט זי קומען... זי האט מיר געקוקט אין די אויגן ווי מיט צווײ העלע ברילײאנטן. זי איז ארײן אין הויז. איצט זײנען מיר אלע — פינף מענער־פארערער פון גאלדען — געגאנגען שטילערהײט איבער דעם שאסײ. די סעניגין אונזערע איז אוועק פון אונז... יעדנס הארץ איז געווען רויט פון דאנקבארקײט, ליבע און אײפערזוכט צו איר...

די לבנה האט געלויכטן ווי א געהײמנישפולע זון פון אן אנדער אוניווערז. אלץ האט געגליווערט אין מארמארנער שײנקײט און מאיעסטעטישקײט אונטער איר....

אין מײן קלײנעם צימער האב איך אין געדאנק. פארן אײנשלאפן, איבערגעחזר'ט די געשפרעכן, די סצענעס און דאן בין איך צו צום פענצטערל געסוקט אויף דער לבנה, וועלכע האט מיר ווירקלעך אויסגעזען ווי גאלדע'ס רונד געזיכט, מיט רויטע, בראנזענע לאקן, מיט גרויסע אויגן, צעווארפן און צעגלאנצט איבערן גאנצן געזיכט...

קוקנדיק אויף דער לבנה, בין איך טרוימענדיק אײנגעשלאפן בײם פענצטערל זיצנדיק. איצט — האט זיך מיר געדאכט — אז אויף א לײטער קריכט אראפ די לבנה, א פעטע, דיקע פרויען־געשטאלט און קושט מיך ביז משוגעת מיט אירע פעטע ליפען, ווי פון רויטע, הארטע לעדער, און קושט ארויס פון מיר דאס בלוט, בלויז לאזנדיק דארט די ליבע אלײן... די גרויסע ליבע צו גאלדע! ... דער לבנה אין הימל פון מײן בוזעם... א ליבע, וואס פארברענט אלץ, ווי א געלע, טרוקענע סאהארא...

באַזוך

אינדערפרי האָב איך דערוואַכט אַ פרישער און גליקלעכער. מיין קליין דאַך־שטיבל האָט געלויכטן מיט ראָזע זון־שטראַלן, — ווי אַנגענעם עס איז אין אַ זוניקן פרימאָרגן צו וואַרטן אויף אַ פרוי, וועלכע מען האָט נאָך נישט ליב — אָבער פון וועמען עס ווערט וואַרם אין די אָדערן, טראַכטנדיק. ווי אַנגענעם עס איז צו פילן אַז אָט קומט די פרוי וועלכע וועבט זיך אין דיין האַרץ אויס צו אַ גרויס געפיל פון ליבע. . . .

אָבער, דער פרימאָרגן איז אַוועק, און דער נאָכמיטאָג איז אַ גליענדיקער פאַרבייגעגאַנגען. גאָלדע איז נישט געקומען. . . .

איז אָוונט בין איך אַוועק איבער די געסלעך, וואו רויטע פענצטער האָבן געלויכטן. אויס נקמה פאַרן נישט קומען פון גאָלדען, האָב איך פון אַ קאַפע מיטגענומען מיט זיך אַ פרוי. אין מיין צימערל איז געווען צעשפּרייט דאָס ליכט פון אַן איינצלנעם, וואַקסענעם ליכט. די פלאַכע מוזיק פון די קאַבאַרעטן אַרום האָט געשטראָמט אין וואַרעמען פאַרנאַכט אַריין דורכן פענצטער. די זון איז אונטערגעגאַנגען רויט, ווי אַ מידע, פעטע, גראַנדיעזע בין, האָבנדיק אויסגענאָגט דאָס גאַנצע גאָלד־האָניק פון דער הימלישער בלום . . .

די פרוי אין צימער איז געווען אומעטיק. אַ פרוי איז נאָר פריילעך דאַן ווען דער מאַן פאַרנעמט זיך מיט איר. טאָמער באַמערקט זי אינסטינקטיוו אַז דער מאַן האָט פאַר עפּעס אַנדערש אַן אינטערעס, בפרט נאָך ווען זי דערשפּירט אַז דער צענטער פון דעם אינטערעס איז אַן אַנדערע פרוי — האַסט זי דעם מאַן און די שטוב אין וועלכער זי געפינט זיך. . . .

זי איז געווען אַ בלוטיק רויט־האָריקע, מיט גרויע אויגן. איז ענלעך געווען צו אַ סקאַנדינאַווערין, הגם זי איז גאָר געווען אַ דייטשע, פון מינכען. נאָכדעם ווי זי האָט אויסגעטרונקען אַביסל וויין, וואָס איך האָב מיטגעבראַכט מיט זיך, האָט זי אָנגעהויבן דערציילן איר געשיכטע, וואָס האָט געקלונגען מאָנאָטאָן . . . .

„. . און אָט — ער האָט געקרענקט און געמאָלן, געמאָלן און געקרענקט...

געשפּיגן מיט בלוט און כסדר געשאַפן בילדער וועמעס פאַרבן זיינען געווען אַזוי

רויט, פונקט ווי ער וואלט אויף זיי ארויפשפייען . . . פאר מאדעלן פלעגט ער זיך ברייגגען אלטע לייט, קאליקעס און קארליקעס, בעטלערס, וואגאבונדן און גאסן־פרויען . . . און ער פלעגט זיי נישט האבן צו באצאלן אפילו פארן פאזירן. די זייער ארעמע פלעגן אפעסן א מאלצייט. די גאסן־פרויען האבן אים געליבט און פאזירט פאר אים נאקעטערהייט, פון וואס איך בין געווען זייער אייפער־זיכטיק . . . .״

זי האט גערעדט אומעטיק, און בלוטיקע טרערן האבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן. עס איז געווען אויף איר א רחמנות. זי האט ווידער גענומען א כוסה און ווידער אנגעהויבן צו ריידן, ווי צו זיך אליין. . . .

״. . .געקרענקט און געמאלן. געשפיגן בלוט און דאס בלוט פארוואנדלט אין גאלדענע בלומען אויף זיינע בילדער. פלאריאן ! — האב איך צו אים איינ־מאל געזאגט — און וואס וועט זיין מיט דיינע בילדער . . . קיינער קויפט דאך זיי נישט. וואס מאכסטו זיך נאריש ? בעסער הער דעם דאקטאר און טו וואס ער הייסט דיך טון — אפרוען זיך . . . פון דיינע מאזשגערייען וועט קיין ברויט נישט זיין . . . און דו ביסט אזוי קראנק ! — נו, האט ער מיר געענטפערט : הענטשכען ! ווייז נישט ! מיינע בילדער וועלן זיך אמאל פארקויפן אין די טויזנטער פראנקן . . . אז איך וועל זיין טויט — וועל איך ווערן אנערקענט, — פלעגט ער טענה׳ן. א משוגעת אזא . . .״

זי האט געשוויגן און ווי א שפין אין שפינוועבס, זיך פארקליבן אין ווינקל פון בעט און געוויינט.

— נו, און וואס איז געווארן ? — האב איך איר שוין א נייגיריקער געפרעגט.

— גארנישט איז געווארן. ער איז געשטארבן מאלנדיק די בילדער. . . זיי האבן אים באגראבן אויף „פער־לאשעז״, דעם ארימען יונג. און איך ? נו, וואס האב איך געהאט צו טון ?... האב איך זיך געטראפן מיט זיינע פריינט אן זיי האבן מיך אויסגענוצט. מיין מאן איז געווען א געניוס — האבן זיי מיר איינגערעדט. און איך בין אזוי ביסלעכווייז געזונקען. . . און איך ווייס נישט צי ער האט מיך אנגעשטעקט, צי וואס. . . טיילמאל האב איך פיבער און איך הוסט. . . א, איך ציטער פאר זיין קראנקהייט. . . איך האב מורא פאר איר — איך טאנץ, זינג, פארטויב זיך מיט מוזיק און פארטרינק די שרעק אין ווייך. . . א, גיב מיר א קוש. . . דו ביסט ענלעך צו אים, צו פלאריאנען. . . פארוואס ביסטו אזוי בלייך ? ליבסטו עמיצן ? ביסטו קראנק ? — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

זי האט גערעדט און גערעדט. נאר פלוצלונג האט די אלטע באלעבאסטע

פון הויז אַנגעקלאַפּט אין טיר און מיר דערציילט אַז אַ פרוי וויל מיך זען....

— הענטשכען, דו גיי שנעל אַראָפּ. איך וועל דיר מאָרגן זען. גיי שנעל, דו הערסט!

— נו, נו! איך ווייס שוין די קונצן. מיינער האָט אויך געהאַט לינקע געליבטע... געמיינט מען קען זיך נאָך פאַר עמיצן אַראָפּרעדן פון האַרץ.

זי האָט זיך אַנגעטאָן און איז אַוועק מיט אַ צווייטן אַרויסגאַנג צום הויף.

גאָלדע איז געשטאַנען אויפן שוועל, אַ שטראַלנדיקע, אַ פרישע, צעבליטע פרוי... איך בין געווען איבעראַשט.

— נו, וואָס מאַכט איר, אַבצן־יעריקער?

— זייער גוט, קומט אַריין צו מיר... — האָב איך ציטערנדיק געענט־פערט. — איר זייט זייער ווילקאָמען. איך וואַרט אויף אייך...

מיר זיינען געזעסן אין צימער. איר איז געפעלן די שטילקייט פון צימער. דער געהיימנישפולער אוונט צופאַלנדיק זאַכט, ווי אַ קראַנקער שמעטערלינג מיט ריזיק־שוואַרצע אָרעמס...

אויפן טיש זיינען געלעגן אַ סך צייטונגען און זשורנאַלן מיט מיינע נע־דרוקטע לידער און אַרטיקלען. זי האָט זיי געעפנט און געלייענט. צייטנווייז פלעג איך אַרויסקוקן דורכן פענצטערל און זען ווי די שיינעס גלאַנצן און וואַגאָנען שטייען איינזאַם אין דער טונקעלקייט, שימלען און זשאַווערן מיט געלע בלומען...

— און ווער זיינען די צוויי מענטשן אויף די בילדער?

— דערקענט איר זיי נישט? איינער איז נאַפּאָלעאָן, דאָס לעצטע בילד פון אים, גענומען אין סאַנקט־העלענאַ. דאָס איז אַ נישט־פּאָפּולערער פּאָרטרעט פון אים. דאָס צווייטע איז פון דיאָגענעס, דעם גריכישן ציניקער־פילאָזאָף, וואָס האָט זיך באַגנוגנט צו לעבן אין אַ פעסל...

— מערקווירדיק! צוויי קעגנגעזעצטע כאַראַקטערן האָט איר צוזאַמענגע־נומען אין אייער קליינעם צימער. צוויי שרעקלעכע קאָנטראַסטן. זייט איר אַן אָנהענגער פון זיי?

— מען קען נישט זיין קיין אָנהענגער פון ביידע. איינער איז, ווי איר באַמערקט, דער קעגנזאַץ פון אַנדערן. מען קען זיי נאָר פאַרשטיין און פאַרערן. הגם איך האָב טאַקע אין זיך די איינגשאַפטן פון ביידע. נאַפּאָלעאָנען קען מען נישט ליבן, פאַר זיין פאַרוואַנדלען די מענטשהייט אין זיין פוס־בענקעלע, פאַר פאַרגיסן אַקעאַנען בלוט צוליב זיין אייגענער קאַריערע. אָבער איך ליב נאַפּאָ־לעאָנען אַלס סימבאָל פון טראַגישן געניוס און טראַגעדיע. אין נאַפּאָלעאָנען — ווי אין קיין שום אַנדערן פּערזאָן אין דער וועלט־געשיכטע — אַנטפּלעקט זיך

דער הערָאיש־מענטשלעכער זשעני וואָס שטרעבט צו מאַכט. דער מאַן וואָס דערְאָבערט די ערד, וואָס וויל גרינדן אָריענטאַלישע און אייראָפּעאישע קעניג־רייכן, וואָס טראָגט זיך ביינאַכט איבער די ים־כוואַליעס צו נייע אימפּעריעס. אין אים איז פאַרקערפּערט דער דראַנג צו מאַכט, צו שטורם, צו באַהערשונג, צו גלאָריע. אין אים אַנטפּלעקט זיך די גיגאַנטישע מענטשהייט וואָס שטרעבט צו זיג און גרויסקייט. ווען ער האָט דערְאָבערט די ערד, שטרעבט ער, דער קאָסמישער זון־העלד, צו דערְאָבערן דעם אוניווערזום. אין מיטלאַלטער וואָלט ער זיך, ווי די רוימישע אימפּעראַטאָרן, געלאָזט פייערן אַלס וועלט־גאָט. ער איז דער אונ־שטערבלעכער סימבאָל פון דעם מאַן, וואָס ציט צום פייער פון רוים, קושט די אייביקייט אין ליבע צו גרויסקייט און מאַכט.

— און מיט וואָס איז ער טראַגיש?

— שוין דערמיט אַליין וואָס ער שטרעבט צו מאַכט. ער נייט איבער מי־ליאַנען טויטע קערפּערס צום זיג, באַפעלט אַרמייען און רעגירט פעלקער, גרינ־דעט קעניגטומס און דערהויבט די פּערזאָנען אין אַריסטאָקראַטישער אָפּשטאַמונג, דערְאָבערט די ערד און — דאַן קומט די אייביקע טראַגעדיע ; דער פּאַטום איז זיך נוקם אין זיגער; עס ווערט אים ענג די וועלט. ער ווערט, ווי אַלעקסאַנ־דער דער גרויסער, מיד און מעלאַנכאָליש. ווי צעזאַר, מוז ער פאַלן. נייע כוחות דערוואַכן. דער זונען־העלד מוז גיין אויפן פעלד פון סאַנקט־העלענאַ און קוקט אַראָפּ אין זון־אונטערגאַנג, זען ווי זיינע אַרמייען פלאַקערן אויפן פּורפּור־רויטן הימל און ווי די טויטע אַרמייען מאַרשירן אין די שוואַרצע כוואַליעס פון ים, צום שוואַרצן ליד פון טויט . . . און באַלד וועלן דעם זונען־זיגער פרעסן די ווערם.

— רירנד ! — און זי האָט געקוקט אויפן טונקעלן, מעלאַנכאָלישן געזיכט פונם זיגער־באַזיגטן . . . ער האָט ווי אַראָפּגעקוקט צו איר . . .

דאָס ליכטל האָט אומעטיק געברענט. איר געזיכט האָט געלויכטן ווי דאָס שטאָלצע געזיכט פון דעם שטיינערנעם ספינקס אין מדבר, ווען דער זון־אונ־טערגאַנג בראָנזט און באַגילדט עס מיט פאַרגליווערט פייער. . . .

— און דער צווייטער, דיאָגענעס, ער איז דער סימבאָל פון אַנטקעגנגע־זעצטן. זיך באַנוגענען מיטן ווייניקן. אַפילו אויסלעבן דאָס לעבן אין אַ פעסל, אינם קלענצטן ווינקל פון דער וועלט. אויך איך האָב אַ טייל פון אים. אָבער אין מיר איז מער פאַראַן דיג רויסאַרטיקע אַמביציע פונם ווילדען נאַפּאָלעאָן . . .

— דערפאַר זעסטו אַזוי שלעכט אויס, ביסטו בלייך . . . נאַפּאָלעאָן איז אויך געווען בלייך אין זיין יוגנט, דאַר און בלאַס, ווי ווייסער מאַרמאָר אויף קברים פון העלדן . . .

איך האָב געשוויגן און זי אָנגעקוקט. זי איז געווען זייער שיין.
— דו וועסט זיך פאַרליבן אין אַ מיידל, חתונה האָבן און פאַרגעסן אין נאָפּאָלעאָנען...
— אפשר בין איך שוין פאַרליבט?
— זייער מעגלעך. איז זי אַ שיין מיידל?
— ענלעך צו איך!...
— אַ סך ענלעך צו מיר? — האָט זי געפרעגט, ווערנדיק רויט...
— זייער אַ סך...
—איך האָף אַז דו ליבסט נישט מיך... אויב מיך, וועט עס זיין זייער טרויעריק פאַר דיר...
— פאַרוואָס?
— דו וועסט זען... ווייל איך האָב נישט ליב קיין מענער...
— ווי איז עס מעגלעך?
— אַזוי איז עס... איך גלייך נישט קיין מענער. איך האָב ליב זייער געזעלשאַפט. אָבער איך קען זיי נישט ליבן...
— ווען איך זאָל דיך ליב האָבן, צום ביישפּיל, וואָלסטו מיך נישט צוריק־געליבט?
— ניין! איך קען נישט ליבן... איך קען נאָר געליבט ווערן. מיך האָבן אַלע ליב. איך קען קיין מאָן נישט ליב האָבן...
זי האָט גערעדט מיט טרויער און באַדויערונג.
— דו ביסט אַזאַ שיין, גוט־אַנטוויקלט מיידל. ווי איז עס מעגלעך, אַז דו ליבסט נישט קיין מענער... וואָס איז דער מער מיט דיר?...
— אויב דו וועסט מיך ליבן, וועסטו זען... איך באַפעל דיר בעסער מיך נישט ליב צו האָבן. ס'וועט דיך טייער קאָסטן...
— מיר וועלן זען... אפשר האָב איך דיך שוין ליב...
— ס'וואָלט בעסער געווען אַז נישט. דו ביסט אַ מאָן, דאַרפסט ליבן אַן אַנדערע פרוי.
— און דו, ביסטו נישט קיין פרוי?
— איך ווייס נישט... וואָס קען מען וויסן... איך ווייס נאָר, אַז איך בין נישט קיין מאָן...
— דאָס איז מאָדנע, ווי דו ביסט...
— יאָ, זייער מאָדנע!... אויב דו וועסט מיך ליבן, איך וואָרן דיך, וועט עס זיין מער מאָדנער...

מיר זיינען שטיל און טרויעריק געבליבן. זי האט זיך גרייט געמאכט ארויפצוגיין. איך האב איר געהאלפן אנטון דעם מאנטל און אראפגעגאנגען מיט איר. נאכט קערפער האט געבליט אין מיליאנען ברילאנטענע שטערן...

מיר זיינען געגאנגען שטיל איבער די אלייען. עס איז געווען ענדע־ווינטער. א פרישער ווינט, נאך קאלט, האט געבלאזן. די שטערן זיינען געווען קלאר, ווי גרויסע געטער־אויגן...

— טיילוויז ווערן געבוירן מענטשן, וועלכע ווייסן נישט וואס זיי זיינען, די נאטור האט זיי נישט באשטימט וואס צו זיין...

— מאדנע! — האב איך געזאגט.

— יא, יא! מאדנע...

און זי איז אריין אין איר הויז.

— מיר וועלן זיך זען די טעג. כ'וועל קומען אין פאריין... — האט זי מיר נאכגעשריגן.

מאדנע! ווען אפילו זי ליבט נישט קיין מענער, וואלט איך זי אויך ליבן... זי האט עפעס אזא מאגישע אנציאונג אויף מיר... זי איז ווי א שטיק פייער, מיך ציט צום פייער, ווי דער שמעטערלינג. זאלן נאר מיינע פליגל בלייבן גאנץ...

אין קינאָ

אינדערפרי האָב איך אויף איר געוואַרט ביים באַנהויף. אַ סך האָבן גע־וואַרט אויף זייערע געליבטע, די געליבטע זיינען געקומען און אַוועקגעגאַנגען. איך האָב נאָך אַלץ געוואַרט. אַ שטונדע. כ׳בין געווען נערוועז, בין אַוועק, דאַן ווידער געקומען. ענדלעך איז זי דערשינען, אין אַ מאַנטל מיט אַ ווייסן, פוטער־נעם קאָלנער. אַ בלייכע.

— גוט־מאָרגן, גאָלדע! פאַרוואָס אַזוי שפּעט?

— איך בין געווען ביים דענטיסט. געליטן שרעקלעכע שמערצן.

— נו, גייען מיר?

— קום, מיר וועלן נעמען אַ שפּאַציר איבער דעם בולוואַר.

די ״קייזערלייך״, דער שענסטער בולוואַר, איז געווען שיין אין זיין ווינטער אויסזען. געלע בלעטער זיינען געלעגן אויף די בולוואַרן. די שויבן פון שוי־פענצטער, די טירן און פענצטער פון קינאָ, אויטאָמאַטס און טעאַטערס, זיינען גערייניקט געוואָרן דורך געוויינטלעכע מענטשן. ווער קען זיך עס פאָר־שטעלן אין אָוונט, ווען אַלץ איז באַגאָסן מיט ליכט, אַז אינדערפרי זעט עס אויס אַזוי ניכטער, פּראָזאַיש און געוויינטלעך. אַזוי פילט מען אַ פּיום־רויכערער נאָך דער נאַכט פון וויזיעס און אילוזיעס, אַרויסקוקנדיק דורכן פענצטער און זעענדיק אַ ברודיקן, פאַרפלעקטן, שוואַרצן שניי.

מיר זיינען געגאַנגען שווייגנדיק איבער דער גאַס. די גרויקייט האָט מיר געשענדעט די נשמה . . .

איין זאַך איז אָבער געווען שיין און וואונדערלעך: אַ בלינד מיידל, אין אַ בלויען קלייד, איז געזעסן נעבן אַן אַלט, פלעמיש הויז אויף אַ נידעריק בענ־קעלע; אַרום איר זיינען געשטאַנען וואָזאַנען, טעפּ און וואַזעס מיט וואונ־דערלעכע בלומען פון אַלע פאַרבן און קאָלירן; אַזוי ווי עס איז געווען אַ קאַלטער, פאַרנעפּלטער פרימאָרגן, האָבן די בלומען זיך קעגנזייטיק געטוליעט. ס׳איז זיי געווען קאַלט און אומעטיק. אויך דעם בלינדן מיידל איז געווען קאַלט און אומעטיק.

גאָלדע האָט אויסערגעוויינטלעך ליב געהאַט בלומען. און איך האָב אין טאַש בלויז געהאַט צען פראַנק, וועלכע כ'האָב באַדאַרפט אויף אַ מאָלצייט . . .

— געפעלן דיר די בלומען, גאָלדע ?

—אַ, זיי זיינען אַזוי שיין . . .

מיר זיינען צוגעגאַנגען און זיך איינגעקוקט אין די פּייכטע בלומען, ווי געזיכטער פון פרויען, פייכט פון טרערן און פּאַרפיום. עס זיינען געווען אַ סך וואָס האָבן שוין געוויאַנעט — און זיינען געווען אַזוי טרויעריק־שיין אין זייער קעניגלעכן וויאַנען. . . עס זיינען געווען אַ סך טונקל־רויטע, ליידנשאַפטלעכע, ווילדע בלומען, אויף וועלכע איך האָב געהאַט מיטלייד, ווייל זיי זיינען אַן אַ טרייסט געשטאָרבן. עס זיינען געווען וואונדערלעכע וואַסער־ליליען, ווי קראַנקע, מעלאַנכאָלישע פּרינצעסינס' צאַרט און טרויעריק, ווי אין געפאַנגענשאַפט . . .

גאָלדע האָט ליב געהאַט ווייסע ליליען. אויך איך. אָבער רויטע בלומען האָבן מער אויסגעדרוקט מיינע געפילן. זיי זיינען סימבאָלן פון ליידנשאַפט. איך האָב געקויפט די רויטע בלומען פאַר צען פראַנק.

גאָלדע האָט געקוקט מיט טרערנפולע אויגן.

— נו, נעם זיי !

— וואָס ? — האָט זי זיך פאַרוואונדערט, — זיינען זיי פאַר מיר ?

— פאַר וועמען דען האָב איך זיי געקויפט ?

— איך דאַנק דיר, איך דאַנק דיר ! — האָט זי געשעפּטשעט געריר־טערהייט.

מיר זיינען געגאַנגען איבער דער גאַס, צום האַפן צו. דאָן זיינען מיר געשטאַנען ביים וואַסער. שיפן זיינען אַפּגעשוואומען און צוגעקומען. די שענסטע שיפן זיינען געווען די קלענסטע, די ווייטסטע, נישט דערנענטערנדיק און נישט דערווייטערנדיק זיך פון אונז, ווי שטייענדיק ווייט, ווייט, אינמיטן גרויען, מאַטן וואַסער . . . די ווייסע מעוון מיט רויטע אויגן, ווי קראַליקעס, זיינען אַרום אונז געפלויגן, צערטלעך־משוגענע, אומעטיקע ; זיי האָבן זיך אַרונטערגעלאָזט נידע־ריק, צו דער ערד, געמאַכט קרייזן ווי שוואַלבן. אויף אַלע האָב איך געקוקט ווי אַ פאַרליבטער, מיט אויגן וואָס זען אין אַלעם די געליבטע. . .

— דו ווייסט, — האָט גאָלדע געזאָגט, — איצט זיינען די בלומען שענער ווי פריער . . .

— דאָס איז דערפאַר, ווייל מיט בלומען איז דער פאַל ווי מיט פרויען. . .

— וואָס הייסט ?

— אַ סך פרויען מאַכן אויף מיר אַ קלענערן איינדרוק ווי איין פרוי. אַ סך בלומען זיינען אַ סימפאָניע פון קאָלירן און מוזיק־טענער. זיי ווירקן אויף

אונז אין אלגעמיין, אלס מין. מיר קענען צווישן זיי נישט זען די איינע, ווייל דער אייפערזוכט פון די אנדערע שטערט. ווען מיר שטייען נעבן איין בלום, אין פארנאכטנגאלד פון זון־אונטערגאנג, ביים פענצטער, לעבן מיר איבער איר שמערץ און אומעט איר אגאניע . . . מיר זען ווי זי צעפאלט . . . ביי א סך בלומען קענען מיר דאס אלץ רואיק נישט באטראכטן. מיר ווערן פארכאפט פון א שלל צוו־בערלעכע פארבן און צארטע ניואנסן. בלויז איין פרוי ליב איך און זע ווי שיין זי לעבט, בליט, ווערט רייף, שמייכלט, אטעמט און גליט . . . דעם פלאם־געפיל צו איין פרוי קען איך נישט איבערלעבן צווישן א סך פרויען . . .

— זייער ריכטיק!

זי האט געביסן די בלעטער פון די בלומען. איצט האבן אירע דיקע ליפן געבלוטיקט מיטן דופט פון די רויטע בלומען. וואסערא צארטן פארפיום־בלוט די בלומען באזיצן . . .

— ביים נישט גאלדע, די בלומען. עס טוט זיי ווײ. . .

— איך גלויב נישט אז עס טוט זיי ווײ . . .

— ווי קינדיש דו ביסט, גאלדע! האסטו נישט געלייענט דאס בארימטע ווערט פון מאריס מעטערלינק "די אינטעליגענץ פון די בלומען" ?

— ניין!

— אך דאס איז א הערלעך בוך וואס דעקט אויף א זיידענעם פארהאנג איבער דער וועלט פון די צארטע בלומען־וועזנס.

— דערצייל מיר וועגן זיי!

— עס איז דא א סך צו דערציילן. דו ווייסט דאך, און דארטן ווערט עס באשטעטיקט, אז בלומען האבן א פארלאנג זיך צו פארשפרייטן אויפן גאנצן פלאנעט. זיי ווענדן אן דאס צו רעאליזירן פארשידענע טריקן און מעטאדעס, אין וועלכע עס אנטפלעקט זיך זייער הערלעכע אינטעליגענץ. שיין איז ווי זיי עקספלואטירן די בינען און אינזעקטן, וועלכע קומען צו זיי שכור ווערען פון זייער זאפט — מיט די דאזיקע בינען און שמעטערלינגען שיקן זיי מיט זייערע גרויסן־זוימען פון לעבן איבער פעלדער און וועלדער, איבער ברעגן און פעלזן און פאנטאסטישע פלעצער. זיי פראדוצירן געוויסע כעמישע שטאפן צו פאר־גיפטן זייערע שונאים — די אינזעקטן־פאראזיטן. זיי באשאפן זיך אנדערע מינים פארטיידיגונגס־מיטלען, ווי שטעכערס, א. א. אפטמאל, ווען זיי פילן אז דער מענטש פארטיידיקט און קולטיווירט זיי, ווערן זיי פטור פון זייערע נאטירלעכע שוץ־מיטלען און גיבן זיך איבער דער שוץ און השגחה פון די מענטשן.

— דאס איז דאך וואונדערלעך. באזיצן די בלומען אזא אינטעליגענץ?

—אַלץ אין דער נאַטור האָט אינטעליגענץ. דאָס אוניווערסאַלע, דאָס קאָסמישע לעבן, ניט אַריין אין יעדן וועזן, אָרגאַנישן אָדער אומאָרגאַנישן, די עלעמענטן פון ווילן צו לעבן, די מעגלעכקייטן און וואָפן זיך צו דערהאַלטן, די דערנערונגס־ און פאַרמערונגס־מיטלען. עס איז דאָ איין קאָלאָסאַלע קאָסמישע אינטעליגענץ — פון וועלכע אַלע פילאָזאָפן און אויך מעטערלינק דערציילט — די דאָזיקע אינטעליגענץ פאַרטיילט זיך אין אַלעם וואָס עקזיסטירט. וואָרשיינלעך וויסן נישט די בלומען פון אונזער אינטעליגענץ, פונקט ווי מיר וויסן נישט פון זייערע. מיר אָנען בלויז מיט אונזער אינטואיציע . . .

— דאָס איז וואונדערלעך ! . . .

— די נאַטור שאַפט אַן אַ שיעור עקזעמפּלאַרן פון יעדן מין, כדי זיך צו פאַרזיכערן די עקזיסטענץ פון מין. ביי אַנדרעי זשיד האָב איך געלייענט ווי אָסקאַר ווײַלד דערציילט אים וועגן דעם אונטערשיד צווישן אַ קונסט־ווערק און אַ נאַטור־ווערק. אַ קונסט־ווערק איז איינציק און ווערט נישט איבערגע׳חזר׳ט. דאַגעגן, די נאַטור ווערט נישט מיד זיך איבער׳חזר׳ן, שאַפט פון איין זאַך — מיליאַנען קאָפּיעס. זי איז זיכער מיט איר עקזיסטענץ אין מיליאַנען פאַרשידנ־אַרטיקע זאַכן.

— איז עס ווירקלעך אַזוי ?

— לויט מיין איינענער מיינונג חזר׳ט זיך איבער אי די מענטשלעכע קונסט אי די נאַטור־קונסט פון לעבן. קיין צוויי דיזעלבע זון־אונטערגאַנגען האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געזען. צווישן ביליאָנען בוימער איז נישט פאַראַן דערזעלבער בוים מיט דעם זעלבן צווייגן־געבוי און בלעטער־צאָל. דאָ, וואו מיר זען ענלעכקייט, איז עס די שולד פון אונזער שוואַכן זען. ענלעכקייט עקזיסטירט נישט. די נאַטור איז אין כסדר׳דיקער עוואָלוציע. דער אַלטער הערַאַקליט איז מיין ליבלינגס־פילאָזאָף, פונקט אַזוי ווי עס איז דאָ דיזעלביקייט און גלייכצייטיק כסדר׳דיקע עוואָלוציאָנערע ענדערונג אין דער נאַטור, איז זי אויך אין דער מענטשלעכער קונסט. פונקט ווי די בלומען, וועלכע פאַרמאָגן גענדאַנק־לעכע אינ־טעליגענץ און צופּאַסונגס־פעיקייטן — אַזוי זיינען אויך די מענטשן, און שלים־לעך, זייער קונסט־פּראָדוקט — אַן אוניווערסאַלער פּראָדוקט פון דער אוניווער־סאַלער נאַטור.

— וואונדערלעך ! . . . רעד ווייטער אַזוי . . . ווי וואונדערלעך דאָס לעבן איז . . . .

— אי די פאַרמערונגס־מעטאָדן, אי דער קאָלאָסאַלער ווילן אין די נאַטור־וועזנס צו עקזיסטירן, אי די אומשטערבלעכע מענטשלעכע קונסט — זיינען, לויט

מיין מיינונג, פראדוקטן פון ליבע, שאפונגען פון ליבע. ליבע באהערשט דעם אוניווערזום. . .

— דענקסטו פיליכט אזוי, ווייל איצט באזונדערס ליבסטו שטארק?!

— נישט דערפאר! ווי דאנטע, וואס זעט אין קאסמאס די ליבע, רעגולירנדיק דעם גאנג פון פלאנעטן, דאס זונען־סיסטעם און דעם ריזיקן אוניווערס — אזוי זע איך דאס אויך אומעטום. . .

— מערקווירדיק! ווי מיינסטו, טוען די דאזיקע אלע וועזנס, איינגעשלאסן די בלומען, באוואוסטזיניק אדער אינסטינקטיוו די דאזיקע אלע זאכן. זיינען זייערע רעאקציעס — מעכאנישע? ריין־פיזיש־כעמישע — אדער גאר ריין־באוואוסטזיניקע?

איך בין אן אנהענגער פון מעטערלינק׳ס טעאריע, אז די פלאנצן רעאגירן אויף געפארן און ענדערונגען מיט געדאנקלעכע אינטואיציעס. איך גלויב זאגאר אין א פסיכאלאגישער באזונדערקייט פון געוויסע, שטארק־אנטוויקלטע מינים פון חיות און פלאנצן. די פסיכאלאגיע אין אלגעמיין איז פאר מיר נישט קיין ריין־אלגעמיינע וויסנשאפט, נאר מוז ווערן צוגעפאסט צו יעדן יחיד באזונדערס. . .

— מיין גאט! דו ביסט א פאעט! דו גיסט צו אונארגאנישע וועזנס אלע אייגנשאפטן פון מענטשן. . .

— די מענטשן זיינען בלויז הויך־אנטוויקלטע, ארגאנישע ברואים. מען קען א סך לערנען פון דער באציאונג צווישן מענטשן און אנדערע ברואים, פון פארגלייכונגען. די נאטור־אינטעליגענץ האט זיך אויף א מער אדער ווייניקער אופן אנטוויקלט אין דער אדער אן אנדערער בריאה.

— ווי וואונדערלעך עס איז צו ריידן וועגן דער נאטור. . .

— יא, וואונדערלעך! פאר מיר איז יעדע זאך א הערלעך וואונדער. פאר מיר איז דער קאסמאס דאס ווערק פון א גאט־חכם. פאר מיר איז א בלעטל — א גאנצער וואלד. א טראפן טוי — אן אקעאן. א בלום — א ריזיקער סעמיראמיס־גארטן. זי קאסמישע ליבע, שיינקייט, אינטעליגענץ, ווילן צום לעבן, פאנטאזיע, האפנונג — אלץ, אלץ, מיט איין ווארט, איז פארקערפערט אין דער הערלעכער נאטור אין אלגעמיין און אין דעם מינדסטן שטויבל באזונדערס. אויך אין דיר זיינען פארקערפערט אלע שיינקייטס־פארמען און אלע נאטור־אמביציעס. . . דיין יעדער שמייכל איז אן אויפשטראלונג פון דער קאסמישער שיינקייט, וועלכע איז ווידער א טעקסועלער טריק פון דער נאטור זיך אימפעריאליסטיש צו פארשפרייטן און פארטצופלאנצן.

— בין איך נישט מער ווי די פארקערפערונג פון אט דעם מעכטיקן ווילן ?
— דו ביסט גענוג ווען דו ביסט „נאר” דאס. . .

זי האט געגעבן די בלומען. איר גאנץ געזיכט איז געווען רויט ווי מיט בלוטיקע וואונדן.

בלויז צוויי רויטע בלומען האט זי נישט געטשעפעט, זיי געלאזן אין זייער גאנצער, הערלעכער, וויאנענדיקער שיינקייט. . .

— פארוואס האסטו די צוויי בלומען נישט צעביסן ?
— איך וויל זיי באהאלטן.
— פאר וועמען ? אז אנדערן געליבטן. . .
— וואס דו דענקסט אליין! . . .
— זאג, פאר וועמען באהאלטסטו זיי ?
—ווי דו ביסט ווילד, פאר מיין פריינדין סארא שלעזינגער !
—א מיידל ברענגט נישט צו א מיידל בלומען.
— פארוואס ? זי איז מיין פריינדין. . .
— מען ברענגט בלומען צו דעם, וועמען מען האט ליב. . .
— איך ליב זי . . . — זי האט געלאכט און מיך מיסטעריאיש אנגעקוקט, צו זען וואסערא איינדרוק דאס וועט אויף מיר מאכן.
— איך ווייס, אז דו האסט זי ליב. גלייכט זי דען בלומען ?
— ווען זיי זיינען פון מיר. . .

איך בין אויפגערעגט געווארן. די שפין פון אייפערזוכט האט מיט דינע, מעסער־שארפע פיס געטראטען מיין הארץ און עס געשניטן.

— איך וואלט געוואלט דו זאלסט נישט גיין מיט איר.
— ווי נאריש דו ביסט. . .
— זי פארוואנדלט דיך אין אזא קאלטע פרוי צו מענער. . .
— עס הויבט זיך נישט אן. זי איז בלויז מיין פריינדין. . .
— איך ווייס אליין. דו ביסט נישט שולדיק ! . .

זי איז אוועק פון מיר צו דער טיר פון שלעזינגער, נעבן וועמענס הויז מיר זיינען געשטאנען. אין דער האנט האט זי געהאלטן פארזיכטיק און צערטלעך די צוויי קראנקע בלומען.

אין אוונט האבן מיר זיך באשטימט צו טרעפן און צו גיין אין קינא „לוקס”, צו זען דעם פילם „נאפאלעאן”. בלויז מיר ביידע האבן זיך באדארפן צו טרעפן...

"דע־לוקס"

"דע־לוקס" איז געווען אַ קליינע פֿאָלקס־קינאָ, וואו דאָס פֿאָלק פֿון די אַרומיקע גאַסן פֿלעגט אָפֿט באַזוכן. דאָ זיינען געוויזן געוואָרן אויפֿן עקראַן די בעסטע פֿילמס, וואָס ווערן פֿריער געשפּילט אין די רייכע, לוקסוסדיקע סינעמאַס. דאָרטן פֿלעגן זיי דעמאָנסטרירט ווערן וואָכנלאַנג. דאַן — האָט מען זיי געוויזן דאָ.

איך פֿלעג ליב האָבן צו גיין אין דאָזיקן אָרימען קינאָ. איך בין דאָרט געווען אַן איינגייער זינט די ערשטע וואָכן פֿון מיין קומען אין לאַנד. איך געדענק אַז מיט אַ יאָר צוריק האָט דאָ פֿאַרקויפֿט שאָקאָלאַדע אַ הויכע, דינע פֿאַריזעריַן. בשעת די אַנטראַקטען פֿלעגט זי, איַן אַ דינעם, שוואַרצן קליידל אַרומגיין צווישן פּובליקום. איך האָב ליב געהאַט צו באַטראַכטן איר דינע. צאַרטע, פֿיגור, אַזוי דין ווי פֿון אַ דיקע פֿלאַנץ ערגעץ אין טראָפּישע לענדער. איר געזיכט איז געווען אַ קליינס, אַ קינדעריש, מיט ווייסער הויט פֿאַרצויגן. איך האָב איַן געדאַנק אויסגעטאָן נאַקעט די פֿראַנצויזקע און זיך געוואונדערט איבער אַזאַ דינער פֿי־גור, וועלכע איך האָב זעלטן געזען אַפֿילו אין פּאַריז. זי פֿלעגט שמייכלען צו יעדן גאַסט און באַזונדערס צו מיר, דען זי האָט פֿאַרשטאַנען אַז איך מוז זיין אַ קינסט־לער' לויט מיין צעריסענער קליידונג און לאַנגע האָר. מיט אַ שמייכעל פֿלעג איך איר פֿרעגן אין פֿראַנצויזיש :

—קאָמאַן סאַ וואַ? (ווי גייט עס).

—סאַווא ביען! (עס גייט גוט)—פֿלעגט זי פֿריילעך אָפּענטפֿערן.

אין קעגנזאַץ צו דער דינער, שפּיזיקער פֿראַנצויזקע זיינען די ווענט געווען אָנגעפּאַקט מיט פֿעטע פֿלייש פֿיגורן פֿון פֿלעמישע פֿרויען און מענער. דאָ פֿלעגן קומען אַ סך קינדער, נאַאיווע, זיך רויטלענדיקע שול־מיידלעך, זיי פֿלעגן זיך רופֿן די עכטע־פֿאָלקס־נעמען, ווי מאַריקע אָדער זשוליעטע. באַזונדערס פֿלעגן דאָ קו־מען בלאָנדע, דייטשע דינסטמיידלעך, וואָס האָבן געאַרבעט ביי אידישע פֿאַ־מיליעס און בלויז אין פּסח־צייט אַהיימגעפֿאָרן צו זייערע עלטערן־קוילנגרעבער אין וואַטערשיי, ליעזש און שאַרלערואַ ; דאָ זיינען אויך געזעסן עלטערע פֿרויען און מענער, רואיקע, פֿאַרזאָרגטע פֿלעמער וואָס קייען טאַבאַק, האָבן ליב צו זאָגן

אז עכט־פלעמישן, אלטן וויץ, א פעטן. באזונדערס פלעגן דא קומען ארימע געליבטע־פארלער, בשעת עס פלעגט פינצטער ווערן, פלעגן זיי זיך קושן און ליבן.

דער זאל איז געווען א קליינער: אויף די ווענט פון זאל זיינען מיט א געלער פארב געווען אויסגעמאלן שלאנקע, דינע הויכע פרויען אין טאנץ־פאזעס; איינצלנע און אין גרופעס; כמעט אלע זיינען געווען צו זיך ענלעך, און אלע זיינען ווידער געווען ענלעך צו דער פראנצויזקע מיט די הויכע פיס, וועלכע האט אויסגעזען צו זיין בלויז האלז. איך האב געגרן געהאט צו קוקן צו די אנט־בלויזטע פרויען אויף די ווייסע ווענט, ווי זיי ווערן קיינמאל נישט מיד זיך צו באוועגן אין טאנץ. . . אמאל, אז דער זאל איז געווען ליידיקער און ס׳האבן געפעלט מיידלעך, איז אנגענעם געווען צו זיין מיט די נאקעטע מיידלעך אויף די ווענט, פון געלער פארב געשאפן . . .

עס איז געווען אוונט, ארום אכט אזייגער, ווען כ׳האב זיך געשטעלט ביים ארייינגאנג פון קינא „דע־לוקס", צוווארטן אויף גאלדען. אין א ווילע ארום איז אנגעקומען בעלא, א קליינע מיידל פון זעכצן יאר, ווי א וואונדערלעכע ליאלקע, מיט בלאנדע, צעפלאטערט־צעקרויזטע האר, ווי א גאלדענע כוואליע, איבער איר קאפ; איר פנימל איז געווען קליין און קינדעריש; זי האט אויסגעזען נאך איינגער פון אירע יארן.

בעלאן האב איך געקענט שוין א צוויי יאר און זי ליב געהאט; זי איז געווען א ליבלעך קינד, א גוטע, צארטע נאטור, אומשולדיק און נאאיוו. יעדן שבת אוונט פלעגט איר די מוטער געבן א פאר סענטים צו גיין זען אין דע לוקס א פילם. אירע עלטערן זיינען געווען ארעמע מענטשן, האבן געהאט א פרובטנ־געוועלבל איז א קעלער. ווען מען פלעגט דורכגיין די לענטע סטראטע, וואו דער פרילינג האט זיך נישט געהאט וואו און אויף וואס צו ווייזן, ווייל ס׳איז בלויז געווען שמוץ און שטיין — האט מען געזען צו די פיס ליגן אלטע עפל און אפעל־סינען, אומעטיקע פלוימען און גרינע, געשוואלענע, הארטע אוגערקעס.

—ווארט־צו, בעלא, מיר וועלן צוזאמען גיין . . .

זי האט געווארט. ס׳האט אנגעהויבן גיסן א רעגן. אין דער קעלט האט זי זיך געטוליעט צו מיר. אבער מיין הארץ איז געווען אנגעצונדן איצט פאר א פרוי וואס האט מיך משוגע און קראנק געמאכט. פאר א פרוי וועלכע וועט מיך קיינמאל נישט ליבן, ווייל זי קען נישט ליבן . . . ווייל די נאטור האט איר פאר־ווערט צו ליבן מענער. . . און דאך ליב איך זי, בשעת איך ווארף אפ פון זיך בעלא׳ן א ליבלעך מיידל מיט קליינע אמביציעס און מיט אזוי פיל ווארעמקייט צו א מאן, אים קענענדיק גליקלעך מאכן . . .

גאָלדע איז אָנגעקומען מיט איר פֿריינדין שלעזינגער. גאָלדע איז געווען בייז און אָנגעבלאָזן, באַווירקט פֿון שלעכטן וועטער. איר פֿריינדין איז געווען בלאַס און האָט מיר אויסגעוויזן צו זיין נאָך שלאַנקער ווי שטענדיק. נאָר אַ גאָט וואָס האָט גע'גנב'עט ביים אַוואַנטוריסט-שמיד בענווענוטאָ טשעלליני זיין טאַלאַנט, האָט געקענט אָפּגיסן פֿון הויט און ביין אַזאַ שלאַנק, ליבלעך מיידל וואָס איז ענלעך געווען צו אַן אַטענער יונגלינג . . .

מיר זיינען אַריינגעגאַנגען אין קינאָ. באַלד האָט אָנגעהויבן שפּילן. איך בין געזעסן צווישן בעלאַ און גאָלדע. פֿון איין זייט — בעלאַ — די געווינטלעכע ליבע. פֿון דער צווייטער זייט — גאָלדע — די פּלאַטאָנישע ליבע. כ'האָב זיך דערמאָנט טיציאַנס בילד אויף דערזעלבער טעמע. דאָ אויך זיינען ביידע געווען רויט-גאָלדענע. אָבער ביי טיציאַנען איז נעבן גאָלדען — די פֿאַרקערפּערונג פֿון פּלאַטאָנישע ליבע — נישט געזעסן די פֿריילין שלעזינגער — די לעסבישע ליבע. . .

איך בין געווען אייפֿערזיכטיק. אָבער די וויזיעס פֿונעם פּרעכטיקן פֿילם האָבן מיך פֿאַרכאַפּט. צום ערשט האָט זיך באַוויזן נאַפּאָלעאָן, מיטן דאַרן, ענערגישן פּנים און שלאַנקער פֿיגור. ער שטייט אויף אַ שלאַכטפֿעלד, צווישן פֿייער און שווערט און דעם גורל פֿון דער רעוואָלוציע. נאַפּאָלעאָנען האָב איך ליב געהאַט. ער איז פֿאַר מיר געווען די אומשטערבלעכע פֿאַרקערפּערונג פֿונעם אייביק-פֿלאַקערנדיקן מענטשלעכן געניוס, וואָס רייסט זיך אין אומאויפֿהערלעכן דראַנג צו דער פֿייערדיקער זון, ווי אַ ריזיקער שמעטערלינג. . .

דאַן — די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציע. איך בין אָנגעצונדן געוואָרן פֿון באַגייסטערונג פֿאַר דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע, וועלכע איז די טראַגישסטע, העראָאישסטע דראַמע אין דער וועלט-געשיכטע. אָט איז מ אַ ר אַ ט, דער פֿריינט פֿון פֿאָלק, דאַר און ענערגיש, אַ שאַרף געזיכט; ער רעדט צום פֿאָלק מיט פֿלאַמענדיקע רייד; ער איז געווען מיין אידעאַל. איך האָב אים פֿון קינדהייט אָן געליבט מיט אַ פֿאַנאַטישער ליבע.

אָט איז ד אַ נ ט אָ ן — דער טריבון פֿון דער רעוואָלוציע, אַ ריז, אַ פֿעלז, אַ מעכטיקער פּראָפֿעט; ברייטע זשעסטן, העראָאישע פֿראַזן, אומגעווינטלעכן מוט, גרויסן האַרץ. ער איז מיין אידעאַל פֿון אַ גרויסן אָראַטאָר. איך באַדויער וואָס זיי האָבן אים אָפּגעהאַקט דעם גרויסן, העלדישן לייבנקאָפּ.

דאַן — ראָבעספּיער — דער פֿאַנאַטישער טעראָריסט פֿון דער רעוואָלוציע; בלייך, מאַניערנאַרטיק, אַריסטאָקראַטיש, געשלאָסן מויל, רעדט לאַנגזאַם און זיכער. אים האָב איך נישט געליבט. דערפֿאַר איז ער מיר פֿאָרגעקומען לעגענדאַרישער ווי די ערשטע צוויי. איך האָב זיך דערמאָנט די פֿילע שטעלן

וועגן אים אין די געשיכטע־ביכער, ווי מען רייסט אים אַראָפּ דעם באַנדאַזש פון זיין פאַרוואונדעטער באַק און ער טוט אַ שרעקלעכן געשריי, אַז דאָס גאַנצע פאָלק אויפן באַסטיליע־פּלאַץ ציטערט אויף . . .

די פראַנצויזישע רעוואָלוציע איז שטענדיק געווען דאָס פייער, וואָס האָט אָנגעצונדען מיט אומענדלעכער באַגייסטערונג מיין האַרץ. . . איך האָב געטרוימט צו זיין איינער פון די העלדן פון דער וועלט־רעוואָלוציע, אַזאַ ווי מאַראַט, פאַרביסן און פול מיט פראַפּעטישער ליבע צום פאָלק. אָדער גאָר פאַרקערפּערן אין זיך די שיינע קוואַליטעטן פון אַלע דריי: דער פאַנאַטיזם פון אַ ראָבעספּיער, זיינע טעראָר־מעטאָדן; דאָס ריזן־גרויסע האַרץ, ווי אַ פעלז, פון דאַנטאָן. די וועלט־רעוואָלוציע — זי איז געווען מיין אמת'ע וואָנזיניקע געליבטע; מיט'ן פייער פון איר בוזים האָב איך געוואָלט אָנצינדן דעם גאַנצן פּלאַנעט, דעם אוניווערזום . . .

איך בין געווען פאַרגאַפט און ווילד. מיט ברענענדע אויגן האָב איך געקוקט צו די וויזיעס, וועלכע איך האָב איבערגעלעבט ווי רעאַלע געשעענישן. פון דער זייט האָט צייטנווייז געקוקט צו מיר גאָלדע, פול מיט באַוואונדערונג פאַר מיין אינגלשן ענטוזיאַזם.

דאָן — נאַפּאָלעאָן פירט אַרמייען איבערן גלאָבוס. אויסטערליץ, וואַגראַם, יענאַ, בערעזינאַ, וואָטערלאָו; דער מאַן אויפן איינזאַמען פעלזן פון סאַנקט־העלענאַ; שטאַרבט אין לאַנגווייליקייט; עס שטאַרבט דער מאַן וואָס האָט אַרויפגעלייגט זיין בלוטיקע לאַפּע אויף דער מאַפּע פון גלאָבוס! דער מאַן פון אָריענטאַלישער אימפּעריע־טרוים! דער מאַן מיט די ריזיקע לוסטן צו באַזיגן דעם אוניווערזן! און צו־לעצט — אַ גראַנדיעזע בילד. דער רונדער גלאָבוס טראַנספאָרמירט זיך פּלוצלונג אינם רונדן געזיכט פון זשאָזעפינע. . . דער געוואַלטיקער מאַן — דאָס גאַנצע לעבען — דיקטירט פון אַ פרוי . . .

מיט שרעק האָב איך באַמערקט אַז דזשאָזעפינע איז ענלעך צו גאָלדען; און נאַפּאָלעאָן, ווען ער דערשיינט פּלוצלונג אויף דער בלוטיקער פאָן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע — דאַר, רויט־פלאַמענדיק און יונג — איז ענלעך צו מיר. . .

גאָלדע הייסט מיך ביי פויזע אַרויסגיין איר ברייננגען ציגאַרעטן. איך פיל זיך באַליידיקט. אָבער איך ברייננג איר אַ ציגאַרעטן־פּעקל. איצט רויכערט זי, איז צופרידן מיט זשאָזעפינס ראָלע, ציט זיגעריש דעם רויך פון ציגאַרעט. . . איך פאַרטראַכט זיך און מיר דאַכט אַז איך בין דער ציגאַרעט; איך שטעק אין איר דעלפינישען מויל, אין אירע שוואַרצע, וואַמפּירישע ליפּן. . . זי רויכערט

מיך אויס, איך ברען זיך אויס, דער ציגארעט ווערט אלץ קלענער און קלענער; דאס פייער גייט אלץ ווייטער און ווייטער. . . אט־אט — עס באַרירט שוין מיין האַרץ. . . איך שטאַרב . . . דאס פייער רינגלט אַרום מיין האַרץ ווי אַ פייער־דיקע שלאַנג . . . די ליבע האַט עס איינגעביסן מיט פלאַמענדע ליפּן און פאַר־ברענט אויף קויל . . . אָבער פאַרוואָס בלוטיקט עס אַזוי? — די געמין פון ליבע קושט עס אַזוי שטאַרק און אַזוי היים, ביז בלוט רינט דערפון! . . . טויטנדיקע פייער־קושן. . . .

מיר גייען אַהיים. אין דרויסן איז געוועזן אַן אומעטיקער נעפּל, גרוי און געהיימנישפול. די לאַמטערנעס לייכטן און ציטערן, ווי אַ שיף וואָלט שווימען איבער אַן אומזעבאַרן ים פון כוואַליעס־וואָלקנס. . . .

פּלוצלונג קומט אַז אין דער גאַס איר שוועסטער בלומע און גאָלדע גייט מיט איר אַהיים. איך קען אַפילו קיין ראַנדעוואו נישט באַשטעלן. ווי שרעק־לעך . . . איך ווער פּלוצלונג אומגעוויינלעך־טרויעריק . . . עפעס ווי אַ פּלוצלונ־גער שמערץ וואָלט צו מיר צוטרעטן, מיט געוואַלט און מיט דער גאַנצער קראַפט מיך נעמען אין איר שרעקלעכער צוואַנג. . . .

מיר פירן אַהיים בעלאַ'ן. דאָס ליבע מיידל וואָס ליבט מיך ביז משוגעת, אינטערעסירט מיך נישט. דאַן גיי איך מיט פרייליין שלעזינגער. זי איז איראָ־ניש און ציניש. איך האַס זי. זי האַסט מיך. מיר ביידע פילן אַז מיר נעמען זיך צו דאָס טייערסטע . . . גלייבט זי אויך אַזוי שטאַרק גאָלדען? ווער ווייסט. . . זי מאַכט וויציקע, קאַלט שניידנדיקע באַמערקונגען.

— אַ גוטע נאַכט!

— גוטע נאַכט! — ענטפער איך מידערהייט.

דער נעפּל פירט מיך אַהיים, אַרומקרייזנדיק מיין פיבערנדן קערפּער. די לאַמטערנעס טאַנצן ווי טובערקולאָזע טענצערינס, מיד, שיכור און מעלאַנכאָ־ליש. מיר דאַכט אַז עמעץ לאַכט ערגעץ פון מיר; דאָס לאַכט די לבנה הינטערן נעפּל־פאַרהאַנג מיט אַ היסטעריש געלעכטער. . . .

מיין מאַנסאַרדע וואַרט אויף מיר — מיין טרייע געליבטע, מיטן שפּיגל, מיטן קרוג וואַסער, מיט דעם רויטן טישטוך, מיט דער אַלטער ביבל מיט היל־צערנע גאָטישע אילוסטראַציעס,מיט'ן פענצטערל צו די שינעס געווענדט,אומעטיקע פאַרזשאַווערטע וואַגאָנען. איך לייג זיך אין בעט און די לבנה ציט מיך ווי אַ שפּין, אויפן נעפּל־שפּינוועבס — צו זיך, אַלץ נענטער און נענטער, ביז זי וועט ענדלעך נעמען מיך פרעסן מיט מעשענע ציין. . . .

בענקשאַפט

עס איז נישטאָ קיין שרעקלעכערע זאַך, ווי ווען מען רייסט דיר די נע־ליבטע אַוועק פֿלוצלונג. די גאַנצע נאַכט האָב איך נישט געקענט שלאָפֿן. די זון איז אויפֿגעגאַנגען. איך בין נישט אַראָפּגעגאַנגען צו פֿרישטיק. איך בין געלעגן אויפֿן בעט ביז מיטאָג. אַרויסגעקוקט דורכן פֿענצטערל. די באַנען זיינען געקומען און אַוועק מיט טרויעריקע און פֿריילעכע מענטשן. דער הימל איז געווען באַדעקט מיט אַ סך ווייסע וואָלקנס. אַ ריזיקער גאָרטן פֿון ליליען. נאָר וואָס קומט אַרויס פֿון דעם אַלעם, האָב איך זיך געטראַכט, אַז גאָלדע איז דאָרטן נישטאָ אויפֿן הימל. . . .

עס איז געקומען מיטאָג־צייט און דאַן דער פֿאַרנאַכט. די זון איז אונטער־געגאַנגען אַ רויטע און פֿיערלעכע. איך בין געלעגן אויפֿן בעט. זיך איינגעהערט אין די טריט איבער די טרעפּ. געהערט ווי די קינדער שרייען אין גאַס. געהערט יעדן דורכגייענדיקן טראַק, יעדן אויטאָמאָביל און פֿערד־און־וואָגן. איך האָב געהאַט אַ מאָדנע געפֿיל אַז גאָלדע וועט היינט קומען. זי מוז קומען . . . זי וועט קומען נאָך היינט . . . אָבער די שעה'ן האָבן זיך שנעל גערוקט, איינע נאָך די אַנדערע אָן ענדע, אָן נייעס, אָן אַן איבעראַשונג וואָס וואָלט מיך געקענט דער־פֿרייען און אויפֿוועקן פֿון דעם טראַנס פֿון בענקען. אַלע מיינע חושים זיינען געווען וואַך. איך בין בלויז געוואָרן איין ריזיק אויער וואָס הערט זיך איין אין יעדן מינדסטן רויש און ליאַרם. זאַכן האָבן איצט פֿאַר מיר באַקומען אַ זין. אַ מעלאָדיע. מיר האָט זיך געדאַכט אַז דאָס וואַסער אין דער גלעזער קריג זינגט. אַז דער טיש רעדט צו מיר. אַז די טרעפּ — ווען זיי קלינגען נישט מיט טריט — שווייגן זיי מיר מיט אַ מעלאָדיע וואָס דערציילט: „מיר וואַרטן, ווי דו, אויף אירע פֿיס". . . . אַלץ, האָט זיך מיר געדאַכט, נעמט אַנטייל אין מיין וואַרטן. דאָס רויטע טישטוך גייט אַראָפּ פֿון טיש און טאַנצט אַ בענקשאַפֿטס־טאַנץ . . . אַ, ווי איך האָב געוואָלט זי זען. . . .

עס איז געוואָרן טונקל. ווי אַ פּאַראַליזירטער האָב איך זיך אָנגעהויבן באַ־

וועגן. איך בין אזוי געוואָרן זיכער, אַז זי קומט, אַז כ׳האָב מורא געהאַט אַראָפּ־צוגיין אויף אַ מינוט. איך האָב אָנגעשריבן פאָלגענדעס צעטעלע:

„טייערע גאָלדע! ווען דו וועסט צוקומען, בעט איך דיך זייער איבער וואָס איך בין נישטאָ. איך האָב אַ גאַנצן טאָג אויף דיר געוואַרט. זיי אַזוי גוט און קום מאָנטיק, זיבן אַזייגער אין אָוונט. איך דאַרף דיר נויטיק עפּעס זאָגן.״

דאַן בין איך אַראָפּגעגאַנגען ווי איינער וואָס האָט פאַרלאָזן נאָך צען יאָר אַ פינצטערן קערקער. די אורזאַך פון מיין אַראָפּגיין איז געווען אַ באַשטעלונג וואָס איך האָב געמאַכט מיט אַ חבר, צום ערשטן מאָל צו גיין פאַרקויפן צייטונגען אין די אידישע הייזער. דאָס האָט געזאָלט זיין אַן עקספּערימענט, צו ווייזן ווי אַזוי מען קען פאַרקויפן צייטונגען צום פאָלק, זיי טראָגנדיק אין די שטובן.

כ׳בין אַראָפּ אין פאַריין. דאָרטן האָט שוין אויף מיר געוואַרט דער חבר. איך האָב נישט געהאַט דעם מינדסטן אינטערעס עס צו טאָן. אין די טעג פון ליבע איז מיר איבערהויפּט נישט אָנגעגאַנגען די רעוואָלוציע. בפרט צייטונ־גען פאַרקויפן. דאָס האָב איך קיינמאָל נישט געטאָן. דאָס איז געווען אַן אַרבעט, דערנידעריקנדיק פאַר מיר, דאַרפנדיק זיך אָנבּיטן צום פאָלק מיט צייטונגען, וועלכע זיי האָבן נישט קיין אינטערעס צו לייענען. און ווי אַזוי האָב איך געקענט ריידן וועגן קאָמוניזם, ווען איך בין געווען פול מיט ליבע. . . .

אין פאַריין בין איך אַ ווײַלע געזעסן. דאַן זיינען מיר גרייט געווען אַראָפּצו־גיין, אָבער אין דעם מאָמענט איז אַריינגעקומען גאָלדע. איך האָב אויפגעציי־טערט, זי׳ דערזעענדיק.

היינט אָוונט האָב איך צייט און מיר וואָלטן געקענט נעמען אַ גרויסן שפּאַציר אין „נאַכטיגאַל פּאַרק״! — האָט זי מיר רואיק געזאָגט, באַהאַלטנדיק איר אויפרעגונג אין זיך.

— עס טוט מיר לייד, איך מוז גיין פאַרקויפן צייטונגען מיט מאָריסן. איך וועל נישט קענען מיט דיר גיין. אָבער ווי גערן איך וואָלט געגאַנגען מיט דיר!

מיך האָט שרעקלעך געקרענקט וואָס איך קען נישט גיין מיט איר. די פאַר־שאָלטענע צייטונגען! די פאַרשאָלטענע רעוואָלוציע! און איך האָב אַ גאַנצן טאָג אויף איר געוואַרט . . . ווי שרעקלעך דאָס איז איצט, ווען איך קען מיט איר געניסן אַביסל רו, ווען זי האָט דאָס ערשטע מאָל צייט פאַר מיר . . .

זי איז געווען בלייך און געוואָרן נאָך בלייכער . . . עטוואָס האָט איר פאַרדראָסן.

— הער־צו, גאָלדע, דו ווייסט ווי איך וויל מיר דיר גיין, אָבער די פּאַרטיי וועט מיך פאַראורטיילן פאַר ברעכן די דיסציפּלין. איך וועל ווידער אַזוי פיל ליידן צוליבן נישט קענען גיין מיט דיר. . . .

— גוט!

אַ צווייטער חבר איז צוגעקומען צו איר, וויסנדיק אַז איך מוז אַוועקגיין. ער האָט מיט איר אָנגעהויבן צו ריידן. זיי זיינען געגאַנגען צום אַרויסגאַנג.

— גאָלדע! איך בעט דיך, גיי נעם אַ בריוועל פון מיר אין מיין היים.

— גוט !

זי איז בייז אַוועק. איצט בין איך געווען אין אַ ווילדן פיבער. ווען איך וואָלט געקענט פאַרברענען אויף אַש די גאַנצע פּאַרטיי!..

* * *

מיר זיינען געגאַנגען איבער די טונקל־באַלויכטענע גאַסן, אין די אָרימע אַרבעטער־קוואַרטאַלן. דאָ האָבן געוואוינט האַלענדישע אידן, וועלכע האָבן גע־האַט קליינע קרעמלאַך. דאָ האָבען געוואוינט אַלערליי פּראָלעטאַריער; אַ טייל האָבן זיך אָנגעבאָטן פאַר אונזערע סימפּאַטיקער און געקויפט די צייטונג. אַ טייל האָבן אונז געזידלט. אַ סך האָבן ביטער באַליידיקט. מיר האָבן נישט דורכגעלאָזט קיינעם, געגאַנגען אין קאַפעען, פאַרקויפט איבער פופציק צייטונ־גען אין איין אָוונט. אָבער איך בין געווען שרעקליך בייז. ערגעץ גייט דער פרעמ־דער מאַן מיט גאָלדען. אָט איצט, ווען די לבנה שיינט מיט ווייסע, קאַלטע פלאַ־מען, נעמט ער זי אַרום און דריקט זי צו זיין ליידענשאַפטלעכן גוף! אָט איצט טאַנצט ער מיט איר דעם טאַנץ פון ליידנשאַפט! איצט קושט ער מיט זיינע הייסע ליפּן — אירע ליפּן און שענדעט איר געזיכט, פאַראומרייניקט איר מויל ! . . . איצט — אָ, ווי שרעקלעך ! — רעדט ער אויס אויף מיר אַ סך געמיינע פּליאָט־קעס און רעדט איר אָפּ פון מיר. . . איצט זאָגט זי אים צו מיך מער נישט צו זען און — זי וועט גיין מיט אים, אים ליבן. . . .

* * *

ווי שרעקלעך דאָס אַלץ איז; איך קען נישט באַדינען מיין אייגן האַרץ און וויל גאָר באַדינען דער רעוואָלוציע. . . . איך בין צו פאַלש, צו אינדיווידו־אַליסטיש, צו פערזענלעך, צו סענטימענטאַל פאַר דער רעוואָלוציע. די פּאַרטיי מוז האָבן סאָלדאַטן. . . און איך בין נישט קיין סאָלדאַט ! איך בין אַ טרוי־עריקער מאַן וואָס ליבט . . . וואָס ווילן זיי פון מיר ? וואָס פאַרדייען זיי מיר

דעם קאָפּ מיט אַט די ציַיטונגען וואו עס רעדט זיך וועגן פּרייזן און ציפערן? איך בין נישט קיין פּראָפעט און נישט קיין קעמפער. . . .

אין דער נאַכט זיַינען מיר געגאַנגען און אויסגעזען ווי אַלטע מאַרטירער־קריסטן, אונטער דער רוימישער הערשאַפט, טראָגנדיק געהיימע פּאַפּירן מיט אַנטפּלעקונגען וועגן משיח׳ן. די שאָטנס שרעקן און פאַרפאָלגען אונז. . . אַ, איך בין נישט באַשאַפן פאַר אַט דער ראָלע. איך בין, טאַקע, טיילמאָל פלאַמענדיק און באַגייסטערט פאַר דער רעוואָלוציע, ווי אַ שטורקאַץ, ווי אַ גאַנצער פּלאַנעט אין פלאַמען. . . אָבער אַנשטאָט די רעוואָלוציע זאָל זיין מיין געליבטע — איז איצט גאָלדע מיין מיידל. . . מיין איַינציקער אינטערעס. מיין פּלאַם. . . .

אָבער דאָס מיסטיש־געהיימנישפולע אין די געסלעך האָט זיך געענדיקט: די פאַרשאָלטענע ציַיטונגען זיינען אַלע געווען פאַרקויפט — איצט בין איך ווידער געווען אין מיין מאַנסאַרדע.

אַ טיפע בענקשאַפט האָט מיך ווידער באַהערשט. איצט וואָלט איך אַזוי גערן געוואָלט זיין צווישן פרויען, פרויען, פרויען. . . הונדערטער פרויען. . . טרינקען וויין, וויין, וויין. . . פאַרגעסן אין דער רעוואָלוציע און אין גאָלדען. איצט לויף איך אַראָפּ פון מיין דאַך־צימערל, דער ווינט, פריש און קאַלט, מאַכט מיך געזונט. די שטערן אין הימל זיינען לויטער און משוגע, טאַנצן אומזיניק אין בלויען פירמאַמענט. איך לויף צום פּאַרט.

בין ביי די געסלעך פון האַפן, בין נעבן שוואַרצן וואַסער ביינאַכט, לויף ווי אַ פייגל דורכן ווינט געטראָגן, אין אַ קאַפע כאַפּ איך צוויי ביר, וועד אַביסל שכור, מען קוקט מיך אָן, איך לויף ווייטער, דאָס שוואַרצע וואַסער לאַכט מיט אַ שוואַרצן, גלאַנציקן געזיכט, ווי אַ ריזיק־נעגער־פּנים. איך שרעק זיך, די וואָלקנס ווערן שוואַרץ און שווער, געשוואָלן און שוואַנגער מיט ריזיקע נאַכט־עמבריאָנען. . . .

אַ פרוי רופט מיך אַריין. איך בין אין איר ענגלעך צימער. אַ ווייסע קרוג מיט וואַסער אויפן טיש, אַ האַנטוך. איך וויל די פרוי איינשלינגען, רייס די קליידער אויף איר, רייס דאָס העמד, אָט איז זי — אַ שטיק נאַקעטע פלייש, פעטע אָנגעשוואָלן, מיט ביילן און באַלמס, מעכטיקע, דיקע אָרעמס צוויי ווי קינדער־קערפּערס; רויטע, פלאַמענדע האָר. . . איך ווייז אויף אירע שטאַרקע, לעדערנע בריסט. איך וויל זי איינשלינגען — אָבער גאָלדע דערשיינט מיר אין האַרץ, אין מוח, איך פיל זיך שולדיק, איך שעם זיך, די טיפסטע ליבע פאַרצערן אין איין אָוונט מיט דער געמיינסטער פּראָפּאַנאַציע! אַוועק, דו פרויען־פלייש פאַר געלט! זי ווערט איצט מיין שרעקלעכסטער שונא! פאַרוואָס איך נישט

אריינוואַרפן אין די שוואַרצע, מוראדיקע ים־כוואַליעס . . . איך לויף אַרויס, די פרוי קוקט מיר נאָך, שעלט, מיינט אַז איך בין משוגע, ווילד . . . איצט לויף איך שנעלער, מיר דאַכט אַז די פרוי לויפט מיר אָן פון פאָרויס און שטופט מיר אירע פעטע, קאַלטע, עקלהאַפטע בריסט צום מויל, איך שעלט איר און שפיי אויף איר, איך האָב היינט אָוונט געשענדעט מיין געליבטע! און אַלע שטערן פון הימל האָבן עס געזען! ווי שרעקלעך, ווי שרעקלעך!.. איך לויף צום וואַסער, באַקום אַ שוואַרצן שווערט־שוידער איבערן גאַנצן קערפּער. ניין, איך קען זיך נישט דערטרונקען. איך מוז זי נאָך איינמאָל זען . . . מאָרגן קומט זי. . . מאָרגן, זי האָט דאָך מיין בריוו . . . זי וועט קומען . . . נאָך איין מאָל וויל איך זי זען — — — ,

* * *

די מענטשן אין דעם הויז וואו איך האָב געוואוינט זיינען געווען אַן אַלטע פּאָרפאָלק, ביידע צו אַ יאָר זיבעציק; די אַלטע פרוי איז געווען אַ פּראָטעס־מאַנטישע. אין זעלבן אָוונט, שפּעט ביינאַכט, האָב איך אַראָפּגעשלעפּט די שווע־רע לוטער־ביבל און עס איר דערלאַנגט אַ מתּנה. זי איז געווען אַן אַנגענעמע, שטילע, זייער־רעליגיעזע פרוי. זי איז געווען גליקלעך מיט דער ביבל. זייער טאָכטער איז געווען אין אַ משוגעים־הויז. זי איז משוגע געוואָרן דורך אַ ליבע־טראַגעדיע . . . .

איך בין ביי אַ גלעזל קאַווע דאָרט געזעסן, געקוקט אויף די פאַרביקע איקאָנעס פון די ווענט, די הייליקע, בלייכע פרויען מיט אָרעאָלן איבער די קעפּ. עס איז געווען אַ ליבלעך ווינקל וואו איך האָב איצט גערוט. דאַן בין איך אַרויף אין צימער. ביים שיין פון ליכטל האָב איך געלייענט נאָוואַלים'עס לידער און כ'בין געווען גליקלעך מיט זיי. דראַנג צום טויט, די בענקשאַפט צום קאָסמישן, די ליבע צו דער נאַכט, די טיפע איינזאַמקייט אויף דער ערד, די טראַגישע ליבע צו סאָפיע קין, אויך אַזוי יונג געשטאָרבן ווי ער, פון שווינדזוכט און — די זעלבע קראַנקהייט האָט שוין אָנגעהויבן ווייזן סמנים אין מיר, זי איז געגאַנגען פאָרווערטס אַ דאַנק אָט דער שרעקלעכער, דעמאָנישער ליבע . . . שטעכעניש אין בוזעם, אָפטער פיבער — אַזוי דענקענדיג, בענקינדיג און טרוימענדיג בין איך איינגעשלאָפן אונטערן קרומען דאַך. מיר האָט זיך גע'חלומ'ט אַז אַ גרויזער דעמאָן־העקער, אין אַ רויטן מאַנטל, גרייפט מיך אין זיינע שוואַרצע לאַפּעס און איז גרייט מיך מיט אַ ווילדער קראַפט אַ שליידער צו טון אין אַ שרעקלעכן שפּי־נען־אָפּגרונט . . . .

די סטאטוע

די יונגע דיכטעריז פאלא גאלדנבערג, א אידיש מיידל, וועלכע האט געשריבן הערלעכע לידער אין פויליש, פלעגט קומען אין קולטור־פאריין, ריידן איבער פראלעטארישער ליטעראטור, דיסקוטירן און זיך אויפרעגן. זי איז געווען א שלאנקע דאמע, נאכלעסיק געקליידעט, פון עטלעכע און צוואנציק יאר, א רויטהאריקע און א פאנאטישע קאמוניסטקע.

דעם אוונט, וועלכן איך באשרייב איצט, האט געזאלט פארקומען אירס א רעפעראט פאר דער "יוגנט־סעקציע", וועגן דער "נוצלעכקייט אין דער מאדערנער קונסט". זי האט שלעכט גערעדט אידיש, האט געהאט א סך גדאנקען, פלעגט זיין צעשטרייט.

איך האב באדארפט זיין פארזיצער פונם רעפעראט. ארבעטער זיינען געווען פארזאמלט. איך בין געזעסן מיט א געשוואלן געזיכט פון ציין־ווייטיק. פלוצלונג האט זיך באוויזן גאלדע, ווי געוויינלעך, אין איר געלן קלייד, מיטן רויטן, פלאמענדן געזיכט, צארט און שיין.

איך, גאלדע און די דיכטעריז זיינען מיר געזעסן ביי איין טישל. איך האב נישט קיין חשק געהאט צו עפענען דעם אוונט. כ'האב געוואלט זיין אליין מיט גאלדען, אוועק אהיים מיט איר איבער די אלייען, זיך אויסשמועסן....

עס זיינען שוין געווען א היפשע צאל ארבעטער, אבער מיטן אויסרייד אז דאס פובליקום איז צו קליין, האב איך אפגעלייגט דעם רעפעראט. די נאכט איז געווען א קילע. פאולא איז אונז ביידע נאכגעגאנגען איבער די אלייען. מען האט הילכיק דיסקוטירט איבער ליטעראטור. ענדלעך, ווען מיר זיינען געקומען צום ענדע פון דער אליע, האט גאלדע מיך, נאטירלעך, געהייסן צוריק באגלייטן די פרל. פאולא. איך האב עס נישט געקענט טאן. דער האס, פארוואס זי איז מיטגעגאנגען מיט גאלדען, שטערנדיק מיר, איז געווען ביי מיר צו שרעקלאך. דאן האב איך געוואלט מיטגיין, מיטגיין כסדר מיט גאלדען....

כ'בין מיט גאלדען אויפגעשטיגן אויפן טראמוויי, געפארן. דאן זיינען מיר ביי אוועני ראיאל אראפגעגאנגען. איך האב זי צובאגלייט צום הויז.

— איך בין אזוי מיד און קראנק, נישט אויסגעשלאפן. גיי אהיים, איך בעט דיך, — האט זי איבערגע'חזר'ט. — וועסט זיך נאך מער פארקילן די ציין...

כ'האב נישט געקענט אוועקגיין. כ'בין טרויעריק געשטאנען, נישט גע־קענט ריידן, ענדלעך איר געקושט די האנט און אוועק.

אין אוועגו ראיאל איז געשטאנען א מעשענע פיגור פון א פרוי, זייער נידעריק, מיט א קליינעם פיעדעסטאל. איך בין צו צו דער פרוי, אין דער טונקל־קייט האב איך זיך אנגעהאנגען ארום איר, זי געקושט אין מויל. געגלעט די לאנגע האר. זיך ביטער צעוויינט...

אזוי בין איך אודאי א שעה צייט געלעגן צופוסנס פון דער גוטער פרוי, מיט טרערנפולע אויגן געזען די הימלישע שטערן־קאמעדיע, די קופערנע לבנה, די וואלקנס שווארצע ווי ים־כוואליעס אין א שטורם, זיך איינגעהערט אין ווינט, געקוקט צום ליכט וואס לייכט זיך פון גאלדעם פענצטער...

דאן בין איך אהיימגעגאנגען, מיד, געשוואלן, ארעם און קראנק, אן אומ־גליקלעך אינגל, אן א היים, אן א געליבטע, אן טרייסט...

אַ נאַכט אין אַ דרוקעריי.

דאָנערשטיק פלעג איך געוויינלעך אַרבעטן איבערשטונדן, שפּעט אין דער נאַכט אַריין. די ציטונג האָט באַדאַרפט דערשיינען פרייטיק אין דער פרי. דעם אָוונט האָב איך געהאַט אַ ראַנדעוואו מיט גאָלדען אין פּאַריין. איך בין דאַריבער אַכט אין אָוונט אַוועק אין פּאַריין און צוגעזאָגט צוועלף אַזייגער צוריקצוקומען און דאָן צו אַרבעטן אַ גאַנצע נאַכט.

אין פּאַריין האָט זי אויף מיר געוואַרט. זי איז געווען צעגליט, פלאַמענדיק, ווי שטענדיק. איך האָב געגעסן אָוונט־ברויט און באַמערקט אַז ווי בינען אַרום אַ וואונדערלעכער בלום, דרייען זיי זיך אַלע אַרום איר — און זי שמייכלט קעניגלעך און ענטפערט אַלעמען אָפּ פריינטלעך.

זיי זיינען אַלע אין איר פאַרליבט — האָב איך זיך געטראַכט.

דאַן זיינען מיר אַרויסגעגאַנגען. כ׳האָב זי׳ באַגלייט אַהיים. וואָסאַראַ ליבלעכער וועג פון טריאומף דאָס איז פאַר מיר געווען. איך האָב פאַרויסגעזען די קומענדיקע שעה׳ן, ווי איך וועל שטיין אין דרוקעריי, אַ גליקלעכער, האָבנדיק איינגעזאַפּט אין זיך איר וועזן; איך וועל איבערלעבן אויפסניי איר פּערזאָן, איר קערפּער, אירע רייד, די מוזיק פון איר גאַנצן וועזן.

עס איז געווען אַ וואונדערלעכער אָוונט. ווי שטענדיק — און דאָך ווי ניי — איז די לבנה געשוואומען צווישן די וואָלקנס. נישט די לבנה איז אָריגינעל — נאָר איר פּאָזיציע אין הימל, וועלכע איז שטענדיק אַנדערש און — דער צושטאַנד פון אונז אַליין, ווען מיר קוקן אויף דער לבנה. . . אונז דאַכט זיך דאָן אַז זי האָט אַן אַנדער געזיכט, יאָ, אַפילו אַנדערע געפילן און פּאָעטישע געדאַנקען דיקטירט זי אונז — די מוזע פון דער ליבע, הגם איר אַליין איז אַזוי שטאַרק אומעטיק. הגם זי איז אַ קאַלטער, טונקעלער פּלאַנעט, וואָס וואַרעמט זיך אין די שטראַלן פון דער זון און שפּיגלט זיי אָפּ אויף דער ערד . . . אָפּטמאָל — האָב איך זיך געטראַכט — נעמען מיר צו עפּעס פון יענעם וואָס איז אים אַליין טייער . . . אָבער מיר נעמען עס ווי אַ נאַטירלעכקייט, ווי יענער וואָלט זיין אַ מיליאָנער . . . .

— ווי אַלץ איז אַזוי שיין! — האָט זי אָנגעהויבן.

— יאָ, די לבנה האָט אַן אייגנשאַפט צו פאַרגליווערן אַלץ. זי „טויטעט" דאָס לעבן מיט איר ווייסן' אומעטיקן ליכט. זי פאַרוואַנדלט אַלץ אין סקולפּטורן.

— באמת, ווי וואונדערלעך!

— איך ליב זייער דאָס דאָזיקע ליכט. כ'האָב ליב אַלץ אין אַ פאַרגליווערטן צושטאַנד. ווי באַדלער. פאַר אים האָט די וועלט געמוזט זיין פאַרשטייפט און טרוקן, סימעטריש, האַרט ווי מעטאַל. אָבער איך בין נישט אַזאַ דעקאַדענט און סטאַטיקער ווי ער. פאַר מיר אַפּעלירן נאָר די פאָרמען פון סקולפּטור — ווייל עס איז פּלאַסטישער אויסדרוק. וואָס געניאַלער אַ סקולפּטאָר איז, אַלץ מער דרוקט ער אויס אַפילו אין שטאַלערנע פאָרמען פון דער פּלאַסטיק. אַפילו סענטימענטן. מיר דאַכט זיך, אַז איך וואָלט געווען אַ גוטער סקולפּטאָר.

— באמת, ווי גאָרנישט באַוועגט זיך איצט. די נאַטור איז טויט. די ביימער שטייען פאַרגליווערט ווי פון ניקל אָדער צין געגאָסן, מיט ווייסע בלעטער, וועלכע בוקן זיך און שמייכלען גלאַנצענדיק צו דער געלער לבנה. אַלץ איז באַדעקט מיט אַ זילבערנעם שיין, ווי פון פּליסנדיקן שטאָל. דו זעסט דעם טייך דאָ? אַ פאַרגליווערטער שפּיגל פון ניקל, וואָס מלאָכים־קינדער האָבן געוואַשן און מיט זאַמד אָפּגעריבן.

— איך גלויב באמת, אַז די ערשטע סקולפּטור איז געשאַפן געוואָרן אין שיין פון דער לבנה. די ערשטע ווילדע מענטשן האָבן בייננאַכט געשניטן זייערע פיגורן אין די פעלזן. די ערשטע גרופּן האָבן אין שיין פון דער לבנה געבראָכן פעלזנבערג און געשניטן דעם פלאַם פון זייער נשמה. איך האָב — הגם נישט קיינמאָל פּרוואונדיק צו קנעטן אָדער צו האַקן — געטרוימט עטלעכע יאָר צייט אויסצואַקען אין שטיין אַ פיגור וואָס זאָל פאַרקערפּערן די ליידן און דראַנגען פון דער מענטשהייט פאַר פרייהייט און גליק. איך האָב גאַנצע נעכט געקלערט און געוויטיקט. איך האָב געוואָלט ווידמען מיין גאַנץ לעבן צו דעם. וואָסאַראַ גראַנדיעזע פיגור פון אַן איוב — האָב איך געטרוימט — וועט דאָס זיין. דאָס גרעסטע קונסטווערק אין פּלאַסטיק — האָב איך געמיינט' וועט דאָס זיין.

— נו, פאַרוואָס האָסטו נישט אָנגעהויבן צו אַרבעטן איבער דעם?

—אָנהויבן איבער אַ קונסט־ווערק צו אַרבעטן איז שווערער ווי צו ענדיקן און פאַרפולקאָמען עס. פּאָעזיע קענען שרייבן שוואַכע מענטשן, קרענקלעך־מעלאַנכאָלישע. סיפיליטיקער, שווינדזוכטיקע און אַסטמע־ליידנדע. אָבער שניידן אין שטיין — דאַרף מען האָבן פיזישע קראַפט. איך האָב שטענדיק געהאַט דעם ריזיקן ווילן און די ריזיקע קראַפט אין גייסט. אָבער מיר האָט געפעלט דער

קערפּערלעכער כוח. מען מוז פיזיש זיין אַ פעלז צו וועקן אַ פעלז פון זיין שלאָף. עס איז ווי אַ קליין אינגל וויל געשלעכטלעך באַזיגן אַ ריזיקע פרוי . . . ער האָט נישט די דרייסקייט און די פיזישע קראַפט צו דערוועקן די פרוי . . . די אידייע האָט ער . . . פאַר מיר האָט יעדען שטיין אַן אידייע. יעדער באַרג ווערט אין מיין געדאַנק געשמידט צו אַ מעכטיקן מאָנומענט. אָבער — איך האָב נישט די קראַפט צו שמידן אַ שטיין. אין יעדער שטיין שלאָפט מיין טרוים, מיין רום, מיינע ריזיקע דראַנגען. אָבער איך קען זיי נישט באַפרייען. זיי זיינען געבונדן אין קייטן. איך בין אַ שוואַכער מענטש. איך קען זיי נישט באַפרייען. איך לאָז זיי פאַרגליווערט ליגן אין די פעלזן — און ווען איך שטאַרב, שטאַרבן די אַלע ריזיקע זון־טרוימען אין די פעלזן . . . די פעלזן ווערן זייערע קברים . . . כ'האָב נישט קיין כוח. מיר פעלט דער דעמאָנישער כוח פונם מעכטיקן מיקל־אַנדזשעלאָ. אָ, פאַר אים האָבן די מאַרמאָר־בלאָקן אין קאַראַראַ געציטערט . . . זיי האָבן זיך געבוקט פאַר אים בשעת ער האָט זיי צעשמאָלצן מיטן בליק צו באַפרייען די אידייען אין זיי. . . .

— הערלעך ! דו ביסט אַ קינד פון דער נאַטור. . . .

— טאַקע דער נאַטורס ערשטע קונסט־פאָרם איז פּלאַסטיק, סקולפּטור. די אָקעאַנען, בערג, פעלזן, טאָלן, געזיכטער און קערפּערס פון חיות און מענטשן' פּלאַנעטן, שטערן, זונען, געוויקסן און געאָלאָגישע שיכטן — דאָס זיינען די נאַטורס שאַפונגען אין פּלאַסטישע פאָרמען. די נאַטור איז די ערשטע סקולפּטור־מייסטערין.

— מערקווירדיק ! אָבער די נאַטור, וואָס באַדייטעט אייביק לעבן, אייביקער דראַנג, קענגזאַצן, באַהערשונג פון פאָרמען — ווי קען זי שאַפען אַ קונסט פון פאַרגליווערונג, פון שטיין, פון סטאַטיק, פון אייביק־באַדלערישער אומבאַוועגלעכקייט ? —

— ווער זאָגט עס אַז סקולפּטור־פאָרמען זיינען סטאַטיש ? דאָס איז דער גרעסטער אומזין. אויבנאויף זען זיך די סקולפּטור־מעטאָדן אָן ווי סטאַטישע. אָבער זייער מאַטעריאַל איז דאָס דינאַמישע. זי נעמט פאַרשידענע סצענעס, פּאָזעס און צופאַלן פון לעבן אַלס טעמעס. דאָס לעבן איז דינאַמיש. זי פאַראייביקט אין שטיין אָט די דינאַמישע סצענעס. עס איז ווי די טאַנץ־קונסט, וואָס איז לויטער באַוועגונג און דאָך גיט זי טיילמאָל דעם איינדרוק פון סטאַטישע מאָמענטן. סטאַטיק פאַראייביקט די דינאַמיק. יעדער ריטם־מאָמענט פון אַ קלאַסישן טאַנץ באַרגט אוים אַ קליינע ווייל̄ע ביי דער סטאַטישער פּלאַסטיק. . . .

— איצט פאַרשטיי איך ריכטיק ! . . .

גאָלדע איז געווען באַגייסטערט פון מיין רעדן. זי איז צעפּלאַמט געוואָרן. זי האָט נישט געוואוסט אַז אַלץ וואָס איך רייד איז אַ דאַנק איר, אַז מיין מוח איז ווי פּלוצלונג באַפרייט געוואָרן פון מיין שאַרבן און אַלע געהיימע קרעפטן באַדינען אים מיט געדאַנקען און איינפאַלן, ווי אַ ים, וואָס קריגט יעדע ווײַלע נייע כוואַליעס . . . .

מערקווירדיק! ווען זי איז מיט מיר געגאַנגען בין איך געווען זייער פריי־לעך. אָבער ווי נאָר זי איז אַוועק — בין איך געבליבן איינזאַם און טרויעריק, ווי דער שמעטערלינג אין גינגאָלדענעם פאַרנאַכט, ווען די זון גייט אונטער. איך בין געווען שרעקלעך צעבראָכן.

זי איז אַריין אין הויז. כ'האָב געקושט איר האַנט. דאַן בין איך אַוועק איבער אַ לאַנגען וועג, וואָס פריער האָט אַלץ געבליאַסקעט מיט דער לבנה'ס זילבערנעם שיין — און איצט איז ער געווען שרעקלעך אומעטיק, טרויעריק, אַן זין, אָן עסטעטיק, אָן שיינקייט . . . בלויז פול מיטן געלן אַש פון מיינע רייד, טרוימען און פון גאָלדעס שמייכלען . . . .

* * *

אין דרוקעריי. מאַנאַטאָן שטייען די זעצערס, מיט שמוציקע, פאַרשוויצטע פּנימער און שוואַרצע פינגער, קלויבן די בוכשטאַבן פון די ברייטע קאַסעס, אינמיטן דרוקעריי, אויפן פּולאַפּ, הענגט אַ לאָמפּ — ווי אַ גרויסע, בייכיקע, געשוואָלענע לבנה און באַלייכט מיט מאַטן, אומעטיקן ליכט די ווינקלען . . . .

איצט בין איך פול מיט איר, און — גלייכצייטיק אַזוי אַליין, לײדיקער זאַגאַר ווי פריער מיט איר. נישט בלויז זי — נאָר אויך אַ שטיק פון מיר איז מיט איר אַוועק. די זעצערס רעדן צו מיר. זיי אינטערעסירן מיך איבערהויפּט נישט. איך וואָלט וועלן זיין אַליין. וואָסאַרע לאַנגווייליקע אַרבעט איז די זע־צעריי; דורך אַ פאַרביקער, בלויער שויב זע איך דעם בלויען הימל מיט אַ בלויער לבנה. אין מיין מוח בליצן דורך פיר ווערטער, וואָס זיינען די לעצטע צייט דער מהות פון מיין גאַנץ וועזן: דרוקעריי, רעוואָלוציע, ליבע און קראַנק־הייט . . . איינע איז דער קעגנזאַץ פון דער צווייטער. די רעוואָלוציע איז מיין גרויס־געפיל, מיין פלאַמענדע געליבטע, פאַר וועמען איך בין זיך גרייט מקריב צו זיין . . . אָבער די טרעגער פון דער רעוואָלוציע זיינען אַזעלכע שלעכטע, ברודיקע, אומוויסנדע, עגאָאיסטישע. איך האַס זיי. אָבער — ווידעראַמאָל — איך ליב די רעוואָלוציע וואָס פאַרזייט מיט פלאַמענדע קושן מיין האַרץ . . . .

די ליבע צו גאָלדען — אַ גרויסע ליבע וואָס האָט מיך אַנגעצונדן; איך בין געוואָרן עמפּינדלעכער און פּיבערנדער צו ליבע, צו רעוואָלוציע, צו דער נאַטור. זי לעבט מיך אויף און טויטעט מיך גלייכצייטיק....

די דרוקעריי — זי צווימט מיך. דאָס אייביקע מאָנאָטאָנע זעצן די בוכ־שטאַבן פון קאַלטן, גרויען בליי... די געביידע אָן פענצטער. די געשוואָלענע לבנה אויפן פולאַפּ — ווי אַ גרויסע שפּין... איך געניס נישט קיין ליבע, קיין נאַטור, קיין רעוואָלוציע, קיין פרייד. די דאָזיקע שוואַרצע דרוקעריי — ווי אַ ריזיקע שפּין — פרעסט אויף מיינע פרויען, מיינע הימלען, מיינע צאַרטע זומער־פאַרנאַכטן, מיין יוגנט... און....

שווינדזוכט אין מיין בוזם; טויט שפּינט זיך פון שפּינוועבס אויס אַ נעץ אין מיר... אַ גרויסע שפּין מיט פייערדיקע אויגן און ריזיק־גרויסן מויל וואוינט אין מיר... איך שטאַרב — איצט, ווען איך הויב ערשט אָן צו לעבן...

און — גאָלדע קומט צו, גלעט מיך, קושט מיך, נעמט אַרום און שלעפּערט מיך איין. איך בין איר קינד, זי עפנט דעם בוזם, זויגט מיך, איך טרינק די זיסע האָניק־געלע, גאָלדענע מילך״ איך טרינק איר האַרץ, איר בלוט, אירע אינגעווייד, איר מאַרך... איך טרינק זי איבער אין זיך, זי איז אַזוי גוט, זי גלעט מיינע דינע, זיידענע, גאָלדענע האָר, זי צעבייסט מיר דאָס מויל מיט אירע וואַמפּיריש־צאַרטע־בלוטאַלע ליפּן. — — — — — — — — — — — — — — —

איך האָב דערוואַכט; כ׳בין געלעגן אַ מידער און פאַרשלאָפענער אויף זעק מיט פּאַפּיר־אָפּפאַל און מיסט; דער טרוים האָט מיך נאָך אַלץ געגלעט מיט זיידענע הענט; כ׳האָב ווידער געוואָלט איינשלאָפן און גע ניסן דאָס הערליכע; גע־ניסן די מילך פון אירע הייסע בריסט; אָבער דער מאָרגן האָט געגרויט; מען האָט באַדאַרפט צוזאַמענשטעלן די קאַלטע, גרויע, ציַנענע בוכשטאַבן...

דער מאַן וואָס שטאַרבט אין שטילקייט

עס איז געווען אין האַרבסט, ווען איך האָב זיך דערמאָנט אָן אים. מיט דריי יאָר צוריק איז ער געווען מיין פריינט. זייט דאַן איז ער אַוועק פון מיר. אין אַ צייט אַרום האָב איך געהערט אַז ער געפינט זיך אין אַ משוגעים־הויז. עמעץ האָט מיר דערציילט זיין טראַגעדיע; ער האָט „זי" שטאַרק ליב געהאַט. געווען אַ שטילער שניידער פון לובלין. זי איז אַוועק מיט אַן אַנדערן. אַן אַלטע געשיכטע — אָבער שטענדיק ניי, ווי עס זאָגט היינריך היינע... דאַן איז ער אַרוים אין גאַס, אָפּגעשטעלט אַ דורכלויפנדיקן אויטאָמאָביל און געפּאַטשט דעם מאַן וואָס איז דאָרט געזעסן מיט זיין פרוי... אָבער נישט זיין פרוי איז דאָרט געזעסן... דער אָרעמער מענטש איז שוין געווען משוגע און האָט, ווי דאַן קיכאָט, געקעמפט קעגן די ווינט־שמיגעם...

איצט, ווען איך האָב וואָסאַמאָל מער זיך אָנגעהויבן שרעקן פאַר משוגעת, האָב איך זיך דערמאָנט אָן אים, אין מיין אָרימען, משוגענעם פריינט. איצט, ווען, ווי א ריזיקע שפּין, האָט מיך אויסגעזויגן די ליבע.

— הער־צו, גאָלדע — האָב איך צו איר איינמאָל געזאָגט — מאָרגן פרי, זונטיק, פאָרן מיר באַזוכן אַ פריינט אין אַ משוגעים־הויז. דו האָסט דאָך ליב צו זען אַלץ... דו ביסט אַזוי שטאַרק נייגיריק. ער איז אין אַ משוגעים־הויז און איז משוגע געוואָרן פון ליבע....

— גוט! — האָט זי געזאָגט און צוגעגעבן: — ווירקלעך, זייער שיין פון דיר. דו קומסט זען ביי דיין פריינט דאָס, וואָס וועט צו דיר אויך קומען....

* * *

די געביידע איז געווען אַ רויטע, ווי אַן איינזאַמער פּאַלאַץ, איז געשטאַנען ווייט אויף דער אַנדערער זייט וואַסער, צווישן וועלדער, אויף אַ ליידיק פעלד. קיין באַזוכער זיינען אַהין נישט געפאָרן, ווייל די מענטשן דאָרט זיינען שוין פאַרפאַלענע. איך און גאָלדע האָבן ווייניק גערעדט. איך האָב געהאַט אַ געוויסע סאַטיספאַקציע וואָס זי פאָרט מיט. פיליכט וועט זי מיך נישט ברענגען צו אָט דער שרעקלעכער מעלאַנכאָליע־שטימונג.

אַ באַדינער, אַ הויכער, דינער, דאַרער און בלאַסער, ווי אַ סריס, האָט אונז געעפנט די טיר און אַריינגעפירט אין ביוראָ. אין אַ האַלבע מינוט אַרום האָט מען אונז אַריינגעפירט אין וואַרטע־צימער. איך האָב געוואַרט מיט נייגיריקייט. איך האָב דעם מאַן גוט געקענט. ער איז שטענדיק געווען אַ פּרייליכער און גוטער מענטש. ער האָט זיך מיט זיין, קליין, בלאַנד טעכטערל אַזוי פיל געפרייט. איצט — ווי וועט ער אויסזען? האָט ער זיך פאַרענדערט אין געזיכט, אין בליק? —

די טיר האָט זיך געעפנט און דער מאַן איז דערשינען. געוויס האָב איך אים דערקענט. אָבער, מיין גאָט! עס איז געווען אַזאַ ביטערע ענדערונג אין אים. . . איך האָב אויפגעציטערט. ער איז געווען כמעט די העלפט אין גוף, די העלפט אין וואוקס, אַזוי קליין און טרויעריק. זיין שמייכל איז ווי איינגעזונקען געוואָרן אין אים. זיינע אויגן זיינען געווען ווילד, גלאַנציק, שטאַרק מעלאַנכאָליש. דאָס פּנים איז אינגאַנצן געווען אויסדרוקסלאָז, ווי מעש.

ער האָט אונז דערזען און אָנגעהויבן וויינען.

— לעאָן! — האָב איך זיך צו אים געווענדעט,—דערקענסטו מיך! געדענקסטו ווי מיר פלעגן אָפט פאָרן אין סט. אַננעקע? וואָס טוט זיך דען מיט דיר?

ער האָט געוויינט. מיר האָבן אַלע דריי געשוויגן. איך האָב אים געלאָזט וויינען און שלוקערכצן אין זיך. דאַן האָב איך באַמערקט ווי ער דערמאָנט זינט עפּעס. איך האָב געזען ווי זיינע געהירן פּרואוון זיך דערמאָנען. עס איז געווען אַזוי שרעקלעך צו זען ווי אַ מענטש ראַנגלט זיך מיט זיין פאַרלוירענעם זכרון. עפּעס ווי שלאַנגען וואָלטן זיך שלאָגן אין זיין מוח. זיינע אויגן האָבן אויסגעדרוקט אַט דעם ווילדן געראַנגל.

איך בין נייגיריק געווען צו הערן זיין שטימע.

פּלוצלונג האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן. זיין שטימע איז געווען ווי פון אַ בלעכערנער כלי, וואָס שווערע טראָפּנס שלאָגן אָפּ אין דער נאַכט אין איר דנאָ. ער האָט געזאָגט:

— זי האָט מיך געהאַנגען, געהאַנגען, געהאַנגען. איך זאַמל די אַרמייען, אַרמייען, אַרמייען. כ'האָב זי ליב . . . .

ער האָט געקוקט דורכ'ן פענצטער און פאַרענדיקט:

— דו ביסט דער, דער, דער. . . איך ווייס, דו ביסט דער. די בלומען. איך זיץ דאָ אין טורמע. וואָס שרייבט זי צו דיר . . . אַך, מיר איז ביטער . . . .

ער האָט גערעדט שטיל. ווייזט אויס אַז ער האָט געדענקט לאָגיש און האָט פאַרבונדן די ווערטער לויט אַ סדר. אָבער די ווערטער וואָס בינדן איינע

מיט דער אַנדערער, האָט ער בלויז געשעפּטשעט מיט די ליפּן. דעריבער האָבן די זאַצן אויסגעוויזן צו זיין אָן אַ סדר.

דורכן פענצטער האָט מען געזען אַ רויטן וואַלד. עס איז געווען האַרבסט. די בלעטער זיינען געלעגן אויפן פעלד. די צווייגן האָבן ווי קרוינען געגלאַנצט אין זון־שיין. הגם אַלץ האָט שוין געוויאַנעט, האָט אָבער אין גערטל אַרום דער געביידע אַלץ אויסגעזען אַזוי סימעטריש און שיין געאָרדנט. איך האָב אין האַרץ געלאַכט. סימעטרי און אָרדנונג אין דעם קליינעם לאַנד פון שרעקלעכן כאַאָס און אַנאַרכיע . . . .

פּלוצלונג האָט ער אָנגעהויבן צו גיין. מיר זיינען אים נאָכגעגאַנגען און זיך געפונען אין זיין צימערל. אַ בילד פון אַ פרוי איז געהאַנגען אויפן וואַנט, דאָס איז געווען די פרוי וואָס האָט אים אַזוי ביטער פאַראַטן. אין ווינקל פון זיין צימערל האָבן געלעבט צוויי שוואַרצע, דינע שפּינען, אין גרויסן שפּינוועבס. ער איז צו צו זיי און געוויזן מיטן פינגער דאַרויף, דאַן האָט ער מיטן זעלבן פינגער געוויזן אויפן בילד פון דער פרוי. . . דאָס האָט געהאַט אַ געוויסע מיינונג. ער האָט טאַקע באַלד אַרויסגערעדט:

— שפּין — פרוי, פרוי — שפּין, שפּין — פרוי. . . .

אַזוי האָט ער אומציילינקע מאָל איבערגע'חזר'ט.

ס'איז אוממעגלעך געווען מיט אים עפּעס צו רעדן. ער האָט אָנגעהויבן וויינען.

גאָלדע האָט אויף אַלץ געקוקט מיט נייגיריגקייט. ווען איך האָב זיך איינגעקוקט אין איר געזיכט, האָב איך געזען אַז זי איז ענלעך צו דער פרוי אויפן בילד. . . באַלד האָב איך אינסטינקטיוו געקוקט צו די שפּינען, שוואַרצע, אומעטיקע, זיינען זיי צוזאַמען מיטן משוגענעם לאַנגטאָר געשטאָרבן אין איינזאַמען צימער . . .

מ'יר האָבן אים פאַרלאָזט. ער האָט אַפילו נישט געגריסט זיך צו אונז. ווייזט אויס, אַז די גאַנצע אויסערלעכע וועלט האָט אים נישט פאַראינטערעסירט. ער איז געבליבן זיצן, קוקנדיק אויף די שוואַרצע שפּינען. . . .

שפּעטער האָבן מ'יר נאָך באַזוכט עטלעכע אָפּטיילונגען פון זעלבן הויז, באַזונדערס שרעקלעך איז געווען אַן אָפּטיילונג פון קריגס־געליטענע, ווילדע, משוגעים, נישט קענענדיק נאָך ביז איצט פאַרגעסן דעם קריג. זיי שיסן, אַטאַקירן, פאַרטיידיקן זיך, פאַלן אָן, זיינען בייז, שעלטן, שפּייען, קריגן זיך. די קריג לעבט אין זייערע געהירן. זיי הערן די געשרייען, זען פאַרוואונדעטע, טרעטן

איבער טויטע קערפּערס, מאַרשירן, יאָגן, בעטן צו גאָט, יאָמערן און שטעכן, ווערגן און שיסן . . . אַ שרעקלעכע וואַקכאַנאַליע פון משוגעת . . . .

* * *

מיר זיינען אַרויס. איך האָב געזאָגט.

— אָט דאָס זיינען די רעזולטאַטן פון ליבע. דער מאַן שטאַרבט דאָרט צווישן די שפּינען, ווייל אַ פרוי האָט אים פאַראַטן, שוין האָבנדיק מיט אים אַ זעלטן־שיין קינד . . . איך שפּיי אויף דער ליבע! — האָב איך געזאָגט, זיך וועלנדיק מיט עפּעס אין גאָלדען נוקם זיין . . . .

— דו שפּייסט ?. . . נו, דו זעסט דאָך די רעזולטאַטן פון איר. נישט בלויז דו מוזט גלויבן — נאָר דו וועסט זיין פונקט אַזאַ קרבן. איך זאָג נישט דורך מיר...

איך האָב זי איצט פאַראַכטעט. זי איז געווען רואיק און האָט געשטראַלט אין דער זון ווי אַ זוניקע שטיק מאַרמאָר־ווערק.

— איך בין נישט אַזאַ פאַנאַטיקער ווי ער, דער אידיאָט! ער האָט זי באַדאַרפט לאָזן גיין. די ליבע איז אַ שרעקלעך געפיל, אַ טריק פון דער נאַטור, כדי אַרויסצוצווינגען און אויסצונאַרן דעם נייעם דור . . . זי צעשפּילט דאָס אין אונז די ראָמאַנטישע ליבע — די בלום פון דער סעקסועלער ליבע . . . די נאַטור איז אַ שרעקלעכע באַטריגערין. זי הייסט און צווינגט אונז אייך ליבן, פאַרהאַסטע פרויען, בשעת מיר האָבן אייך צום טויט. אַ, פאַרשאָלטענע קינדער פון דער נאַטור! רויבער און צעשטערער פון דער רואיקייט. . . .

— דו רעדסט דאָך אַזוי שיין . . . נו, מיר וועלן זען . . .

דאָס איז געווען אַ דראָאונג פון איר זייט. איך האָב זי געוואָלט רייצן און געזאָגט:

— ניין, איך וועל נישט זיין אַזאַ אידיאָט. איך האָב דיך ליב, גאָלדע. אָבער איך וועל נישט דערגיין צו אַט אַזאַ שטופּע ווי דער פריינט מיינער. איך וועל אפילו נישט קיינעם קיין שלעכטס טון צוליב אַ ליבע. איך וועל נישט אוועק פון דער פּאַרטיי. די ליבע איז אַזאַ געפיל, וואָס אַ שטאַרקער מענטש קען זי באַצווינגען.

גאָלדע האָט זיך צעשמייכלט : —

— אַ שטאַרקער מענטש . . . אָבער. . . .

דאַן האָט זי אַרויסגענומען אַ קליין מיניאַטור־ביכעלע פון טאַגאַרעס לידער, עס מיר געשענקט און געזאָגט :

— נאַ, דאָ האָסטו עס. איך בין נישט בייז אויף דיר. בלייבן מיר גוטע פריינט, יאָ ?

— אודאי! דו ווייסט דאך, איך רעד און רעד און וויל זיך אליין פארעדן. אבער — איך ליב דיך....

— איך ווייס....

איך האב געקושט, גייענדיק מיט איר אין דער טונקלקייט פון א געסל, איר האלדז.

פלוצלונג איז אויף דער ערד פאר אונז אנידערגעפאלן אן אלטע, אפגעריסענע פרוי, מיט גרויע, צעשאטענע האר און געבעטן א נדבה. זי האט זיך באקלאגט אז איר אינגל איז זייער קראנק....

גאלדע האט געעפנט דעם טאש און איר דערלאנגט א ריזיקע סומע: צוואנציק פראנק... די פרוי האט זיך אזש דערשראקן און טרערן האבן זיך באוויזן אין אירע אויגן פון דאנקבארקייט.

איך בין אויך געווען גערירט פארן פיינעם זשעסט פון גאלדען. ווען איך בין אהיימגעגאנגען, האב איך איר איינגערוימט אין אויער:

— גאלדע, איך גלויב אין ליבע....

זי און די בלוטלאזע לבנה האבן געשמייכלט....

אין רעווירנהאָף־פּאַרק.

אין דער פרי, ווען איך בין אויפגעשטאַנען, בין איך געווען פול מיט איר. אין אַלע ווינקעלעך פון מיין נשמה האָט זי אויפגעפלאַמט. עס איז ווי מען וואָלט אָנגעפולט אַ ליידיקן מאָדעל פון ליים מיט גליענדיקן אייזן, ווי אַ געדיכטע זופּ. זי האָט זיך פאַרשפּרייט אין מיין ווענז און געגעבן פליגל צו מיינע אָדערן. עס איז געווען ווי נאָך אַ הערלעכן אַפיום־חלום: די פאַנטאַזיעס זיינען צערונען. אָבער דער דראַנג פאַר די פאַנטאַזיעס האָט געפינקלט אין מיר און מיך נישט געלאָזט רוהען. דאָס געפיל פון ליבע איז אין מיר פלוצלונג דערשינען מיט אַזאַ קראַפט אַז איך בין געווען צעבראָכן. זי האָט געפלאַמט אין מיינע געהירן — אַ לויטערע און שיינע, אַ פלאַמענדע, פון בליצן געקושט. . . .

אַרום עלף אַזייגער האָבן מיר זיך באַדאַרפט טרעפן ביים באַנהויף, אויף אַפּצופאָרן אויפן אויספלוג אין רעווירנהאָף. ווען איך בין צוגעקומען, איז זי מיט אַ גאַנצער גרופּע שוין געשטאַנען. זי איז געווען אָנגעטאָן אין איר פשוטן, געלן קלייד, אין אַ העלן מאַנטל. זי האָט ווי געוויינלעך געשמייכלט. איך האָב אויף איר געקוקט מיט ליידנשאַפט. נישט אין איר און נישט אין מיין אויסזען איז געווען צו באַמערקן עפּעס פון מיין פלאַם.

מיר זיינען אָפּגעפאָרן אין רעווירנהאָף. וואָסאַראַ הערלעכער פּאַרק דאָס איז אין יוני און יולי. באַלד ביי אַלייע ביים טויער איז אַ קעניגלעך־מאַיעסטעטישע. אַזאַ פּראַכט פון גלייכע, געוואוקסיקע ביימער, ברייט אין דער הויך פּאַנאַנדערגעשפּרייט מיט גרינע צווייגן־פליגל. אין פּאַרק איז כמעט פינצטער. די שאָטנס זיינען קיל און שווער. דאָך זיינען פאַראַן זוניקע פּלעצער.

די יוגנט־סעקציע־מיטגלידער האָבן געשפּילט. ליידער קען איך גיט אַנטייל נעמען אין קיין שום שפּילן. הגם עס איז נויטווענדיק, פיל איך זיך דערנידעריקט און פאַרשעמט, זיך פאַרוואַנדלענדיק אין אַ שפּיל־קינד. איך האָב קיינמאָל נישט געשפּילט. מיין אינדיווידואַליסטישער כאַראַקטער דערלויבט מיר נישט אַנטייל צונעמען אין שפּיל מיט אַנדערע. איך בין אויך שטאַרק אונגעלומפּערט און הינטערשטעליק.

אַלע האָבן געשפּילט. גאָלדע איז אויך אַן אינדיווידואַליסטישע נאַטור. זי איז געזעסן אויפֿן גראָז און געררייכערט ציגאַרעט נאָך ציגאַרעט. די רוסישע רעוואָלוציאָנערע לידער וואָס מען האָט געזונגען, האָבן שטאַרק מיך באַגייסטערט און פֿאַרשטאַרקט מײַנע עמאָציעס.

כּדי צו פֿאַרגלעטן מײַן נישט אַנטיילנעמען אין שפּיל, האָב איך אויסגע־טראַכט אַז די ציין טוען מיר שרעקלעך וויי. איך האָב אויך געזוכט וואָס מער צו ציִען אויפֿמערקזאַמקייט און מיטגעפֿיל צו מיר פֿון גאָלדען. . . .

זי איז געזעסן. אין רויד־אָרעאַל איז זי געווען וואונדערשיין. איך האָב זיך געלעגט מיטן קאָפּ אויף איר קני און געפֿילט אַזוי גוט און גליקלעך. איך האָב ליב געהאַט איר קערפּער. ער איז געווען מעכטיק־שטאַרק, איך באַמערק אָבער אַז איך האָב איר קערפּער קיין איין מאָל נישט באַרירט. אירע בריסט האָב איך נישט געקענט. בלויז אַ קוש אויף איר שטערן — קיינמאָל נישט אויף איר מויל — האָב איך געטאָן שטענדיק מיט טיפֿע ציטערניש. . . .

שפּעטער זײַנען מיר אַוועק צו די וועראַנדעס פֿון די קאַפֿעען אין פּאַרק. בײַ גרינע טישן, אין שאָטן פֿון די בוימער, פֿון דער זון באַהאַלטן, זײַנען גע־זעסן אַ סך פֿאַמיליעס אין ווײַסע קליידער און זיך געלאָזט וואוילגיין. דאָס פּלע־מישע פֿאָלק האָט באַזונדערס ליב אין רו־ און יום־טוב־טעג אַרויסצופֿאָרן, צו זיצען אין קאַפֿעען און טרינקען דעם גרינעם, פֿעטן "באָק". איצט זײַנען זיי גע־זעסן ברחבֿות'דיק. מיר האָבן זיך אויך צוגעזעצט. איך האָב ווייניק גערעדט מיט גאָלדען. איך בין געווען טרויעריק און זי האָט נאַטירלעך אַלץ דערקענט.

די זון איז געזונקען אין מערבֿ־זײַט. די בּרעגן פֿון די וואָלקנס זײַנען גע־וואָרן ראָזע־רויט און פּורפּור־פֿאַרביק. עס איז געווען אַ גראַנדיעזע מאַניפֿעסטאַ־ציִע פֿון די הימלישע וואָלקנס, פֿאַרשטעלנדיק פֿאַרשידענע פֿאָרמען און פֿיגורן אויף דער גרויסער הימל־סצענע. איך האָב געטרונקען דעם ביטערן ביר און גע־וואָלט זיך אָנצינדן צוזאַמען מיט גאָלדען, פֿאַרבּרענט ווערן אינעם הימלישן קע־ניגרײַך פֿון פֿלאַמען. ווערן קויל־שוואַרץ און ס'זאָל אויך אונטערגיין, פֿאַרניכ־טעט ווערן מײַן האַרץ וואָס ליבט אַזוי אכזריות'דיק.

— פֿאַרוואָס ביסטו טרויעריק? — האָט זי געפֿרעגט.

— דו ווייסט פֿאַרוואָס — האָב איך רואיק געענטפֿערט. — פֿילייכט ביסטו די שולד דערפֿון. . . .

— נאַריש אינגל! וואָס קען איך זײַן די שולד? דו ווייסט דאָך וואָס אַ פֿרוי איז. באמת, ווען די מענער וואָלטן געקענט די פֿרויען, וואָלטן זיי קיינמאָל זיך נישט נאַריש געמאַכט אין ליבע. איך בין אַ פּשוט מיידל. דאָס אַלץ. ווען

דו זאָלסט מיך נישט האָבן באַגעגנט, וואָלסטו אַז אַנדערע געליבט. פּונקט אַזוי קענסטו איצט, ווען דו וואָלסט זיין קלוג און וואָלסט וועלן, ליבן אַז אַנדערע. אַנדערע זיינען שענער פאַר מיר. . . .

איך האָב אַלץ אויסגעהערט, דאָס אַלץ האָט נישט געקענט אָפּשוואַכן מיין געפיל. איך בין גרייט געווען צו שטאַרבן פאַר איר. אָ, ווען זי איז איצט אַליין . . ווען דאָ וואָלטן נישט זיין אונזערע חברים. זיי זיצן און קלעפּן אַרום איר ווי בינען אַרום האָניק. . . זיי אַלע גלייכן איר. . .

די זון איז לאַנגזאַם געזונקען אין מערב. מיר זיינען צוגעגאַנגען צום וואַסער. דאָס וואַסער איז געווען אַ רונדע, אַרומגערינגלט פון אַ וואַלד הויכע, שיינע בוימער. ביים וואַסער זיינען געשטאַנען שטיינערנע, ברייטע, פלאַכע בענק. מיר האָבן זיך אַנידערגעזעצט. די לבנה — אַ גילדערנער בעכער — איז איצט געשוואומען אין קילן, שוואַרצן, נאַכטיקן וואַסער.

אַ ריח פון איר פּרויען־לייב האָט מיך פאַר'כשופ'ט. איר געלע קלייד איז געווען הייס און האָט געשריגן צו מיר. איך האָב נישט געוואַגט צו זיצן נאָענט נעבן איר. וואַסערא כוואַליע פון גלוט האָט זיך צעגאָסן אין מיר און אַ פלייץ געטאָן אין די אָדערן ווי צעגאָסענע גלאָז.

מיר זיינען אַ ווילע געזעסן און דאַן אַוועק צום ספּעקטאַקל „צעזאַר און קלעאָפּאַטראַ," פון שעקספּיר, וואָס האָט געזאָלט אויפגעפירט ווערן אויפן פעלד, אונטערן פרייען הימל.

* * *

מיר זיצן צווישן פּובליקום און איך לעב איבער די אַנטיקע צייט. די אַר־טיסטן זיינען רייזיק־הויכע, שלאַנקע, רוימישע העלדן. צעזאַר, קלעאָפּאַטראַ, גענעראַלן און מיליטער. אויבן איז אַ לויטערער, בלויער הימל מיט דינע וואָלקנ־אימאַזשן, פאַנטאַסטישע געשטאַלטן. אונטען — נייע מענטשן שפּילען די העלדן פון דער געשיכטע. . . .

איך בין אין אַלטן רוים. איך לעב איבער די שטורמישע צייט. הגם איך בין פול מיט עמאָציע און שטורם, פּאַס איך זיך צו צו דער צייט פון דיסציפּלין און אָרגאַניזאַציע. אַט שטייט די רוימערין — גאָלדע — נעבן מיר. איר קערפּער איז ווי פון אייזן געגאָסן, דורך אַ שטאַרקן גאָט געשאַפן.

עס איז וואונדערשיין צו הערן אין אַ טונקעלן פּאַרק הערליכע מוזיק און צו הערן און זען ווי די מענטשן פון דער געשיכטעריידן און האַנדלען. די נאַטור ווערט אַ דעקאָראַציע צום רייזיקן ספּעקטאַקל. די נאַטור איז דאָך אין די רוי־מישע צייטן אויך געווען די זעלבע. די זעלבע לבנה, שטערן, וואָלקנס און וועלדער און — די זעלבע ליבע. . . .

שפּעטער גייען מיר אַהיים. איך טרוים אַמאָל צו שרייבן אַ ריזיקע עפּישע פּאָעמע פון דער פאַרגאַנגענהייט. גאָלדע איז גליקלעך און ערנסט. מיר גייען דעם גאַנצן וועג אַהיים. מיר דאַכט אַז די בוימער, שטערן און וואָלקנס טאַנצן פאַר אונז ווי אַרטיסטן. . . .

איצט גיי איך מיט איר און בין גליקלעך. אָבער דאָס אומגליק ווען זי וועט אַוועקגיין און איך וועל בלייבן אַליין איז ריזיק גרויס און פאַרגלייך צום גליק. . . .

מיר גייען ווי פאַר'כשופ'טע פון ווייַן און פון דער נאַטור. מיר טרינקען די שטאַרקע לופט פון הימלישן אָקעאַן. מיר ריידן גאַרנישט, אָבער איך שרעק זיך פאַר איר אַוועקגיין. די גאַנצע נאַטור נעמט איצט אַנטייל אין מיין פרייד . . . אָבער די זעלבע נאַטור וועט נישט אַנטיילנעמען אין מיין שמערץ. . . .

ביים געזעגענען זיך, קוש איך איר האַנט. מאָרגן אָוונט דאַרף איך קומען צו איר, כדי מיר זאָלן זוכן פאַר מיר אַ צימער אין איר געגנט . . . איך וויל וואַוינען נעבן איר . . . זי ווייסט עס נישט. איר זאָג איך אַז איך וויל לעבן אין שטילקייט, ווייט פון שטאָט און פון פאַרשאָלטענעם פּאַריזן. . . .

איך גיי צוריק — און איך גלי פון פיבער. מיין האַרץ טאַנצט אין בוזעם און ציטערט . . . אַ, וואָסאַראַ דעמאָנישע קראַפט איז די ליבע! . . .

איך זוך אַ צימער.

אין אוונט בין איך געקומען צו איר. כ'האב פאַרזיכטיק אָנגעקלונגען. ווי נאָר איך האָב געזען דאָס געלע דעכל אויפן ערשטן שטאָק, האָט מיר דאָס האַרץ אָנגעהויבן צו קלאַפּן. גאָלדע איז אַראָפּגעקומען און מיך געהייסן פריער אַרויפגיין צו זיי אין שטוב. איך בין נאָך איר נאָכגעגאַנגען אויף די טרעפ און געקושט מיט די בליקן יעדער פאַלד אויף איר קלייד. דעם דיקן, פיינעם האַלדז מיט די קליינע, צאַרטע אויערן.

אין אַ ווײַלע אַרום בין איך געזעסן אין דער גרויסער שטוב ביים טיש. די מוטער איז נעבן מיר געזעסן און מיך אויסגעפרעגט. איך האָב פאַר איר מורא געהאַט, דען זי איז געווען אַ שטרענגע פרוי, מיט אַ בייזן, אַריסטאָקראַטישן בליק. זי האָט עפּעס געשטריקט. כסדר האָט זי מיך געפרעגט נייע פראַגן. איך האָב זיך געשראָקן איר צו ענטפערן בייז, הגם זי האָט באַליידיקט מײַנע חברים און זייער מעטיקייט. יעדער ווײַלע האָט גאָלדע זיך אַרײַנגעמישט און געהייסן איר מוטער אויפהערן מיך צו פרעגן אַזוי פיל.

גאָלדע האָט זיך געווענדעט צו מיר:

— מיר גייען באַלד. איך טו זיך אָן. אָבער פריער וועסטו עסן אוונטברויט בײַ אונז.

איך האָב נישט געוואָלט עסן. דער אמת איז אַז איך האָב זיך געשעמט דאָ צו עסן. איך האָב געוואָלט זיין וואָס ווייטער פון דעם הויז, פון דער שטרענגער פרוי. איך האָב געוואָלט זיין מיט גאָלדען אַליין. ענדלעך זיינען מיר ביידע אַראָפּגעגאַנגען.

עס איז געווען אַ וואַרימע, זומערדיקע נאַכט. אין דער גאַס אוועניו ראַיאַל איז געווען אַזוי שטיל, ווי אויף אַ בית־עולם. די לבנה — אַ גרויסע צינענע און ליכטיקע — האָט געשמייכלט אַזוי שיין און געלויכטן דורך די שאָטנדיקע בלעטער־לאָקן פון די ביימער. איך בין געווען גליקלעך. איצט האָט די גאַנצע וועלט מיר געלויכטן ווי אַ הערלעכער שפּאַציר־גאָרטן, פול מיט גליק און ליבע.

— פאַרוואָס ווילסטו נישט עסן — האָט זיך גאָלדע צו מיר געווענדעט. — דו ביסט דאָך אַזוי דאַר און בלייך. דו, אינגל, דו מוזט וואַקסן. דו מוזט אַ סך עסן. דו ווייסט, דו ביסט אַזאַ קליין אינגל, אַזוי דין און ווייס.

מיר זיינען אירע צערטלעכע ווערטער געפעלן. איך האָב זי פון איר הייסן, רויטן מויל געטרונקען ווי שווערן, שטאַרקן זאַפט. זי האָט גערעדט אַזוי נאַ־טירלעך און אָפן. די רייד זיינען געפאַלן אויף מיין האַרץ.

— איך וועל עסן, גאָלדע, געוויס וועל איך עסן. אָבער איך וועל סיי ווי נישט לאַנג לעבן. איך בין קראַנק. . . .

— דו, קינדעלע, רעד נישט אַזוי. ווירקליך, ווי נאַריש דו ביסט . . . דו וועסט זיין געזונט און אַלט ווערן. וועסט האָבן אַ פרוי מיט אַ סך קינדער.

ווידער האָבן אירע רייד מיך אַזוי געפרייט. זיי האָבן מיר אַריינגעגעבן אַן אַ שיעור האָפענונג. זי האָט גערעדט אַזוי קלאָר און אָפן און אויפריכטיק. מיר זיינען ביידע געגאַנגען ווי איבער אַ טעפּיך פון ווייסע ליליען. קליינע פּאַלאַצן אין מיניאַטור האָבן פאַרביי־געשוועבט. איך בין געווען אַזוי פאַרטויבט פון געפילן, אַזוי געקושט פון גליק, אַז כ׳האָב נישט געזען ווי די גאַסן, ברייטע און שיינע, פאַרשווינדן. טיילמאָל האָט זיך גאָלדע אָפּגעשטעלט פאַר אַ הויז, זען צי עס איז דאָ אַ צימער צו פאַרדינגען. קענטיק אַז זי איז טאַקע געווען פאַראינטערעסירט צו געפינען פאַר מיר אַ צימער, הגם איך האָב עס נישט געדענקט. איך האָב איר נעכטן געזאָגט, אַז איך וויל זוכן אַ צימער אין בערכעם, אַז איך וויל זיך דער־ווייטערן פון די קאָמוניסטן, כ׳וויל שרייבן און זיך לערנען פראַנצויזיש, לעבן אין רו. . . .

עס איז געווען אַ קריזיס אין מיר. איך האָב דערוואַכט אין פרילינג. די בלעטער האָבן געררוישט אין שטאַרקןווינט. די רעוואָלוציאָנערע געפילן זיינען נישט געווען קיין סימפּאַטישער אויסדרוק צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי — נאָר אַן עראָטישער אויסברוך פון ליבע צו דער רויטער פרוי פון רעוואָלוציע און פרילינג. איך בין געווען אַכצן יאָר אַלט, דאַן ווען אַ אינגל הויבט אָן צו באַ־קומען אַ באַדערפעניש צו ליבן, זיך צו פאַרטרויען, ווען די לבנה אין די נעכט מאַכט אים טרויעריק און ער וויל אַרומנעמען די גאַנצע וועלט אין ליבע. . . .

און איצט זיינען מיר געגאַנגען זוכן אַ צימער, ווייל איך האָב אינסטינק־טיוו געוואָלט וואוינען לעבן איר, ביינאַכט, ווען איך דריי מיך אויפן געלעגער — צו קענען טראַכטן אַז איך בין אַזוי נאָענט צו איר . . . אַז די לבנה קוקט אַריין צו מיר און קושט אין דער זעלבער צייט איר מעכטיק־בליענדיקן קערפּער. . . .

מיר זיינען צוגעקומען צו אַ בית־עולם; די מצבות האָבן ווייסע געשיינט

אין דער לבנה; בלומען און גראָזן זיינען געווען אויף די קליינע בערגלעך, אַז אידעאַלע רו האָט געהערשט אין דער לויטערער, זילבערנער שטילקייט.

— זעסט, איך וועל דאָ ליגן. דו וועסט מיך קומען באַזוכן. יאָ איך וועל באַלד שטאַרבן און איבער מיר וועלן בליען די בוימער און די בלומען. . . .

זי האָט גערעדט מיט געפיל און אָפנקייט, ווי איר גרויס האַרץ האָט גע־פילט. איך האָב געפילט אַ ווייטיק ביי אירע רייד. איך האָב דאַך געהאַט אַ באַגער טאַקע מיט איר צוזאַמען דאָ צו רוען, אַזוי ביז אין דער ווייטער אייביקייט.

מיר זיינען געשטאַנען ביים צוים. די ווערים האָבן אין דער קלאָרער נאַכט אַרויסגעלאָזן פאַרשידענע קלאַנגען פון עראָטיק. די גאַנצע נאַטור האָט איצט הערלעך מיטגעזונגען אין ליבע. . . .

— ניין, גאָלדע! — האָב איך געזאָגט. — דו וועסט בלייבן לעבן און איך וועל שטאַרבן. זעסטו, ווען דו וואָלסט דאָ ליגן, וואָלט איך נישט געקענט לעבן אַליין. אָ, ווי איך האָב דיך ליב . . . לאָמיר ביידע שטאַרבן צוזאַמען. . . .

זי האָט געלאַכט. איר פנים, ווען עס האָט געלאַכט, איז געווען אַזוי שיין ווי דאָס געזיכט פון אַ ליכטיקער, געריכישער געטין.

די קברים האָבן זיך אָנגעטאָן אין ווייסן. טיילמאָל האָט זיך געדאַכט אַז אַלץ איז לעבעדיק און אַלץ הערט זיך איין. איך האָב איצט געהאַט אַ מאָדנעם דראַנג זיך צו באַהעפטן מיט דער נאַטור, מיט די טויטע, מיט גאָלדען. . . .

אַ נאַכטיגאַל האָט געזונגען איר אומעטיק ליד צווישן די צווייגן.

— קום, לאָמיר גיין זוכן דאָס צימער, — האָט גאָלדע געזאָגט.

ווידער זיינען קליינע פאַלאַצן געשוווּנדן פאַרביי. הערלעכע ווילעס, אויף וואַסער־שטראָמען און עלעגאַנטע ווי פון מענטשן געשניצטע. רויטע דעכלעך, באַלקאָנען גלאַנצנדע און קליינע, פענצטערלעך מיט וואַזאָנען, דורך וועלכע פייערלעך האָבן געגלאַנצט.

מיר זיינען אַריין אין אַ קליינער, דעליקאַטער קאַפע, וואו די פענצטערלעך זיינען געווען באַהאַנגען מיט זיידענע, רויטע פאָרהאַנגען. אין צווייטן שטיבל זיינען מיר געזעסן. זי האָט געשמייכלט. איר יעדן שמייכל האָב איך געטרונקען ווי וויין. זי האָט געקוקט אויף מיר. הגם איך בין געווען גליקלעך מיט איר, בין איך געווען טרויעריק. מיינע אויגן האָבן אין טונקעלן שיין געגלאַנצט מיט אומעט. מיינע האָר זיינען געווען בלאָנד, פון דער זון פאַרברענט, און גע־קרויזלט. איך בין געווען אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן, ווייסן מאַנטל. האָב גערעדט ווי אַ מיידל, דעליקאַט. פאַר איר בין איך געווען נישט מער ווי אַ קינד, ווי אַ שפּיל . . . זי איז געווען ראַפינירט און קלוג, בשעת איך האָב צום ערשטן מאָל אַזוי היים געליבט, און כ'בין פיל מיט פרויען זעלטן געגאַנגען.

ווידער זיינען מיר געגאַנגען באַרוישטע איבער בערכעמס גאַסן און עווענוס. מיד זייענדיק פון גיין, נישט געפינענדיק קיין צימערן אין דער געגנט, ווייל געוויינטלעך האָבן דאָ געוואוינט זייער רייכע מענטשן זיינען מיר צוריקגעגאַנגען צו איר הויז און אויף אַ באַנק, אין שאָטן פון די בוימער, זיינען מיר געזעסן אומעטיקע.

כ'האָב געזען ווי די לבנה קומט צו און גיסט אָפּ אירע האָר מיט געלן שיין. אירע האָר זיינען נישט געווען געקרויזלט, נאָר געל־רויט, מיט אַ וואונדערלעך־שימערירנדיקן קאָליר. איצט האָב איך אָנגעהויבן צו גלעטן אירע האָר, דאַן האָב איך איר אָנגעוויזן אַז עס וואָלט פיל שענער זיין זי זאָל טראָגן אירע האָר פאַרקעמט אין איין זייט. זי האָט אַלץ געדולדיק אויסגעהערט און איך האָב דאַן געקעמט אירע האָר, גאָלדיקע סטרונעס, לאַנגע און שאַרפע, ווי שאַרפן פון מעסערס . . . מיר האָט זיך געדאַכט אַז איך צעשניידט זיך די פינגער אין זיי, און דאָך זיינען מיר ליב געווען די שניטן . . . זאָל דאָס וואַרעמע בלוט רינען און פאַרקלעפּן די רויטע האָר. . . .

זי איז געווען אַזוי שיין און טרויעריק. זי האָט זיך געזאָרגט וואָס באַלד וועט זי מוזן אָנהויבן גיין אין אוניווערסיטעט. זי וויל לעבן אַביסל. זי וויל אַרבעטן פאַר דער באַוועגונג. זי וויל געניסן דעם פרילינג, די נאַטור, די זון. זי איז אינגאַנצן געווען אַ וואונדערלעך קינד, וואָס האָט ליב געהאַט דאָס שיינע אין לעבן. זי האָט אַלץ איינגעזאַפּט אין זיך, ווי אַ ריזיקע שוואָם. האָט זיך געלאָזט קושן פון לעבן. זי איז געווען שיין, אַכצן יאָר אַלט, גוט אַנטוויקלט פיזיש, גייסטרייך און געבילדעט.

אָבער איר מוטער האָט געוואָלט אַז אירע טעכטער זאָלן זיין סטודענטינס. זאָלן קומען אין סאַלאָן, צווישן די רייכע אידיאָטן. זאָלן הייראַטן מיט דאָקטוירים.

און איך בין געווען אַ סענטימענטאַל אינגל, נאַאיוו, מעלאַנכאָליש, און אין פּובערטעטס־פּעריאָד, ווען די עראָטיק פלאַמט אויף מיט אַ שטורמישער קראַפט און עפנט די אויגן און פליגל פון דער נשמה. די רעוואָלוציע איז געווען פאַר מיר זייער שיין, אַ פלאַמענדע געליבטע. אָבער מיר האָבן ביידע געהאַסט די קאָמוניסטן, די טרעגער פון דער הערלעכער אידייע. מיר האָבן געוואָלט זען און זיין צווישן הערלעכע נאַטורן, אידעאַליסטן, העלדן . . . און די מענטשן אין פּאַרטיי זיינען געווען אַזעלכע געוויינלעכע, ביליקע, מיט נידעריקע השגות, מיט קליינע לײדן, מיט נעבעכדיקע כאַראַקטערן, מיט באַגרענעצטן וויסן, מיט פאַנאַטישן גלויבן אין דער רעוואָלוציע — ניט ברענענדיק אין פלאַמען, נישט געניסנדיק איר באַגייסטערונג. . . .

מיר זיינען ביידע געזעסן אין שטילקייט. איך האָב געגלעט איר געזיכט און אירע הענט. אירע הענט זיינען געווען דיקלעכע, פּעטינקע, די פינגערלעך זיינען געווען באַקלעפּט מיט פלייש. ווען זי האָט די האַנט איינגעקוועטשט אין אַ פויסט, האָבן די ביינדלעך קוים אַרויסגעקוקט, רויטינקע. אָבער איך האָב געליבט אָט די הענט מער ווי דין־געשניצטע, ווייסע, מאַרמאָרנע הענטלעך. . . .

— דו שטייסט העכער פון זיי, — האָט זי געזאָגט אויפריכטיק. — דו געהערסט נישט צו זיי. דו ביסט אַ פּאָעט. דאַרפסט שרייבן, זיך בילדן, אַנטוויקלען, לערנען פראַנצויזיש, לעבן אין רואיקייט. . . .

זי איז געווען געוואַלטיק פּראַקטיש, אַפילו אין מינוטן פון פאַרגעסן זיך. זי איז געווען אַ געזונטע, שטאַרקע, שיינע און קלוגע פרוי. זי האָט געבענקט נאָך פּאַרטיי־טעטיקייט. זי האָט ליב געהאַט כבוד און רום, אויסער די פאַרערונג און קאָמפּלימענטירונג פון די מענער צו אַ שיינער פרוי. . . .

איך האָב איר, זיצנדיק אויף דער באַנק, נישט געקענט זאָגן אַז אָט די רעאַקציע קעגן די חברים און מיין אומעטיק לעבן איז אַ פּראָדוקט פון מיין ליבע צו איר. כ׳האָב איר זיך נאָך נישט געהאַט דערקלערט אין ליבע. בלויז מיט צערטלעכקייטן בין איך איר באַפאַלן. איבעריקנס, צערטלעכקייטן האָט זי געקענט דערוואַרטן פון יעדן מאַן. . . .

איך האָב נישט געוואוסט וואָס מיט איר טוט זיך. וואָס איר צו זאָגן. איך האָב נאָר געוואוסט ווי ווייניק מיר קען העלפן אַ צימער. איך האָב אָבער ווירקלעך געהאַט אַ דראַנג צו דיכטן. די עראָטיק און דער פרילינג האָבן אויפגעוועקט די אימפּולסן אין מיר און שטראָמען פון עמאָציעס האָבן געוואָלט זינגען . . . דערצו האָט מיר געפעלט רו, נאַטור, אַ צימער נעבן פּאַרק און — די ליבע פון גאָלדען. . . .

זי האָט מיר געגעבן אָנצוהערן אַז איצט וועט זי מיך וועניגער זען . . . ווען זי הויבט אָן שטודירן. . . .

מיר זיינען אַזוי געזעסן ביז אַרום צוועלף אַזייגער אין דער נאַכט. פלוצים איז גאָלדע אויפגעשטאַנען, זיך שרעקנדיק פאַר דער מוטער שפּעט אַהיימצוקומען. איך האָב איר ווי אַ אינגל געקושט ביידע הענט, זי איז, ווי יעדער מאָל אין אַזאַ פאַל, לייכט צעמישט געוואָרן און מיך מיט צערטלעכע בליקן געזעגנט.

— אַ גוטע נאַכט, גאָלדע.

— אַ גוטע נאַכט. שלאָף גוט. . . .

איך בין געשטאַנען אַ ווײַלע, געהערט די מוזיק פון אירע טריט. דאַן איז אַלץ שטיל געוואָרן. אין דער גרויסער שטילקייט פון דער אומענדלעכער נאַכט

בין איך געגאַנגען איבער די אַלייען אַהיים. כ'האָב געוואָלט יעדן בוים קושן און דערציילן פון מיין גליק. מיין האַרץ איז געווען פול מיט האָניק. דער וועג, הגם ער איז געווען אַזוי לאַנג, איז שנעל פאַרשוואונדן. מיר האָט זיך באמת געדאַכט אַז די גאַנצע נאַטור נעמט אַנטייל אין מיין טיפער פרייד. איצט איז מיין פריער־דיקער טרויער געווען פאַרשוואונדן.

איך בין געווען מיד און גליקלעך. אין מיין וואַן־אימערזעל געסל איז אַלץ געשלאָפן. אַפילו די קעץ אויפן גרינעם בערגל, נעבן באַנהויף, האָבן געשוויגן. כ'האָב אַ קוק געטאָן אויף די גליקלעכע שטערן און אַריין פאָרזיכטיק אין מיין מאָנארד. כ'האָב זיך אָנגעקוקט אין שפּיגל מיט זשאַוורפלעקן. כ'האָב אויס־געזען גליקלעך. די אויגן צעפינקלט און צעבלישטשעט. מיט מיין האַרץ האָט מיין דאַר־שטיבל געטאַנצט. אין גליק בין איך איינגעשלאָפן און — ווי געוויינ־לעך! — צו־מאָרגנס אויפגעשטאַנען זיבן אַזייגער פרי, אַ ניכטערער און טרוי־קענער, פון נעכטיקן גליק קיין סימן נישטאָ. איך טו זיך שנעל אָן, אייל זיך אין דער שמוציקער, פינצטערער דרוקעריי. אָבער ווי נאָר איך דערמאָן זיך די גליקלעכע נאַכט מיט גאָלדען — באַזעצט זיך ווידער אין מיר דאָס גליק מיט עפּעס אַזאַ שיין און גרויס, געזונט־מאַכנדיק געפיל, וואָס איז מיר אונמעגלעך אויסצודריקן אין מענטשעכע ווערטער . . .

כאַראַקטערן.

דער קובאַנער — דאָס איז געווען אַ געהיימנישפולער מאַן; ער האָט זיך פֿלוצלונג באַוויזן דאָס ערשטע מאָל אויף אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון דער „רויטער הילף"; ער איז געווען צעפּליקט און אָפּגעריסן. זיין געזיכט איז געווען ווי פֿון אַ שפּאַניער, לאַנג און בלייך; די אויגן — קאַלטע, ווייסע, רואיקע און גלאַנציקע, ווי פֿון אַ שלאַנג; די פּנים — אַ שלאַנקע און איבערמיטלוואוקסיק; זיינע הענט זיינען געווען ביינערדיקע, לאַנגע, ווייסע, אַז אַ ברעקל געפּיל.

דעם ערשטן מאָל ווען ער האָט זיך באַוויזן, האָט ער אָנגעגעבן אַז ער איז פֿון פּאַריז. אַז ער קומט פֿון די לאַטייניש לענדער אין דרום־אַמעריקע, איז געווען אַ דעלעגאַט צום לעצטן צוזאַמענפֿאָר פֿון קאָמינטערן אין מאָסקווע; איז ארויסגעשיקט געוואָרן פֿון פֿראַנקרייך פֿאַר קאָמוניסטישע טעטיקייט. זיין נאַציאָנאַליטעט — אַ שפּאַנישע. ער האָט פּערפֿעקט גערעדט שפּאַניש און אויסער דעם, אַ פּופּצען אַנדערע שפּראַכן. מיט די אידישע חברים האָט ער גערעדט אַן עלעגאַנטן, שאַרפֿן דייטש. אידיש האָט ער מכלומרשט נישט געקענט. זיין פֿראַנצויזישע אויסשפּראַך איז געווען אַן עכט־פּאַריזער, אַזאַ גראַציעזער, שניידיקער און מעלאָדיעזער. שפּעטער האָט מען דערפֿאַרן אַז ער רעדט אַ וואונדערלעכן, אַריסטאָקראַטישן רוסיש און אַ זייער גוטן פּויליש. נאָך שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן אידיש. הגם זיין געזיכט איז געווען שפּאַניש, האָט יז אָבער מיר אויסגעוויזן צו זיין אַ איד, ער האָט אָנגעגעבן זיין נאָמען פֿערנאַנדאָ רייכעס.

שעה'נ־לאַנג פֿלעגט ער אַרומגיין מיט די חברים און ריידן וועגן דער נויטווענדיקייט פֿון אינדיווידועלן טעראָר אין געוויסע לענדער, וואו עס איז פֿאַראַן אַ פֿאַשיסטישע דיקטאַטור. איינמאָל איז ער געקומען אין קאַפֿע, וואו איך פֿלעג געוויינלעך אַריינקומען. ער האָט ארויסגענומען פֿון זיינע קעשענעס שטיקלעך דינאַמיט, זיך געוואָרפֿן דערמיט, געוויצלט, פֿאַררויכערט נאָענט צו דעם זיין ציגאַרעט און כסדר גערעדט אַז אָן אינדיווידועלן טעראָר וועלן מיר ווייט נישט דערגיין.

זעלטן־וועז האט א מאן ארויסגערופן אזוי פיל איבערראשונג און פארדעכטיקונג. איז ער געקומען צווישן יוגענטלעכע, האט ער זיי צעהיצט און באגייסטערט. ער איז געווארן זייער גייסטיקער פאטער, האט געלונגען אויטגעשפילט אין זיי די איסטינקטן. איז ער געקומען צווישן מארקסיסטן־טעארעטיקער, האט ער ארויסגעוויזן אז א שיעור קענטניש אין מארקסיזם. איז ער געקומען צו שרייבער, האט מען געשטוינט איבער זיין קאלאסאלן וויסן אין ליטעראטור און זיין פאעטישע באגאבונג. איז ער געקומען אין הויז פון די יאקורבאוויטשעס, האט ער זיך ארויסגעוויזן פאר אזא עלעגאנטן סאלון־מענטש. ער האט גאלאנט געשפילט פיאנא. האט זיך אויפגעפירט ווי אן עכטער אדלמאן און האט געוואונען אלעמענס הערצער.

מען האט שטילערהייט אנגעהויבן צו ריידן, אז ער איז א פראוואקאטאר. אז ער קומט פון בראזיליען, וואו ער האט פאראטן א סד אנארכיסטן, וועלכע זיינען געהאנגען געווארן דורך אים. מען האט שטילערהייט אנגעהויבן צו פארשן זיין פערזאן. ער איז געווען גענוג קלוג אלע חשדים צו צעשטערן. ער איז געווען ראפינירט ביז גאר.

ווי נאר ער האט אנגעהויבן צו רעדן מיט א מענטש וואס האט אים אין עפעס פארדעכטיקט, האט ער באלד יענעם אזוי צעמישט מיט זיין שיינעם ריידן, אז אדער דער חשד איז געווארן שטארקער — אדער מען האט אים אנגעהויבן צו אכטן. ליבן האט מען אים נישט געקענט. אפילו דער וואס האט פאר אים געהאט סימפאטיע, האט אים נישט געקענט ליבן.

גאר באזונדערע פארדעכטיקונג האט ארויסגערופן דאס, וואס ער איז געקומען אהער אלס א זייער ארעמער, אפגעריסענער בעטלער — און איז א געוויסן טאג האט ער זיך אזוי שיין אויסגעקליידט, זיך פארוואנדלענדיק אין א שארמאנטן באראן. ער האט געווארפן מיט געלט און באוויזן אסיגנאציעס פון הונדערטער פראנקן, בשעת מיט עטלעכע טעג צוריק האט ער ביי חברה געבעטלט אן אונט־ברויט.

אן צווייפל איז ער געווען א גרויסער אוואנטוריסט. אן צווייפל האט ער באזעסן דעם זשעני פון א וועלט־שווינדלער. בלויז זיין קערפער איז נישט געווען שטארק. זיין געזיכט האט צוגעצויגן פרויען מיט דער אוננארמאלקייט, מיט דער געהיימנישפולקייט פון זיין פערזאן.

ער האט זיך זייער באפריינדעט מיט גאלדשמידט־צוויג. דאס איז געווען א מין דעגענערירטער סימפאטיקער פון די קאמוניסטן — א מענטש וואס איז געווען זייער ארעם — אבער איז געווען א גרויסער עסטעט. האט ליב געהאט צו

גיין שיין געקליידעט, האָט געהאַט אַ ברייטע האַנט, האָט געספּענדט אַ סך געלט, האָט געערט פּרויען און האָט גערעדט מיט אַ שפּראַך פון פילאָזאָפישע פּאַראַדאָקסן. זיין געזיכט איז געווען אַ פּירקאַנטיקס, אַן אָפּנס, ענלעך צום פּאָרטרעט פון פאַרנצויזישן פּאָעט באָדלער. ער האָט — כאַראַקטעריסטיש — געהאַט דעם דענדיזם און די דעגענעראַציע פון אַ באָדלער.

גאָלדע פלעגט אָפט קומען צו צווייג׳ן. זיי האָבן זיך באַשטעלט ראַנדעוואו׳ס דורכן טעלעפאָן. זי איז געוואָרן זיין געטין. מיט איר פלעגט ער אַהיימגיין. איך פלעג זיי אָפט באַגלייטן. עס איז אין זיי ביידע געווען עטוואָס געמיינזאַמעס. ביידע זיינען געווען זייער ראַפינירט. צווייג ווייניקער. ער האָט געקענט געפעלן מיט זיין נישט־טיפער גייסטרייכקייט, מיט זיין פריגעביקייט.

צווייגן האָט פאַראינטערעסירט דאָס אַלץ וואָס איז געווען נישט נאָרמאַל און נישט געוויינלעך. ער האָט אַנטדעקט אין קובאַנער אַ געניוס. אין גאָלדען האָט אים געווים אימפּאָנירט די פרוי, נאָך וועלכער ער איז געווען אַזוי הונגעריק, הגם ער האָט אויסגעוויזן צו זיין אַ קאַלטע נאַטור. זיין שטאָלץ איז געווען אומגעהייער, ווי פון אַ רענעסאַנס־אַריסטאָקראַט. ער איז אויך געווען אַ גוטער גאָלדשמידט און האָט זייער ליב געהאַט זיין פיינע אַרבעט. אַלץ וואָס אים האָט געפעלט, איז — אָריגינאַליטעט אין דענקען און שעפערישקייט אין גייסט.

אין אַ געוויסן טאָג האָט גאָלדע אים דערציילט אַז זי האָט גערעדט מיטן קובאַנער און דער קובאַנער האָט איר געזאָגט, זי זאָל נישט צופיל גיין צו צווייגן. ווייל זייט זייער פריינטשאַפט, פילט ער זיך זייער מיד, קען נישט אַרבעטן, האָט קאָפּווייטיק. עס איז דעריבער ראַטזאַם אַז זי זאָל איבערייסן די באַציהונגען מיט אים. זי וויל דאָך אים נישט טאָן קיין שלעכטס...

דאָס אַלץ וואָס גאָלדע האָט דערציילט צווייגן, דאָס איז געווען גענוג אָפּצוזוכן דעם קובאַנער. אים צו זאָגן אַז ער וועט אים פאַר אָט דער אינטריגע — שיסן. דער קובאַנער, אַן ערנמאַן, האָט אַרויסגעכאַפּט אַ הונדערט־פראַנק־באַנקנאָט, אים דערלאַנגט, זאָגנדיק :

— קויף פאַרן געלט אַ רעוואָלווער. שיס מיך !

צווייג האָט צוגענומען די הונדערט פראַנק. אין אַ שעה אַרום האָט ער געהאַט אין קעשענע אַ נייעם, גלאַנצנדיקן רעוואָלווער מיט קוילן. איצט האָט ער געוואַרט אויף דער געלעגנהייט אים צו שיסן.

* * *

אין אָוונט איז פאָרגעקומען אין קולטור־פאַריין אַ פאַרוויילונג. מען האָט געזונגען און געטאַנצט. איך האָב נאָך גאָרנישט געוואוסט פון אָט דעם גאַנצן.

איך האב באמערקט אז צוויי איז שטארק נערוועז. אז גאלדע איז אנגעשטרענגט און איר פנים פלאמט. די גאנצע צייט האב איך גערעדט מיט גאלדען. מיר איז געפעלן איר וואונדערלעך ספינקסן־געזיכט. ווען זי האט געשמייכלט, איז זי געווען אומענדלעך־שיין. עס איז אין איר געווען עטוואס פון א גריכישער סקולפטור. דער רייץ פון אירע רייד, איר פיגור, אירע גאלאנטע זשעסטן, איר שמייכל און צוויבערהאפטע פערזענלעכקייט — דאס אלץ האט מיך באהערשט מיט א קאלאסאלער קראפט און איינגעאומפט אין מיר די ערשטע וויין־טראפנס פון א ליבע וואס איז מיך שפעטער באפאלן ווי א חיה פון פייער און מיך געפייניגט מיט א בעסטיאלישן סאדיזם.

שפעטער זיינען מיר אראפגעגאנגען א גרופע פון פארייז. אויפן וועג בין איך מיט גאלדען אוועק פארויס. איך האב גענומען איר ארעם און אזוי בין אהיים באגלייט. זי האט מיר דערציילט די געשיכטע, אז צוויי וויל שיסן איר פריינט, דעם קובאנער, וועלכער קומט אריין צו איר שוועסטער בלומע.

די נאכט איז געווען א הערלעכע. איך האב אלץ געהערט און געטראכט:

וואס ווייסט די פרוי וועגן מיין ליבע צו איר. איז איר דען באקאנט דאס געפיל וואס דערוועקט זיך אין מיין בוזים צו אט דער שטארקער פרוי מיטן מענלעכן כאראקטער און ספינקסישן געזיכט. זי איז געווען נערוועז, אויפגערעגט. האט כסדר גערעדט וועגן אט דעם שרעקלעכן פאל. זי קומט ערשט זינט א פאר טעג אין פארייז — און שוין גייט איר אנטקעגן אזא אפערע. זי איז געווען אומגליקלעך. אבער איך האב באמערקט אז זי פילט זיך זיכער. אז זי באזיצט יענע געהיימע קראפט וואס גיט זיכערקייט אין די הערצער פון העלדן און אוואנטוריסטן. זי האט אינערלעך געפילט אז זי איז געשיצט, אז איר קען גארנישט געשען, אז זי קען קיינמאל נישט ליידן.

איך בין געווען גליקלעך מיט איר צו גיין. וואסארא דופטיקער ארמאט האט געשטראמט פון איר קערפער. אירע רייד זיינען געווען שטארקע און ברוסטיקע, געזונטע. די ווארעמקייט פון איר קערפער האט מיר געגעבן אזוי פיל ליידנשאפט און באגער. די ערשטע ליבע האט זיך מיט א פייערדיקער קראפט צעשטורעמט אין מיר.

די אלייען זיינען געווען שווייגנדיק און באגאסן מיט זילבער פון דער לבנה. איך האב איר ווייניק געענטפערט, ווייל איך בין געווען באהערשט פון געפיל. מיר זיינען צוגעקומען צו איר היים.

דאס הויז איז געווען אין א פרעכטיקער געגנט אין בערכעם, אויף אברייטן בולוואר מיט נייע בוימער און נייע הייזער. די לופט איז געווען א גוטע

און פרייע. נישט ווייט איז געווען דער נאַכטיגאַל־פּאַרק. זי האָט מיך געבעטן צומאָרגנס צו קומען צו איר. איך בין געווען גליקלעך איר צוצוזאָגן. זי האָט אויסגעזוכט אַן אויסרייד און מיר געגעבן אַ בוך פון אויעיסקים ראָמאַנטישע לידער. זי האָט אין מיר נישט געהאַט קיין אינטערעס אַלס פרוי אין אַ מאַן. צווישן מענער וואָס זיינען גרייט צו מאָרדן צוליב איר — האָט זי גערן אין מיר געפונען אַ ליבן פריינט, פאַר וועלכן זי האָט זיך פאַרטרויט... נישט מער.... איך בין איר געווען נאָנט. זי האָט זיך אויסגעדריקט גייסטיק פאַר מיר....

איך האָב צוגעזאָגט צו קומען — און דעם גאַנצן וועג אַהיים בין איך געגאַנגען ווי אין אַ חלום, דורך בלויע, גרינע און פּורפּורנע הימלען מיט רויזן געשפּרייט. איך געשטאַלט האָב איך נישט אַרויסגעלאָזט פונם פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט אין מיינע געהירן. צום ערשטן מאָל האָט אַ פרוי אַנטשפּראָכן מיין באַגער און אידעאַל. גאָרנישט האָט מיך פאַראינטערעסירט דער סקאַנדאַל פון צווייגן מיטן קובאַנער. איך האָב נישט געגלויבט אַז ער זאָל טאַקע פּויאיק זיין צו טויטן אַ מענטשן. צווייטנס, איך האָב נאָר אין זין געהאַט גאָלדען און מיינע געפילן האָבן מיר דיקטירט מיט קיין שום אַנדערער זאַך זיך נישט צו באַשעפטיקן.

איך בין איינגעשלאָפן מיטן טייערן געדאַנק באַלד אויפצושטיין און צו זיין ווידער נעבן איר. איז עמיצער אין דער דאַזיקער נאַכט אויפן גאַנצן פּלאַנעט געווען נאָך אַזוי גליקלעך ווי איך? איך צווייפל....

א שטורמישער טאג.

באלד אינדערפרי בין איך אוועק צו איר הויז, אויף אווענו ראיאל 78; כ׳האב אנגעקלונגען; אין אפענעם פענצטער האט זיך באוויזן איר נישט געוואשן געזיכט, מיט נאך פארשלאפענע אויגן, מיט צעפּלאשעטע האר. זי האט מיך געהייסןווארטן א ווײלע. איך בין געזעסן אויפן באנק. די זון איז ערשט אויפגעגאנגען. איך בין געווען גליקלעך....

אין א צען מינוט ארום איז זי ארונטערגעקומען, פריילעך און פריש, הגם זי האט גוט געדענקט די געשיכטע פון נעכטן. זי איז געווען אנגעטאן אין איר געלן, איינפאכן קלייד. מיר זיינען געגאנגען מיטן ברייטן בולוואר צום נאכטיגאל־פּארק, וואו איך פלעג אפט פארן אליין, שלאפן צווישן די שטילע, שאטנדיקע בוימער און זיך באקענען מיט דער גרויסער נאטור.

מיר זיינען דורך א זייער שמאלער אליע, וואו פון ביידע זייטן זיינען געשטאנען צארטע, דינע ביימלעך, אריין אין פּארק. דאס איז אנטוועפנס גרעסטער פּארק, ענלעך צו א הערלעכן וואלד. אינדערפרי האט אלץ זיך אנגעהויבן וועקן און דערוואכן פון קילן, טויאיקן שלאף. די בלעטער האבן זיך געעפנט ווי קליינע קינדער־הענטלעך, ווען זיי דערוואכן פון שלאף. די פייגל האבן געזונגען די ערשטע מארגן־לידער און געווען אזוי בגלופּין און גליקלעך, פרישע און יונגע. אן א שיעור פארשידענע פלאנצן און גראזן האבן געטרערט און געגלאנצט מיט ראסע. וואס אמאל מער, איז דער פּארק געווארן לעבעדיקער, ווי אן אומענדלעכער גייסט וואלט דערוואכט אין אים און אנגעהויבן לעבן אין אלע איינצלהייטן מיט א קאלאסאלן לעבן....

מיר זיינען געזעסן רואיק. איך בין אויך כמעט געווען פארשלאפן. איך ווייס אויף זיכער, ווי אזוי כ׳האב אויסגעזען. אן ארעם, ראמאנטיש אינגל, מיט טרערנפולע אויגן, נישט אינגאנצן געעפנט פון שלאף, מיט בלייכע באקן און קליינעם, דינעם מויל — נאר געשאפן פאר זיסע קושן. איך בין געווען ווי א טייל פון וואלד, פון דער שיינער, גראנדיעזער נאטור.

— ביסטו גוט געשלאפן, גאלדע?

— אָ, איך שלאָף זייער גוט. מעג איך האָבן די ערגסטע צרות, איז ווי נאָר איך לעג זיך אין בעט, שלאָף איך איין מיט אַ קרעפּטיקן שלאָף.

— און וואָס דענקסטו וועגן צוויגן?

— וואָס זאָל איך דענקען? ער וויל שיסן, זאָל ער שיסן. ס'וואָלט פיל בעסער געווען און קליגער, ווען ער שיסט זיך אַליין — און פּטור! דו פאַרשטייסט, עס איז נישט אַנגענעם צו שטעקן אין דער גאַנצער געשיכטע. אָך, עס איז אַזוי שמוציק און עקלהאַפט דער קאַמף פון צוויי מענער צוליב אַ מיידל. קוק, ער וועט דערשיסן דעם קובאַנער. דאַן וועט מען אים אַרעסטירן. איך וועל דאַרפן גיין אין געריכט אַריין, איך וועל זיין די הויפּט־העלדין. ער וועט אַפּפילן זיין לעבן אין טורמע . . . ווי שרעקלעך און אומנויטיק דאָס אַלץ איז . . . איך וואָלט גערן געוואָלט אַרויס פון אָט דעם גאַנצן ספּעקטאַקל, ווי שרעקלעך דאָס איז פאַר מיר. מיין מוטער ווייסט גאָרנישט דערפון. אויך נישט מיין ברודער. בלויז מיין שוועסטער ווייסט אַלץ. . . .

וואָס האָב איך איר געהאַט צו ענטפערן. זי האָט נישט געוואוסט אַז איך ליב זי שוין. אַז איך קוק אויס דער קובאַנער און צוויג זאָלן אַוועק פון איר. זאָל זיין אַפילו דורך מאָרד . . . איך האָב באַמערקט ווי זי האָסט צוויגן. אויף קיין איין מינוט איז איר נישט געקומען אויפן געדאַנק, אַז דער מאַן ליבט זי אַזוי שטאַרק, אַז ער איז גרייט פאַר איר צו טויטן אַ מענטש בלויז צוליב אַ באַליידיקונג, אַז ער גייט אויף אייביק אַוועק אין טורמע — און אַלץ צוליב איר. . . ווי עגאָאיסטיש זי איז! ווי זי רעדט אַזוי נאַטירלעך איבער זיין אייגענעם טויט, אַבי עס זאָל איר פערזאָן ניט אָנרירן. זי האָט דאָך זיכער געוואוסט, אַז זי רופט אַרויס אין אים אַ ליבע־געפיל . . . איצט האָט זי גאָרנישט צו אים געפילט. ווי די פרוי שפּילט זיך מיטן מאַן! — האָב איך געטראַכט. זי קאָקעטירט, פּוצט זיך, רעדט שיין, שנורעוועט די ליפּן, ווענדט אָן דעם גלאַנץ פון אירע שיינע אויגן, באַצויבערט מיט איר גייסט, קערפּער און שמייכעל. לעבט כדי צו געפעלן און פאַראינטריגירן דעם מאַן — און דאַן, ווען יענער פאַלט אַ קרבן, פון איר לייכטן שפּינוועבס פון זייד געפאַנגען — לאָזט זי אים קראַפּירן און פילט נישט קיין שום דאַנקבאַרקייט, קיין שום געפיל. . . .

מיר דאַכט אַז מענער זיינען נישט אַזוי. מענער, ווען זיי רופן אַרויס ליבע אין אַ פרוי, האָבן זיי אַ געוויסע באַציונג צום מיידל, וועלכע ליבט זיי און וועלכע זיי ליבן נישט . . . איך האָב איצט געשטוינט איבער דער קאַלטקייט פון אַ פרויען־האַרץ און איצט, ווען כ'האָב זי אָנגעהויבן ליבן מיטן ערשטן פייער פון מיין יונגטלעך אינגל־האַרץ — האָב איך נישט געהאַט קיין דרייסטקייט עס איר

צו אנטפלעקן . . . זי איז באשאפן געווארן נישט צו ליבן. צו ווערן באוואונ־דערט און געליבט. זי איז שיין ווי א סטאטוע. מען קען פאר איר שטארבן — אבער זי בליקט רואיק צו די וואלקנס און שמייכלט מיט א צינישן שמייכל. . . .

און דאך — זי האט געהאט אין זיך א סך צערטלעכעס. זי האט מיר דער־ציילט אז די ציין טוען איר וויי. איך האב גערן אויף זיך געוואלט נעמען איר וויי . . . זי האט מיר אריינגעקוקט אין די אויגן און ווידער קאקעטירט פאר מיר. זי האט גערעדט וועגן יענעמס טויט אזוי גלייכגילטיק און אירע געפילן זיינען איצט געווען אזוי צארט און דין, ווי פון דינסטן זייד.

מיר זיינען צוגעגאנגען צו א קאפע און זיך געזעצט אויף דער וועראנדע. זי האט געגלעט א וואונדערלעכן, יאפאנישן הונט און איך בין געווען אייפער־זיכטיק אופן הונט . . . עס איז אנגענעם צו טרינקען ווארעמע קאווע אויף דער פרייער לופט. די קאווע גיט שטימונג און מאכט טיפער און שענער צו באטראכטן די נאטור . . .

עס איז אנגענעם צו זיצן נעבן א שיינער פרוי. ארומגערינגלט פון דער טונקעלער, מעכטיקער נאטור. איך האב זיך געפילט אזוי גליקלעך. פון גליק האבן מיינע אויגן געגלאנצט מיט טרערן. זי האט זיי באמערקט.

— נו, זאג מיר, דו ביסט אזוי סענטימענטאל, אכצן־יעריק אינגל, האסטו שוין געליבט א מיידל?... איך גלויב אז יא . . . אבער ווי בלייך און דין דו ביסט . . . דו מוזט אויסזען דיקער און פעסטער. דו וועסט חתונה האבן און זיין א גרויסער שרייבער. . . .

איך האב די גאנצע צייט גערעדט ווי א טראגישער מאן. עפעס א געדיכ־טער טרויער איז אין מיר געווען. כ'האב גערעדט וועגן שעלי און שאפען, וועל־כע איך האב שטארק געליבט און פארערט פאר זייער קונסט און טראגיש לעבן . . . פונקט אזוי האב איך זיך פארגעשטעלט מיין לעבן אין דער צוקונפט. . . .

הגם זי איז באווירקט געווארן פון מיינע טראגישע איבערלעבענישן, האט זי נישט געוואלט וועגן זיי הערן. זי האט ליב געהאט לעבן. אבער זי האט אויך געקענט זיין ליריש געשטימט. איך האב צום ערשטן מאל באמערקט אזוי פיל ניואנסן אין דער שיינער פרויען־נשמה . . .

זי האט מיט גלאנציקע אויגן דערציילט אז אין לאדזש האט זי געהאט א באקאנטן, וואס האט איר געליבט. זי האט אים נישט געוואלט טרעפן. ער האט איר אזוי ליידנשאפטלעך געליבט . . . ער האט זיך מיט איר הארציק גע־זעגנט און זי האט אים צוגעזאגט צו שרייבן. אבער זי שרייבט אים נישט. א, ווי גליקלעך ער וואלט געווען מיט אירס א בריוו . . . ווי גערן וואלט ער געקומען

אהער, ווען זי הייסט אים....

בשעת זי האָט דאָס דערציילט, האָב איך זיך פאַרגעשטעלט מיין קינפטיקע ראָלע אין די באַציאונגען מיט איר. ווי זי וועט אַז אַנדערן מיט אַזוי פיל קור־ריאָזיטעט און עטוואָס מיטגעפיל דערציילן וועגן מיר....

זי האָט דאַן דערציילט, ווי שיין זי איז געווען שוין אַלס קליין מיידל. איינמאָל איז צו איר געקומען איר פעטער און איר געזאָגט:

„קליינע, איבער דיר וועלן מענער אַמאָל באַגיין זעלבסטמאָרד....״

זי האָט עס נישט געוואָלט גלויבן. אָבער געווען גליקלעך מיט אַט דעם געדאַנק... און איצט הויבט עס אָן צו ווערן ווירקלעכקייט...

מיך האָט עס געקרענקט....

דאַן האָט זי דערציילט ווי איר פאָטער איז געשטאָרבן און זי איז געווען קליין, זי האָט שטאַרק געוויינט... זי האָט נישט געוואָלט אויפהערן וויינען און זינט דאַן איז אַ געדיכטער טרויער אַריין אין איר וועזן... ער פאַרלאָזט איר קיינמאָל נישט. זינט דאַן האָט זי נישט מער געוויינט... אָבער דער טרויער קומט צו איר אָפט און האַלזט זי און נעמט איר אַרום מיט זיינע שוואַרצע הענט....

איך האָב זי ליבער באַקומען דערפאַר....

איך בין געוואָרן סענטימענטאַל. איצט האָבן אין זון־שיין די בלעטער אָנגעהויבן צו גלאַנצן, ווי פערשמאַכטע. דער פּאַרק איז געוואָרן פול מיט רייפ־קייט און שווערן אָסטמע־אָטעם. די זון איז געשטאַנען אינמיטן הימל. איך בין געווען פול מיט גאָלדען. ווי מיט אַ שווערע, גאָלדענע זון... ווי די זון אין האַרץ און אין די אָדערן פון פּאַרק....

מיר זיינען רואיק צוריקגעגאַנגען דורך דער זעלבער אַלייע. מיר האָבן זיך דערנענטערט צו איר היים. פּלוצלונג זיינען מיר דערשטוינט געוואָרן: נעבן בית־עולם איז געשטאַנען צוויג. מיר זיינען צוגעקומען. ער האָט זיך געפרעגט אויפן קובאַנער.

גאָלדע האָט אים געענטפערט אַז זי ווייסט ניט וואו ער געפינט זיך.

— ער מוז זיך אודאי געפינען ביי דיר אין שטוב — האָט צוויג געזאָגט.

— ווען דו ווילסט, קענסטו אים זוכן אין הויז! — האָט גאָלדע געענטפערט.

צוויג איז געווען בלייך און ציניש. זיין רעכטע האַנט האָט נערוועז גע־צוקט אין דער קעשענע, האַלטנדיק דעם רעוואָלווער. גאָלדע איז געווען דער־שטראָקן און האָט גערעדט מיט אַ ציטערדיקער שטימע. זי האָט נישט בלויז מורא געהאַט פאַרן לעבן פון קובאַנער, נאָר פאַר איר אייגן לעבן... עס איז

געוועז א געפערלעכער מאָמענט . . . אַ פאַרליבטער און הפקר׳דיקער קען לייכט טון א דרוק דעם צינגל — און טויטן דעם אָביעקט פון זיין ליבע. . . .

א מאַן איז פּלוצלונג אַרויסגעגאַנגען פון גאָלדעס היים. מיר אַלע זיינען געווען זיכער אַז דאָס איז דער קובאַנער. צווייג האָט אים דערזען און אָנגע־הויבן נאָכגיין. דער מאַן האָט זיך שנעל דערווייטערט. שנעלער זיינען געוואָרן צווייג׳ס טריט.

גאָלדע האָט מורא געהאַט אַז די בלוטיקע דראַמע וועט זיך אַצינד אָפּשפּילן, ווען זיי וועלן זיך באַגעגענען. זי האָט מיך מיט געוואָלט נאָכגעשיקט, איך זאָל איינהאַלטן דעם אויפגערעגטן צווייגן. איך האָב זיך אָבער אַפילו נישט באַמיט אים איינצוהאַלטן. כ׳האָב פּשוט נישט געוואוסט ווי אַזוי און מיט וואָס. ווי קען מען דאָס א מאַן, וואָס האָט בלויז דעם באַשלוס צו טויטן, עטוואָס צוימען ?

מיר זיינען שנעל געגאַנגען. דער מאַן איז אַרויף אויף א טראַמוויי. מיר זיינען אויך אַרויף אויף אַן אַנדערן טראַמוויי. אַזוי זיינען מיר געפאָרן ביזן פּאַרייז. ערגעץ אונטערוועגנס איז דער מאַן פאַרשוואונדן געוואָרן. ווער האָט געקענט וויסן פון אים.

מיר זיינען אַריין אין פּאַרייז. איך האָב געוואָלט זיין אַליין און געניסן די זיסע איינדרוקן פון היינטיקן פרימאָרגן אין פּאַרק. פּלוצלונג האָט צווייג זיך דערנענטערט צו מיר, זאָגנדיק :

— דו ווילסט איך זאָל דיך לערנען שיסן?! קום מיט מיר אַרויף אויף דער מאַנסאַרדע.

איך האָב זיך געשעמט אָפּצוזאָגן, הגם איך האָב מורא געהאַט מיט אים צו זיין אַליין אין א צימער. אפשר וויל ער מיך טויטן ? אפשר ווייסט ער וועל־כע ראָלע איך פיר דאָ ? אַז איך ליב גאָלדען, בשעת ער גייט טויטן א מאַן דורך איר. . . .

מיר זיינען ביידע אַרויף אויפן בוידעם־שטיבל. ער איז געווען אויפגע־רעגט און בלייך. מיט דער ציטערדיקער האַנט האָט ער אָנגעלאָדן דעם רעוואָל־ווער און געשאָסן אין אויוון אַריין פון דער וואַנט. עס האָט הייזעריק און דומפּף אָפּגעקלונגען, ווי עמעץ וואָלט אין דעם הוילן רוים אינעווייניק געכאָרכלט. איך האָב גענומען דעם רעוואָלווער און געשאָסן מיט אַן אויסגעצויגענער האַנט, האַלטנדיק דאָס מויל געשלאָסן, ווי ער האָט מיך געלערנט.

בשעת דער גאַנצער צייט האָב איך אינערלעך געציטערט. זיך באַמיענדיק אים נישט געבן צו פאַרשטיין, אַז כ׳האָב שטאַרק מורא פאַר אים. איך האָב דערוואַרט יעדן אויגנבליק דעם טויט ; זיינע אויגן האָבן געהיימנישפול, מיט

א משוגע פייערל, געגלאנצט. ער האָט מיך געהייסן צוגיין צו דער אנדערער זייט צימער, אין ווינקל, כדי צו הערן דעם אָפּהילך פון שאָס. איך האָב זיך גע־שראָקן צו דערוויטערן פון אים, טאָמער צילט ער אין מיר און איך קען זיך נישט דירעקט פארטיידיקן. ער האָט געשאָסן און זיך ציניש געשפּילט מיטן רעוואָלווער. . . .

האָט ער געאיבט זיין האנט? האָט ער זיך צוגעגרייט און געוואָלט זיך צוגעוואוינען צום שיסן, כדי צו טויטן דעם קובאנער? איך ווייס נישט. וואר־שיינלעך האָט ער געזוכט זיך אויסצודריקן בלויז, נישט ווייסנדיק אליין וואָס ער טוט.

איך בין געווען בלייך. מיין הארץ האָט געציטערט. א שוויים איז מיר ארויס אויפן שטערן. פיליכט האָט ער עטוואָס באַמערקט. איך האָב זיך באַ־טראַכט אין וואָסערא לאַגע איך בין: די טיר איז געווען פארשלאָסן. די פענצ־טער זיינען ארויסגעגאנגען צום דאך. קיין שום הילף האָט מען נישט געקענט דערוואַרטן, בפרט ווען די קויל קען באַלד מיך טויטן. . . .

פיליכט האָט ער אַלץ געוואוסט און זיך געוואָלט רייצן מיט מיר אויף א ציניישען אופן . . . איך האָב אים נישט אויפגעפּאָדערט צו ענדיקן דאָס שפּיל. ער איז אליין מיד געוואָרן, אויפגעשלאָסן די טיר און מיר געזאָגט אז נאָכמיטאָג פאָרן מיר ווידער צו גאָלדע׳ס היים. ער וויל ענדיקן די "געשיכטע" . . .

איצט בין איך געווען פריי פון שרעקלעכן צימער. כ׳האָב געוואָלט זיין אַליין מיט זיך, איבערלעבן די פרייד און די שרעק אויפסניי . . . עס איז אַזוי אנגענעם צו זיין אויסער א געפאַר, ווייסנדיג ווי געפערלעך עס האָט געקענט זיין — און ווי גוט איז איבערצולעבן נאָכאמאָל צאַרטע געפילן. . . .

* * *

נאָכמיטאָג זיינען מיר ווידער געפאָרן צו גאָלדען אהיים. ווען מיר זיינען צוגעקומען צום הויז, האָבן מיר אַנגעקלונגען. אין א ווילע אַרום איז גאָלדע אַראָפּגעקומען. איר געזיכט האָט געפלאַמט. זי איז געווען דערשראָקן, קוקנ־דיק אויף צווייגן.

— הערצו, — האָט זי זיך געווענדעט צו אים, — דו קענסט ארויפקומען צו אונז, אָבער דעם רעוואָלווער מוזטו מיר געבן. וועל איך זיכער זיין אז עס וועלן נישט פאָרקומען קיין אומאנגענעמלעכקייטן.

צווייג האָט נישט איינגעשטימט. ווייזט אויס אָבער אז ער האָט געוואָלט אוועקגעבן דעם געווער, כדי זיך צו ווייזן אַלס העלד און דאַך — נישט צו דאַרפן טויטן . . . דער אומגליקלעכער זוכט א זייטיקע הילף אָדער טובה, כדי צו זיין פריי פון זיין ריזיקער אויפגאַבע. . . .

ער האָט אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער, אויסגעלאָדן און איר אָוועקגע־געבן די קוילן, וועלכע זי האָט באַהאַלטן אין איר טאַש. דאַן ערשט זיינען מיר אַרויף.

אין קיך זיינען געווען גאָלדעס שוועסטער בלומע, דער קובאַנער. מיר זיינען געזעסן ביים קליינעם טיש מיטן פאַרביקן טישטוך פון זייד געשטיקט.

דער קובאַנער, נישט וויסנדיק, קענטיק, אַז דער גאָלדשמידט איז אַנט־וואָפנט, האָט זיך געשראָקן. הגם ער האָט זיך באַמיט צו זיין מוטיק און איראָ־ניש־סאַרקאַסטיש, איז ער אָבער געווען בלייך און זיין שטימע האָט געציטערט. זיינע אויגן האָבן געבליצט מיט האַס און זעלבסטפאַרטייטיקונגס־דראַנג.

— וואָס האָסטו צו מיר? — האָט ענדלעך זיך אָפּגערופן דער קובאַנער, האַלטנדיק די האַנט אין רעכטן טאַש פון רעקל, וואו ער האָט נערוועז געדרוקט אַ רעוואָלווער, וואַרטנדיק אויף דער שרעקלעכער מינוט, ווען ער וועט זיך דאַרפן פאַרטיידיקן.

— איך האָב צו דיר פיל. . . — האָט פאַרביסן דער גאָלדשמידט געענט־פערט. — דו ביסט שלעכט ווי אַ שלאַנג. די גאַנצע וועלט שלעכטס האָט זיך צוזאַמענגענומען אין דיר. דו ביסט אַ פּראָוואָקאַטאָר און מיאוסער פאַרעטער. דו גראָבסט אונטער און אינטריגירסט. קענסט ניט אונערלעך ליידן ווען מענטשן לעבן פריינטלעך צווישן זיך. דו האָסט די מענטשן פאַר גאַרנישט, אָן מינד־סטער אורזאַך. ביסט געמיין און עקלהאַפט. האָסט ליב אַריינצושטעקן אומע־טום דיין נאָז. דו באַשווינדלסט אַלעמען. דו מיינסט אַז דו נאַרסט יעדן איי־נעם אָפּ און ביסט קלוגער פון דער גאַנצער וועלט. . . .

— אָבער וואָס האָסטו דו אַליין צו מיר? — האָט שמייכלענדיק מיט אַ צי־ניש שמייכעלע געפרעגט דער קובאַנער, מאַכנדיק דעם איינדרוק ווי ער וואָלט זיך צוהערן צו אַ וויסנשאַפטלעכן רעפעראַט.

— איך האָב צו דיר אַ סך. . . אָבער איך טויט דיך נישט, ווייל דו האָסט אינטריגירט צווישן מיר און גאָלדע. איך האָב געקענט יאָרלאַנג אַריינקומען אין דעם הויז און קיינעם נישט אָנרירן און קיינער פון אונז זאָל נישט ליידן. דו ביסט אָבער אונטערגעקומען מיט דיין שמוציקער צונג, ווי אַ שלאַנג, ווי די שלאַנג אין גאַרטן פון חוה'ן — און האָסט אָנגעמאַכט אַ פייער. . . איצט טויט איך דיר ווייל דו ביסט שלעכט. קיינער וועט דיך נישט טויטן — נאָר איך. . . דו ביסט געפאַלן אויף מיר. דו מוזט צוזאַמענברעכן. איך טויטע אַ שטיק עקלהאַפט שלעכטס. . . .

עס איז געווען שרעקלעך צו זען, אַט דעם דועל פון רייד צווישן צוויי מענטשן, וואָס זיינען בטבע געווען שוועכלינגען, הגם בײדע האָבן געמאַכט דעם

איינדרוק ווי העלדישע מענער. זייערע געזיכטער זיינען געווען ווייס און טראָפּנס שווייס האָבן געגלאַנצט... זייערע אויגן זיינען געווען איינגעפאַלן און גלאַנציק. אפילו זייערע האָר האָבן זיך געקרויזט אין שרעק און אין שווייס. זייערע שטי־מען האָבן געציטערט. צווייג איז געזעסן, בשעת דער קובאַנער איז ארומגע־גאַנגען ווי אַ חיה אין אַ שטייג, וועלכן מען האָט געפאַנגען און מען גייט אונ־טערצינדן.

גאָלדע האָט זיך געפּאַרעט ביים וואַשן דאָס געפעס. זי האָט איצט אויס־געזען ווי אַן אומשולדיק מיידל, וואָס איר גייט גאָרנישט אָן אָט די גאַנצע אַפערע. איך האָב אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער און געזען דאָס נאָענטע בית־עולם מיט רואיק־ווייסע, מאַרמאָרנע מצבות. דער הימל איז געווען לויטער. עס איז געווען אַ הייסער, זומערדיקער נאָכמיטאָג, ווען די גאַנצע וועלט שווייגט. . . .

און דאָ זיינען געשטאַנען צוויי מענטשן און זיך געאַמפּערט איבער אַ מיידל און געדראָעט מיטן טויט, בשעת דאָס מיידל האָט זיי ביידן נישט גע־ליבט. בשעת אַ דריטער זיצט אין צימער און — ליבט גאָלדען מיט אַ ריזיק־פייערדיקן האַרץ. . . .

דער געשפּרעך־דועל האָט געדויערט לאַנג. דער קובאַנער האָט צוגענומען אַלע באַליידיגונגען און זיך געסטאַרעט איבערצוצייגן זיין קעגנער אַז ער איז אומ-שולדיק . . . אַז דוקא אין דעם פאַל האָט ער גאָרנישט געזינדיקט. קענטיק אַז ביידע האָבן געזוכט אַ געוויסע לייזונג פון דער זייט, אַ הילף, כדי צו ענדיקן דעם שמוציקן דועל פון רייד און דראָאונגען.

דער קובאַנער איז געווען זיכער, אַז צווייג איז באַוואָפנט. ער איז געוואָרן שוואַך אין אָנבליק פון מלאך־המות און כסדר גע׳טענה׳ט:

— וואָס וועסטו האָבן אַז דו וועסט מיך טויטן? וועסט גיין אויף אייבי־קער טורמע. וועסט פאַרפוילט ווערן. און גאָלדע וועט דאָך דיינע סיי־ווי נישט זיין. . . .

בלומע האָט זיך צוגעקוקט מיט אירע גלאַנציק־שוואַרצע אויגן און גע־שמייכלט.

ענדלעך איז גאָלדע צוגעקומען און געבעטן ביידע צדדים זיך איבערצובעטן. זי האָט זייערע הענט צוזאַמענגעפּירט — און די העלדן האָבן זיך איבערגע־בעטן . . . הגם קיינמאָל נישט וועט דער קעגנזייטיקער האַס זייערער פאַרשווינדן.

דער קובאַנער איז אַריין אין צווייטן צימער און ערשט איצט געפאַלן אין אָנמאַכט.

שפּעטער אַ ווײַלע זיינען זיי געזעסן אין סאַלאָן מיטן ברודער, געטרונקען טיי, געשפּילט שאַך. איך און גאָלדע זיינען מיר אַוועקגעגאַנגען שפּאַצירן. זי

האט איצט נויטיק געהאט פארגעסונג און בארוישונג. עס איז פאר איר געווען א שרעקלעכער טאג איז איר לעבן. מיין הארץ האט אנגעהויבן האפן . . . איצט וועל איך זיין נענטער צו איר . . . מיין ליבע איז געוואקסן אין מיר ווי א ריזיקע בלום, ווי א קאלאסאלער פלאם, גרייט צום אויסברעכן און אומארמען דער ספינקישער פרוי. . . .

* * *

זי האט געוואלט פארן קיין ברוסעל. די פרוי אין איר האט געוואלט איבערלעבן אדער אויסלעבן איר שטורמישן טאג מיט אן ארגיאסטישן פינאל. זי איז געווען טרויעריק און גליקלעך, מיד און בענקענדיק צו נייע טריאומפן. איך האב נישט קיין חשק געהאט צו פארן קיין ברוסעל. כ'האב איר פארגעשלאגן צו פארן אין קליינעם שטעטל סט. אננעקע, איבער דער אנדערער זייט שעלדע, וואו עס איז שיין און רואיק. איך האב אויך אויסגעדריקט דעם פארלאנג מיטצונעמען א פריינט, ראזמאן, א ווינער קאמוניסט, וואס איז געווען אין פאלעסטינע און האט מיר אויסגעוויזן צו זיין ערלעך און סימפאטיש.

מיר האבן אים אפגעזוכט אין פאריין און דאן זיינען מיר אלע דריי אוועק אין סט. אננעקע. עס איז געווען א הייסער זומער־אוונט. די זון איז פלאמענדיק אונטערגעגאנגען, גילדנדיק די וואלקנס ווי ריזיקע ארמייען אין מעשענע קאסטיומען, אין העלמען און אין שפיזן, מיט פלאמענדע געזיכטער.

די שיף איז זיך רואיק געשוואומען איבערן קילן וואסער. לאנגזאם איז דאס גאלד פון דער זון דערטרונקען געווארן אין די צארטע פאליעס. . . .

מיר זיינען אריין אין א קאפע ביים ברעג. ראזמאן האט נישט געוואוסט פון די היינטיקע איבערלעבענישן. מיר האט באנג געטאן וואס כ'האב אים מיטגענומען. איצט האט ער מיר געשטערט. מיר האבן געטרונקען דעם פעטן, גרינעם „באק"־ביר. אויף די ווענט פון דער קאפע זיינען געהאנגען בילדער פון ריזיקע שיפן מיט פיר קוימענס, פון דער „רעד סטאר ליין". אן אלטער מאן האט ביים טיש, אין ווינקל, געארבעט איבער א מיניאטור־שיף. זיין אייניקל, א בלאנד מיידעלע, איז געזעסן אויפ'ן ברעג פון טיש און מיט קינדערישער נייגיריקייט נאכגעפאלגט די באוועגונגען פון דעם אלטנס גלעט, גאלדענע פינגער איבער די דינע לאבירינטן פון זיין מייסטערווערק.

מיר זיינען א ווײַלע געזעסן און דאן ארויס אויף שפאציר. נעבן א בוים האבן מיר זיך אלע דריי געזעצט, אויפן גרינעם גראז. איצט האט גאלדע געזונגען דעם טרויערמארש פון שאפען מיט אויעיסקים ווערטער (א פוילישער דיכטער). הגם זי האט נישט געהאט קיין שטימע, האט איר ליד זייער שיין געקלונגען, צארט און טרויעריק. איך האב געהאט א באגער זיך צו פאראייניקן

מיטן וועלטאַל. איך האָב געזען, ווי אין טרוים, ווי דער הימל גלאַנצט איבער אונז מיט טויזנטער שטערן־וועלטן.

אַרום אונז איז געוואָלטיק רואיק, שוואַרץ. יעדער שטערן איז פאַר מיר געווען אַ העל געזיכט פון אַ הימלישער פרוי. די לבנה האָט רואיק געשיינט מיט אירע גאָלדענע שטראַלן. איך האָב זיך געטוליעט צום בוים און צו גאָלדעם וואַרעמען קערפּער. איך בין געווען באַהערשט פון איר ליד. יעדער מאָל, ווען זי האָט דאָס ליד געענדיקט, האָב איך איר געבעטן עס ווידער זינגען. זי האָט בלויז יעדער מאָל ווידער אָנגעהויבן זינגען די ערשטע סטראָפע. צו די ווערטער האָב איך זיך נישט צוגעהערט. בלויז די מעלאָדיע האָט מיך געמאַכט שווידערן און עמפינדן דעם אומענדלעכן וועלט־טרויער. . . .

אַזוי זיינען מיר געזעסן. דער בוים איז געווען גליקלעך פון דער באַרירונג מיט גאָלדעס גוף און האָט גערוישט. שפּעטער זיינען מיר ווידער אַהיימגעפאָרן אויפן וואַסער. דער אומענדלעכער הימל האָט זיך אָפּגעשפּיגלט מיט זיינע אומגעווײנלעכע אוצרות אין וואַסער, וואָס איז געווען שוואַרץ.

מיר זיינען דעם גאַנצן וועג צו איר אַ היים געגאַנגען צו־פוס, הגם מען האָט לייכט געקענט פאָרן מיט אַ טראַמוויי. איך בין געווען מיד.

— איך גלייך אַ שטאַרקן, געזונטן, הויכן מאַן! — האָט גאָלדע געזאָגט, זעענדיק אַ ריזן־פּאָרל פאַרביי־גיין אויף דער גאַס.

איך האָב זיך געטראַכט: איך בין קליין און דין, טרויעריק און בלייך. איך קען צו איר נישט אַפּעלירן. זי איז אַזוי שיין, געזונט און שטאַרק. . . .

ענדלעך זיינען מיר צוגעקומען צו איר הויז. זי האָט אונז געדאַנקט און געזאָגט אַ גוטע נאַכט. מיר האָבן ווידער אָנגעהויבן צו מאַרשירן אַהיים. איך האָב דעם גאַנצן טאָג מיט איר פאַרבראַכט. . . .

די נאַכט איז געווען אַ קלאָרע. ווען צוויי חברים פאַרלאָזן אַ מיידל, און אַרום איז שטיל, גייען זיי און רעדן געוויינלעך וועגן דעם מיידל. אָבער דאָס וואָס מיר האָבן גערעדט, האָט מיך זייער לאַנג געקרענקט. . . .

— דו ווייסט, — האָט זיך אָנגערופן צו מיר ראָזמאַן, זייענדיק אַ פאַנאַטישער קאָמוניסט, — זי געפעלט מיר נישט . . . איז זי נישט אַמאָל אַ פּראָוואָקאַטאָרקע?

אין דעם מאָמענט איז אין מיר אויפגעקומען און צום אויסדרוק געקומען אַ רעאַקציע קעגן איר. איך האָב זי געליבט, אָבער בין געווען אומצופרידן מיט איר. איך האָב געענטפערט:

— איך ווייס נישט . . . עפּעס זעט זי מיר אויס פאַרדעכטיק . . . צו וואָס, אייגנטלעך, איז זי געקומען צו אונז? מעגלעך, אַז זי איז אַ פּראָוואָקאַטאָרקע.

אבער זי קען ביי אונז גארנישט ארויסקריגן. מיר געפעלט נישט איר היים אפילו, איר אויפפירונג, אירע באציאונגען מיט אונז. אויסערדעם פארלירן מיר א סך צייט ביי איר. . . .

איך ווייס נישט פארוואס איך האב דאס געזאגט. עס איז פיליכט געווען אן אויסדרוק פון מיין אנטוישונג. אין דעם מאמענט האב איך ווידער געוואלט נישט־ליבן, זיין א טרייער, אויסגעהאלטענער רעוואלוציאנער און געפינען באפרידיקונג אין העלפן דער אונטערדריקטער מענטשהייט. איך האב גערעדט אין א זין, אן לאגיק. עס איז פארשטענדלעך אז אין האלבער נאכט, ביים שיין פון א מיסטעריעזער לבנה, זייענדיק גייסטיק און פיזיש אפגעמאטערט, זיינען מיר נישט אפט פאראנטווארטלעך פאר אונזערע געדאנקען. . . .

— און וואס וואלסטו טון, ווען מיר ווערן געוואויר אז זי פאראט אונז?

זיין פראגע האט אין מיר דערוועקט א מין נקמה פאר מיינעליידן. עס איז מיר לייכטער געווען זי צו טויטן, ווי האפנונגסלאז צו ליבן. איך האב אים דאריבער געענטפערט:

— איך וואלט זי דאן געשאסן, לויטן פארטיי־אורטייל. . . .

— און איך וואלט זי אויך געקענט שיסן, — האט ער אנטשלאסן געענטפערט, — ווען מיר זאלן זיין זיכער אין איר פראוואקאטארישער ארבעט . . . איבעריקנס, מיר איז באלד נישט געפעלן וואס זי איז געקומען צום באנקעט פון די „מאסקווער”. . . וואס איז זי פלוצלונג דארט אהין געקומען . . . דאס איז נאר צוליב געוויסע צילן. . . .

— זיכער ! — האב איך אונטערגעהאלטן און נישט באמערקט ווי מיר זיינען צוגעקומען צו מיין הויז. איך בין אריין אין טונקעלן הויז, אנגעצונדן דאס חלב'נע ליכט אין מיין בוידעם־שטיבל. געטרונקען א גלאז וואסער און געפילט אז איך פיל אזוי אומגעלומפערט און פיבעריש. ווען איך בין איינגעשלאפן, האט זיך מיר גע'חלומ'ט א ריזיקער ספינקס. דער ספינקס קושט מיך מיט זיינע שטיינערנע — אבער ווארעמע, רויטע ליפן. זיינע אויגן בליצן און בליאסקען. איך בין פארשמאכט. זיינע שטיינערנע ארעמס טראגן מיך אוועק, דריקן מיך צו זיך . . . כסדר קושט ער מיך . . . אינם ספינקס געזיכט דערקען איך גאלדע, מיין וואונדערלעך מיידל . . . אירע קושן צינדן אן אין מיר פלאמען פון ליבע . . . ניין, זי איז נישט קיין פאררעטערין. זי איז אזוי צערטלעך און אומגעהויער גרויס. זי האט ליב א צווייטן, ריזיקן ספינקס אין דער מדבר. . . . אירע ליפן טויטן מיך, דאס פייער ווערט גרעסער אין מיר. איך ווער פארברענט, איך פלאקער ווי א בליץ . . . איך בין אן אנגעצונדענער שטערן אין אוניווערס . . .

צומארגנס האבן מיר געהאט אן אויספלוג אין „רעווירנהאף־פארק”. מיר האבן איר איינגעלאדן. זי האט צוגעזאגט צו קומען.

האָס, געבוירן דורך ליבע...

די אינטריגאַנטישע שטיק, די פּלוצלונגע איבערראַשונג פון זיין רייד־ווערן איבער נאַכט, האָט דעם קובאַנער געטריבן אין אַן אומגליק. די פאַרדעכטיקונג אַרום אים איז געוואָרן צו געפערלעך. ער האָט געפילט ווי די טריט ברענען אונטער אים און אין היסטערישער אָנשטריינגונג זיך זעלבסט צו פאַרטייטיקן, איז ער געזונקען אַלץ טיפער און טיפער. די דינע שנור פון זייד, ווי אַ צאַרטע שווערט, האָט זיך לאַנגזאַם פאַרצויגן אַרום זיין האַלדז; ער איז געזונקען טיפער און טיפער. באַזונדערס אָבער האָב איך באַקומען אַ שטאַרקע שנאה צו אים. מעגלעך אַז די אורזאַך פון מיין שנאה איז געווען איז אייפערזוכט; ער איז געווען צו נאָנט צו גאַלדען, ער איז געווען אַן איינגייער אין זייער הויז, וואו אַפילו די מוטער האָט אים זייער גוט באַהאַנדלט. ער איז געגאַנגען מיט דער שוועסטער בלומע, וועלכע האָט געהאַט געקרוינט זייז דערפאָלג אין אָט דער פרויען מלוכה, בשעת איך בין דורכגעפאַלן כסדר.

פון פּאַריזער ביוראָ פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָבן מיר באַקומען אַ מיטיילונג אַז דער קובאַנער איז אַ בראַזיליאַנישער פּראָוואָקאַטאָר, וועלכער פאָרט אַרום איבער גאַנץ אייראָפּע, אויספאָרשנדיק די קאָמוניסטישע באַוועגונג און זיי פּראָוואָצירנדיק צו די קאָנסולאַטן פון פאַרשידענע לענדער, וועלכע זיינען פאַראינטערעסירט אין דער פּאָליטישער ריכטונג פון זייערע בירגער־עמיגראַנטן. מען האָט אים איינמאָל געזען האָבן באַציאונגען אין פּאָליציי־ביוראָ פון אַנטווערפּען. צוויינ, וואָס האָט אַ געוויסע צייט מיט אים געוואוינט אין איין צימער, האָט דערציילט, אַז ביינאַכט האָט מען אים אַרעסטירט, אַרויסגענומען פון בעט און אַוועקגעפירט. צווייג איז מיטגעגאַנגען מיט אים. אין פּאָליציי־צירקל האָט ער מיטן עלטסטן זיך פאַרשטענדיקט. פון דאָרט האָט מען אים אָפּגעפירט צום שפּאַנישן קאָנסול, מיט וועמען ער האָט זיך אַרומגענומען און, ווערנדיק באַפרייט פון דער פּאָליציי־אויפזיכט, נאָך באַקומען אַ גרויסע סומע געלט.

*   *   *

דורך אַ צופאַל איז מיר אויסגעקומען מיט אים צו זיין אין אַ צימער, ביינאַכט. ער האָט זיך געזעצט אַנטקעגן דעם פענצטער, נעבן מיר. די לבנה האָט

בלייך באשיינט זיין געזיכט. עס איז געווען פינצטער אין שטוב. ער האט אנגעהויבן פאר מיר דערציילן געשיכטעס פון זיין לעבן, וועלכע זיינען געווען אזוי שוידערלעך ווי בלוט־פארגליווערנד. אין שיין פון דער לבנה, וועלכע האט שווינדזוכטיק באלויכטן זיין גאנצן קערפער, האט ער זיך געפילט אין זיין עלעמענט. אין מיר האט ער נישט געפילט קיין שטארקן קעגנער. ער האט מיך געהאלטן פאר א נאאיוון אינגל. זיינע אויגן, ווייסע, ווי פון א שלאנג, האבן געבליצט מיט מעסער־שארפן גלאנץ. זיין פאנטאזיע האט זיך צעשפילט. די לבנה האט ווי א גרויסע שפין געקרייצט איבער זיין קאפ און אים געמאניעט, געצויגן צו פארברעכערישע געשיכטעס. . . .

„בשעת מען האט די אכט אנארכיסטן געפירט צו דער תליה און מען האט די פעטליעס פארצויגן איבער זיי, בין איך, דער וואס האט זיי אויסגעגעבן צו דער דיקטאטור, געווען צווישן פובליקום אויפן מארק. איינע פון זייערע געליבטע, א יונגע מעקסיקאנערין, האט מיך דערזען און זיך דערנעענטערט צו מיר. אין דעם מאמענט האב איך אן אגענט אנגעוויזן אויף איר און מען האט זי ארעסטירט. דאס האט מיך געדעטעט פון אט דער לײדנשאפטלעכער שלאנג, וואס וואלט מיך געווים דערשטאכן ווי א הונט אויפן אפענעם פלאץ, בשעת דער עקזעקוציע."

מיר איז געווארן שרעקלעך עקלהאפט פארן דאזיקן מענטש. מיט שרעק האב איך געדענקט וועגן דעם, אז דער דאזיקער כוליגאן, באנדיט און שלאנגישע קרעאטור קען זיך צורירן צו מיין געליבטער און מיט א בלויזן קוש זי צו פאראומרייניקן, צו טויטן איר אלם מיין אידעאלע געליבטע, מיט וועלכער איך וועל דאך קיינמאל נישט הייראטן. איך האב באקומען א שרעקלעכן האס צו אים און דער האס איז געווען אן אויסדרוק פון מיין געוואלטיקער ליבע צו גאלדען. איך האב אין הארץ געוואונטשן אים צו טויטן. . . .

* * *

די פארטיי איז לעצטנס געווארן שרעקלעך אויפגערעגט. א גאנצע רייע בעסטע טוער זיינען ארעסטירט און ארויסגעשיקט געווארן צו דער גרעניץ, ווייל די מערסטע פארטיי־טוער זיינען געווען אויסלענדישע חברים. די פארטיי איז לאנגזאם פארניכטעט געווארן, פארצווייפלט קעמפנדיק מיט דער רעאקציע.

מען האט אנגעהויבן זוכן די אורזאכן, פארוואס עס קומען פאר אזוי פיל ארעסטן. אמת, דער רעאקציאנערער גייסט איז געשטיגן. אבער עס איז קיינמאל נישט געווען מעגלעך, אז א פראוואקאטאר, אזוי ארײנצודרינגען אין אלע באהאלטענע קעמערלעך פון דער פארטיי. דער חשד איז געפאלן אויף דעם קובאנער. ווי אלע פראוואקאטארן, אין אלע ציטן, האט ער די שולד פון די דורכ־

פֿאַלן און אומגליקן אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף אַ געוויסן געש, אַז אַרבעטער וואָס איז געווען שטאַרק טעטיק אין דער אָרגאַניזאַציע און זיך שנעל אָפּגעטראָגן אין דער קוילן־גרוב־געגנט, קיין ליעזש. איב האָט דער קובאַנער באַשולדיקט אין פּראָוואָקאַציע. די פּאַרטיי האָט זיך פֿאַרשטענדיקט מיט דער גרופּע אין ליעזש און דער חשד אויף יענעם חבר איז אָפּגעפֿאַלן.

אויף אַ געהיימער באַראַטונג פֿון בלויז די מיטגלידער פֿון צענטראַלן קאָמיטעט אין באַשלאָסן געוואָרן אַז מען מוז דעם קובאַנער טויטן — און די בעסטע געלעגנהייט דערצו איז עס אויסצופֿירן אין הויז פֿון דער פֿאַמיליע פּערלשטיין.

מען האָט עס מיטגעטיילט גאָלדען. זי האָט דאָס באַדאַרפֿט אַראָפּנאַרן דעם קובאַנער און אים פֿאַרניכטן מיט אַ זיכער מיטל.

די פּרטים פֿון דער עקזעקוטיווע זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן ביז צו די קלענסטע איינצלהייטן. גאָלדע האָט אָנגענומען דעם פּלאַן. איר פֿאַמיליע האָט, נאַטירלעך, נישט באַדאַרפֿט וויסן דערפֿון. דער קובאַנער האָט געפֿילט אינסטינקטיוו אַז די פּאַרטיי גרייט זיך אין אים נוקם צו זיין. ער האָט פֿאַרדעכטיקט יעדן מענטשן. בלויז מיך און גאָלדען האָט ער נישט פֿאַרדעכטיקט. אים איז, נאַטירלעך, נישט איינגעפֿאַלן, אַז זיין טויט וועט קומען דורך אונז.

די סיבה פֿון מיין שנאה צו אים, ווי איך האָב שוין אָנגעוויזן, איז געווען אַ פּראָדוקט פֿון מיין גרויסער ליבע. אין אים האָב איך באַלד פֿון אָנהויב אָן, ווי צווייג, געזען אַ געפֿאַר. איך האָב באַמערקט ווי גאָלדע און איר שוועסטער האָבן פֿון אים שטאַרק געהאַלטן. איין מאָל האָט גאָלדע באַמערקט:

— דער קובאַנער האָט היינט ביי אונז געגעסן מיטאָג. אַך, ער איז אַזאַ העפֿליכער און גוטער. מען קען אים ליבן אַזוי שיין . . . ער בעהאַנדעלט מיך ווי אַ קינד. . . . מיין מוטער גלייכט אים אַזוי. . . .

מיך האָבן די ווערטער געקרענקט. איך האָב געקענט, פֿון זיינע דערציילונגען אין די נעכט, די ציניש באַציונג זיינע צו פֿרויען, זיין עקלהאַפֿט־סעקסועל לעבן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז גאָלדע וואָלט זיך צו מיר אַנדערש באַצויגן, ווען נישט זיין שרעקלעכער ציניזם. זיין געזיכט בלויז, זיין שמייכל, זיינע קאַלטע אויגן — האָבן צעשטערט מיינע שענסטע אילוזיעס, מיינע נאַאיווע געפֿילן און טרוימען. . . .

איינמאָל האָט ער מיך געטראָפֿן אין אַ פּאַרק. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַן אַרבעטס־אַנצוג, ווי אַ פֿאַרט־אַרבעטער — און ער האָט געשמייכלט ציניש, זאָגנדיק:

— גאָלדע וועט נישט געהערן צו דיר. אין איר איז פֿאַראַן אַ טייוול.

נעכטן ביינאַכט האָבן מיר אַלע זייער גוט פאַרבראַכט. . . גאָלדע קען טרינקען אַ סך ווײַן, באַלד מער פאַר מיר. . . . אָבער, ווי זי' ווערט שכור, מיין גאָט! דאַן, איז זי העסלעך און הפקר ווי אַ גאַסן־פרוי. . . .

קיינמאָל האָב איך גאָלדען נישט איבערגעגעבן דעם דאָזיקן זאַץ. די אורזאך פאַרוואָס זי איז גרייט געווען אים צו טויטן, איז, ווייל זי האָט געהאַט אַ דראַנג צו אַוואַנטורע. מען האָט איר אויך צוגעזאָגט, נאָכן אויספירן דעם אורטייל, זי צו שיקן קיין רוסלאַנד. דאָרטן — האָט זי געדענקט — וועט זי ווערן אַ העלדין. זי האָט געהאַט ריזיקע פאַנטאַזיעס.

אין אַ געוויסן טאָג איז צו אונז געקומען דער קובאַנער און געמאָלדן אַז ער האָט אַ פאַרדאַכט אַז די פאַרטיי האָט אים פאַראורטיילט צום טויט. ער מוז שנעל אַנטלויפן. קעמפן קעגן זייער אורטייל האָט איצט מער קיין זין נישט. און ער ווייסט ווער עס דאַרף אויספירן דעם אורטייל. . . .

איך בין געווען דערביי, ווי ער האָט דאָס געזאָגט צו גאָלדען. מיר איז אַ שוידער דורכגעגאַנגען איבערן לייב . . . וואָס? ער ווייסט אַז גאָלדע וועט אים טויטן?. . . טאָ פאַרוואָס־זשע קוקט ער אויף איר מיט צערטלעכע, זשעדנע אויגן? פאַרוואָס נעמט ער אָן איר האַנט מיט אַ ציטערדיקער האַנט? פאַרוואָס איז ער אַזוי טרויעריק, ווי נישט צוליב דעם אורטייל — נאָר פון מוזן זיך שיידן מיט גאָלדען? אָדער גאָר מיט בלומען? ווער ווייסט וועמען ער ליבט מער פון זיי ביידן?' וואַרשיינלעך גאָלדען?. . .

— מאָרגן אָוונט קום איך צו אייך זיך געזעגענען . . . אינדערפרי פון אַנדערן טאָג פאָר איך אַוועק צו דער דייטשער גרעניץ. . . .

זיין שטימע האָט איצט געקלונגען זיכער. ער איז אַוועק מיט פעסטע טריט. ווייסט־ער פון אונזער פּלאַן? שפּילט ער אַזוי געניאַל די ראָלע? האָט ער אַ חשד אויף אַן אַנדערן, וואָס דאַרף אויספירן דעם אורטייל? האָט ער אַזוי פיל צוטרויען צו אונז? וואַרשיינלעך אַז יאָ. . . . אין אונזער געזעלשאַפט פירט ער זיך אַבסאָלוט זיכער. . . .

איצט בין איך אהיים געגאַנגען מיט גאָלדען. דעם גאַנצן וועג האָבן מיר געשוויגן ווי פרעמדע. אונזערע הערצער האָבן געקלאַפּט. די שאָטנס אין דער נאַכט ,פון ביימער און הייזער, האָבן אונז יעדע ווײַלע איבערגעשראָקן. . . .

— עס וואָלט גוט געווען — האָט גאָלדע ביים אַריינגיין אין הויז מיר געזאָגט — ווען נאָכן דאָזיקן אַקט וואָלסטו אַוועקגעפאָרן אין פּאַריז. ס'וואָלט בעסער געווען ווען מיר זיינען ווייט איינער פון אַנדערן. . . . איך וועל דאָך סיי ווי אַוועקפאָרן קיין רוסלאַנד. . . מיר וועלן זיך מוזן פאַרגעסן, דען צווישן אונז וועט שטענדיק זיין דער שאָטן פון טויט . . . דאָס שרעקלעכע פאַרברעכן. . . .

— גוט ! איך וועל אָוועקפֿאָרן. . . .

דערבײַ האָב איך געטראַכט, אַז אָט דער מאָרד וועט מיך צווינגען אַוועקצופֿאָרן פֿון איר . . . דאָס וועט מיר אַ סך העלפֿן . . . איך וועל האָבן פּטור געוואָרן די שפּין, וואָס האָט מיר באַדראָט מײַן געליבטע — אָבער דאַן וועל איך אַוועק אין אָריענט, ערגעץ ווײַט, ווײַט — און זיך באַפֿרײַען פֿון אָט דער שרעקלעכער ליבע. . . .

איך בין אַהײמגעגאַנגען און די לבֿנה האָט מיך געגליווערט מיט איר קאַלטן שײַן . . . מיר האָט זיך געדאַכט אַז דער ווײַסער טויט נעמט מיך אַרום. . . .

„די שפין"

דער אוונט איז געקומען. . . .

מיר האָבן געהאַט אויסגעאַרבעט אַלע מינדסטע איינצלהייטן. געוויינלעך פלעגט דער קובאַנער קיינמאָל נישט אַראָפּגיין מיט גאָלדען אַליין. שטענדיק פלעגן מיר זיין אַלע דריי צוזאַמען. עס איז דעריבער נויטיק געווען איך זאָל זיין דערביי.

צו זיין אַפּפאָרן איז גאָלדען געלונגען איבערצוצייגן דער מאַמען אַז מיר זאָלן פאָרן אים איינאָרדענען אַ באַנקעט. עס איז געווען אַ סך וויין. צום ערשטן מאָל האָב איך באַמערקט אַז גאָלדע קען טרינקען זייער פיל וויין, און דוקא נישט אַרויסווייזן קיין סימן פון שכרות. זי איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך מענלעכע נאַטור, שטאַרק, מאַסיוו און מיט אַן אייזערנעם כאַראַקטער באַשענקט.

מיר האָבן אַלע געטרונקען. דעם אָוונט איז בלומע געווען קראַנק. איר בעט איז דעריבער אַריינגענומען געוואָרן אין סאַלאָן, וואו עס איז פאָרגעקומען דער באַנקעט. זי האָט מיט גלאַנציקע אויגן געקוקט אויפן קובאַנער. טרערן האָבן זיך איר באַוויזן אין די אויגן. עס איז די לעצטע נאַכט וואָס זי זעט אים, האָט זי געפילט. דער קובאַנער, ווי שטענדיק ביי אַזעלכע פייערונגען, האָט אַ סך געטרונקען, איז געווען פול מיט אומעט און דראַנג פאַר פרייד; ער האָט געטרונקען אַן אַ שיעור, וויין מיט ביר געמישט; דאַן האָט זיך גאָלדע אויפגעשטעלט און געזאָגט זייער רירנדיק מיט אַ ציטערדיקער שטימע, פאָלגנדע ווערטער:

— הער פערנאַנדעז האָט זיך, אין משך פון דער קורצער צייט וואָס ער האָט מיט אונז פאַרבראַכט, באַוויזן איינצוקריצן זיך אין אונזערע הערצער. מיר ליבן אים אַלע ווי אַ ברודער. מיר גיבן אים דער אַפּשיד מיטן ווילן ער זאָל אונז שטענדיק געדענקען און שרייבן אונז וואוהין ער קומט, פון אומעטום. צוליב געוויסע אומאַנגענעמלעכקייטן פאַרלאָזט ער אונז. פאָרט געזונט, טייערער פריינט!

די פאָר פריינט, וועלכע זיינען געווען אין זאַל, פאַמיליע־מיטגלידער פון גאָלדע, האָבן אַפּלאָדירט.

דער אוונט האט זיך געענדיקט ארום דריי אזייגער. דאן איז פּלוצלונג דער קובאנער געווארן נערוועז, א שוויים איז אים ארויס אויפן בלייכן געזיכט.

— עס איז צייט צו גיין, — האט ער געזאגט.

ער האט זיך אנגעטאן דעם מאנטל, גענומען די וואליזע און געוואלט גיין.

— איז נישט גלייכער, אז מיר זאלן פריער מאכן א שפּאציר, ביז אין דער פרי, כדי איר זאלט קענען נעמען א צוג באלד אין דער פרי, — האט גאלדע געזאגט. — צו וואס זאלט איר דארפן גיין אויף א פּאר שטונדן אין א האטעל?

דער קובאנער האט פארדעכטיק א בליק געטאן אויף גאלדען. דאן האט ער געזאגט:

— נו, גוט, מיר גייען. . . .

מיר זיינען אלע דריי אראפּ. די נאכט איז געווען א לויטערע, זילבערנע. די לבנה איז געווען אין איר גאנצער גרויס אויפן הימל. עס איז געווען ערב דעם מולד. א ווייסער שיין איז געלעגן אויף די פעלדער. די פלאנצן און בלומען האבן זיך געבוקט צו דער לבנה'ס זייט.

— עס איז מאדנע, — האט דער קובאנער אגעהויבן, — וואס בשעת זיי זוכן מיך צו טויטן, האבן מיך פאראורטיילט צום טויט און זיינען זיכער אז איך וועל אריינפאלן צו זיי, — אין דערזעלבער צייט גיי איך ארום מיט גוטע פריינט אונטער דער לבנה. אך, די לבנה! וויפיל שיינע זאכן געשען נאר אונטער איר געהיימנישפולן שיין. . . .

— באמת, ווי מאדנע! — האט גאלדע אונטערגעכאפּט — דאס לעבן אליין האט אירע סודות, קאפּריזן און סורפּריזן. די שענסטע מענטשן ווערן געטויטעט אדער פאראורטיילט פון די מענטשן, בשעת די שמוציקסטע בלייבן לעבן און רעגירן די וועלט. . . .

— די בעסטע מענטשן ווערן נישט געטויט . . . ניין, די בעסטע מענטשן וויסן ווי צו בלייבן לעבן. . . .

בשעת דעם דאזיקן דיאלאג האבן מיר זיך לאנגזאם באוועגט אין דער ריכטונג צום „שפּין". דאס איז געווען אזא מין זומפּיקער פּלאץ, נעבען א וואסער, וועלכן די מענטשן האבן גערופן „דער שפּין", צוליב אן אלטער לעגענדע, אז ווער עס גייט דארט ביינאכט, ווערט געפאנגען פון א שרעקלעכן, שווארצן שפּין, וועלכער ציט אוים זיינע לאנגע הענט צו זיין קרבן און ציט אים ארונטער. א סך מענטשן זיינען שוין דארטן דערשטיקט געווארן. נאטירלעך, עס איז נישט געווען קיין שפּין — ווי דאס פאלק האט געגלויבט, נאר א זומפּ, אין וועלכן דער מענטש איז געזונקען, פארבלאנדזשענדיק אין דער נאכט. דער קובאנער האט נישט געוואוסט פון דאזיקן פּלאץ. . . .

— מיר דאַרפֿן צוריקגיין. עס ווערט שפּעט—האָט דער קובאַנער געזאָגט.

— מיר האָבן נאָך צייט, אָט מיר גייען נאָך אַ ווײַלע. עס איז אַזוי קיל און אנגענעם נאָך אַזאַ הייסן טאָג.

איך האָב באַמערקט ווי גאָלדע הויבט אָן צו ווערן נערוועז. . . .

מיר האָבן זיך דערנענטערט צו דער אַלטער, פֿלעמישער פֿעסטונג, וואָס שפּאַניע האָט דאָ מיט הונדערטער יאָרן צוריק אויפֿגעבויט. דאָס איז געווען אַ געלע מויער, פֿון אויבן באַוואַקסן מיט בוימער און גראָז. איצט זײַנען מיר געגאַנגען פּאַזע דער מויער. איך בין געגאַנגען הינטער בײדע. דער קובאַנער האָט זיך איצט אײַנגעבויגן צו גאָלדען און איר געקושט אין מויל.

— אָט, ווען איך וויל, קען איך דיך האָבן פֿאַר אַ ווײַב . . .

— ווערסט דאָס נישט טאָן, דאַוויד! — האָט גאָלדע געזאָגט. — דו זעסט דאָך אַז ער גייט הינטער אונז.

— ווען דו זאָלסט שווײַגן, און ווירקלעך וועלן זײַן מײַן געליבטע, דערשיס איך אים! — האָט ער מיט אַ ציטערנדיקער שטימע געזאָגט.

ער האָט קענטיק בײַ זיך געהאַט אַ רעוואָלווער.

אין דעם מאָמענט האָט זיך פּלוצלונג פֿון אַ הייל פֿון דער פֿעסטונג באַוויזן אַ גרופּע. זיי זײַנען געווען ווי פֿון איין שטיק, איין קאָלאָנע, פֿון אײַזן; לאַנגזאַם, ווי אַ ריזיקער וואָרם, האָבן זיי זיך באַוועגט אין דער ריכטונג צו אונז. דער קובאַנער איז געוואָרן נערוועז און זיך געכאַפּט צום רעוואָלווער.

— דו באַהאַלט בעסער דעם רעוואָלווער און פּלאָנטער זיך נישט אַרײַן אין אַ צרה!—האָט אים גאָלדע אײַנגערוימט.

די גרופּע האָט זיך דערנענטערט און אין שײַן פֿון דער לבנה האָבן מיר דערקענט די פּנימער פֿון אונזערע חברים פֿון צענטראַל־קאָמיטעט, וועלכע האָבן פֿאַראורטיילט דעם קובאַנער.

זיי האָבן אַרומגערינגלט דעם קובאַנער, צוגענומען בײַ אים דער רעוואָל־ווער און דאַן פֿאַרגעלייענט פֿון אַ שטיקל פּאַפּיר שטילערהייט:

— אין נאָמען פֿון דער ק. פּ. ב. ווערסטו באַטראַכט אַלס פּראָוואָקאַטאָר און פֿאַראורטיילט צום טויט. מיר פֿירן אויף דיר איצט אויס דעם טויט־אורטייל.

די שטימע פֿונם פֿאַרלייענער האָט געקלונגען אַנטשלאָסן און זיכער, ווי אַ געזעץ.

דער קובאַנער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן — אָבער מאָמענטאַל האָט מען אים פֿאַרקלעפּט דאָס מויל מיט אַ שאַליק.

— ווערסט באַפֿוילן צו לויפֿן פֿאָרויס! — האָט מען אים שטרענג געזאָגט.

דער פּראָוואָקאַטאָר האָט געמיינט אַז מען וועט אים נאָכשיסן. ער האָט

געוויינט, טרערן זיינען געראָנען איבער זיינע באַקן און — אַ פּרייער, האָט ער אָנגעהויבן צו לויפן, זיך בייגנדיק און זיך דרייענדיק כדי די קויל זאָל אים נישט קענען טרעפן....

אָבער ער איז צוגעלאָפן, נישט וויסנדיק, צום פּאַטאַלן אָרט, האָט אָנגעהויבן זינקען, ער איז אָבער ווייטער געלאָפן מיט קרעפטיקע שריט, דער „שפּין" האָט אים אַלץ טיפער און טיפער אַריינגעצויגן. ער האָט זיך געראַנגלט, געהויבן די הענט, זיי געוואָרפן אין דער שוואַרצער בלאָטע און געוואָלט אַרויסקריכן. וואָס מער ער האָט זיך געראַנגלט, אַלץ טיפער איז ער געזונקען. די היסטעריע פון ראַנגלען זיך מיטן טויט פאַרערגערט נאָך די לאַגע, אין שיין פון דער ווייסער לבנה האָבן מיר געזען ווי ער זינקט איין מיט די הענט און אָרעמס, הויבט זיך נאָך אַרויס און זינקט נאָך טיפער. עס האָט אויסגעזען ווי אַ ריזיקע שפּין וואָלט דאָרט שנעל און נערוועז געקראַכן, באַוועגנדיק פלינק מיט די פיס...

ענדלעך איז אויך דער קאָפּ איינגעזונקען. קיין שפּור איז אין אַ ווײַלע נישט געווען צו זען.

דאַן זיינען מיר שווייגנדיקע צוריקגעגאַנגען.

ביים הויז פון גאָלדען האָב איך, ווי שטענדיק, געקושט איר אין דער וויכער, ראָזער האַנט. מיר האָבן זיך באַשטימט צו טרעפן אין מאַריאַבורג, אַ קוראָרט, נישט ווייט פון שטאָט, וואו גאָלדע איז זיך געפאָרן אָפּרוען, ווי יעדעס יאָר, אויף צוויי וואָכן.

דער טאָג האָט שוין געבלויערט. אַ מידער בין איך אַהיימגעגאַנגען דורך די רווישלאָזע אַליעען. כ'האָב כסדר געזען ווי דער קובאַנער ראַנגלט זיך אַ הילפלאָזער אין זומפּ, ווי „די שפּין" שלינגט אים איין אין איר בויך, פרעסט אים לעבעדיקערהייט, ציט אים אַרונטער, האַלזט אים און דערשטיקט אים אינעווייניק מיט אירע בלאָטע־ווייכע אָרעמס....

אין מיין דאַך־שטיבל האָב איך געקוקט אין שפּיגל. איך האָב געזוכט אַ שפּור פון מאָרד. מיין געזיכט איז געווען פלאַמענדיק, די אויגן גלאַנציק. די זאַך איז אָפּגעווישט פון דער ערד — האָב איך זיך געטראַכט. קיינער האָט אים נישט ליב געהאַט, קיינער האָט אים נישט געזוכט, קיינער וועט נישט בענקען נאָך אים... דער אָביעקט פון מיין האַס איז פאַרניכטעט... אָבער דער אָביעקט פון מיין ליבע לעבט נאָך! אָ, גאָלדע! אָ, מערדערין, קאַלטע! איך ליב דיך מיט טויזנט הערצער אין מיין בוזים! איז עס דאָס שלעכטס אין דיר וואָס איך ליב?...

אין מאַריאַבורג.

שבת אינדערפרי בין איך אָוועקגעפאָרן אין סט. מאַריאַבורג, אַ קור־אָרט. דאָרטן האָב איך לאַנג געבלאָנדזשעט איבער די פעלדער, אָבער דאָס ארומ־בלאָנדזשען, אין פריען באַגינען, ווען די זון שיינט אויף און טרוקנט די טוי־טרערן פון די פלאַנצן, איז מיר געווען אָנגענעם. ענדלעך האָב איך געפונען איר הויז. איך האָב אָנגעקלאַפּט. אַן עלטערע, דיקע פרוי איז ארויסגעקומען.

— וואוינט דאָ נישט אַ געוויסע גאָלדע יאַ—טש ?

— יאָ, זי וואוינט דאָ. זי שלאָפט נאָך....

איך האָב זיך געזעצט אויפן גאַנעק וואַרטן אויף איר. זי שלאָפט נאָך.... ווי ליבלעך עס איז צו זיצן דאָ. גאָלדע שלאָפט נאָך, ווי אַ קליין קינד. דער הימל איז געווען בלוי און קלאָר, ערטערווייז מיט ווייסע וואָלקנס באַדעקט. די פייגל זיינען צוגעקומען צו מיר און געזונגען, גענומען זון־בעדער. די פלאַנצן, בלו־מען אין שימער, — אַלץ האָט דערוואַכט פון נאַכטיקן שלאָף, זיך אויסגעצויגן, אויסגעגלייכט און געטרונקען מילד־ליכט פון דער זון. עס איז געווען אַ הער־לעכע אידיליע.

אין אַ ווײַלע ארום איז גאָלדע ארויסגעקומען, אין אַ רויטן, בלוט־רויטן סוועטער, אין אַ קורצן, פּורפּורנעם קליידל, די האָר צעלאָזן ; איר פּנים איז געווען ווי אַ פרישע, גרויסע, צעבליטע בלום, רויטלעך און אויסגעשלאָפן, מיט פרישער הויט, וועלכע איז ערטערווייז געווען צעקנייטשט פון דער האַנט, וואָס איז געלעגן אונטערן געזיכט, בשעת זי איז געשלאָפן.

— גוט מאָרגן, גאָלדע, וואָס מאַכסטו ?

— זייער גוט ! עס איז דאָ אַזוי שיין. און דו ביסט שוין געקומען. מיין גאָט ! וואָסאַראַ גוט אינגל דו ביסט. וואַרט. כ'קום ארויס באַלד, כ'גיי זיך וואַשן.

זי איז פאַרשוואונדן אין קאָרידאָר. אין אַ ווײַלע ארום האָט זי ארויס־געבראַכט עטלעכע ביכלעך וועגן טאָלסטאָי, איינס פון סטעפאַן צווייג ; איך האָב צוגעזאָגט דער יוגנט־סעקציע פון קולטור־פאַריין צו געבן אַ רעפעראַט אי־

בער טאָלסטאָי. זי האָט מיר די ביכלעך געקויפט, איך זאָל זיך צוגרייטן צום רעפעראַט.

איצט בין איך געזעסן אין אַ קליינעם גאָרטן, מיט אַ שטיינערנער מויער אַרומגערינגלט; די ביימער, בלומען און פלאַנצן אין גאָרטן זיינען געווען אַזוי פריש, גרין, מיט דיקע פרילינגס־פלייש פאַרצויגן; יעדער ביימל האָט זיך מיר אויסגעוויזן צו זיין אַ לעבעדיק מיידל אין אַ גרין־ווייס געפּלעקט קליידל, ביז איבער די פיס אַראָפּ; און אַלץ האָט זיך דאָ אויסגעדריקט גאָט אויף אַ הער־לעכן אופן...

איך האָב געלייענט סטעפאַן צווייג'ס „טאָלסטאָי", ווי דער אַלטער גראַף, דער קלוגסטער רייכסטער, גוט־סיטואירטער, דער ריזיקער שריפטשטעלער — גייט פּלוצלונג אַוועק אַן אומצופרידענער אין וואַלד, ווי דער קעניג עדיפוס, און וויינט, וויינט... מיר האָט זיך געדאַכט אַז איך זע דעם וואַלד, דעם מעכטיקן אור־וואַלד, מיט אַלטע פייגל, אַדלערס און שלאַנגען. דער אַלטער מאַן אין גרויען שלאַפראַק פרעגט זיי אַלע. וואָס וועט זיין? איז דאָ אַ גאָט? העלפט ער די ליידנדע? איז אים גוט?...

גאַלדע איז אַרויסגעקומען. קיין פלעק פון פאַרבּרעכן איז נישט געווען אויף איר צו זען. זי איז איצט געווען פאַרפּודערט און צוגעקעמט, יום־טוב'־דיק. איך האָב נישט געוואָלט דערמאָנען דעם פאַרבּרעכן... זאָלן מיר לעבן גליקלעך, ווי אין גן־עדן...

איר אַנוועזנהייט איז געווען אַזוי אַנגענעם. מיר זיינען אַוועק איבער די מאַריאַבורגער פעלדער און וועלדער, ווי צוויי קינדער.

— איך האָב אָנגעשריבן דריי שיינע לידער. ווען דו ווילסט זיי הערן, קען איך דיר פאָרלייענען... דו ווייסט דאָך, דאָס זיינען נישט די לידער וועלכע איך וויל שרייבן. איך וועל שרייבן עפּעס גרעסערס.

— נו, לייען זיי!

איך האָב איר פאָרגעלייענט די לידער. איינס איז געווען וועגן דריי איטאַליענישע טענצערינס, שלאַנקע, אין פאַרביקע קליידער און טאַשמעס, טאַנצן. דער ריטם פון ליד איז געווען דער ריטם פון טאַנץ. די אַנדערע צוויי זיינען אויך געווען אויף מוזיק־טעמעס. זי האָט זיי געהערט און געווען אַנטציקט.

מיר זיינען געלעגן אויפן גראָז. זי האָט זיך געשפּילט. גענומען די לידער און צעריסן. איך בין געווען בייז און ליבלעך.

— דו צערייסט מיינע לידער, דו צערייסט אַלץ. וואָסאַראַ פרוי דו ביסט. דו ביסט נאָר געשאַפן צום פאַרניכטן... ביי היינען איז דאָ אַ סצענע, וואו ער פאַרגלייכט די מוזע פון אַ דייטשן ראָמאַנטיקער־פּאָעט צו אַ קעניגין וואָס

זיצט ערגעץ וואו אין זון־אונטערגאנג און צערייסט, צעפליקט רויטע, פארביקע זייד, דאס בלוט רינט צווישן אירע פינגער, דאס זייד פליט אוועק ווי בלעטער פון געהיימנישפולע, הימלישע בוימער . . . רויטע בלעטער, גרינע, פורפורנע . . . דו ביסט יענע משוגענע קעניגין. . . .

— אך, ווי שיין דו רעדסט וועגן מיר. . . . איך בין ווירקלעך א שלעכטע. . . איך בין קאלט ווי מארמאר, דו וואלסט מיך באדארפט נישט ליבן. פארדריסט דיך וואס כ'האב צעריסן דיינע לידער ? זאגט דעם אמת !

— ניין, אינגאנצן נישט. איך האב זיי סיי־ווי־סיי געוואלט צערייסן. איך זאג דאך דיר אז זיי זיינען נישט מיינע אמת'ע, גרויסע ווערק. גארנישט, איך שפיל זיך מיט זיי, כ'האב זיי פאר דיר געשריבן . . . דו האסט דאן געהאט א רעכט זיי צו צערייסן. . . .

מיר האבן זיך צוריקגעקערט צו מיטאג.

מיר האבן ביידע געגעסן מיטאג. איך האב נישט געפילט קיין אפעטיט. כ'האב אויטאמאטיש געגעסן די גוטע שפייזן.

דאן האט זי זיך צוגעזעצט צו אן עלטערער, אומגעוויינלעך־דיקער פרוי, גערעדט מיט איר נישט־וויכטיקע רייד. איך האב געפיבערט, געוואלט ווידער מיט איר גיין אין וואלד. די דיקע פרוי האט כסדר געמאטעלט.

איך האב גאלדען געבעטן גיין.

זי האט נישט געענטפערט. פיליכט א שטונדע געזעסן מיט איר. דאן האט זי זיך צוגעטשעפעט צו אן אלטן מאן, הער האלפערן, וואס איז געווען דיק, קליין, בייכיק, מיט א ליסע קאפ, זייער העפלעך, אן אמת'ער דזשענטלמען ; לאנגזאם האט ער צעשניטן אן עפל אויף פיץ־פיצלעך, ווי פאר א קינד, ווייל ער האט נישט געהאט קיין ציין, עס געקייעט מיט די יאסלעס, געשמייכלט ווי א יאפאנער אויף די געלע, גיפסענע פיגורן מיטן נאקעטן, גרויסן בויך.

מיך האט עס געקרענקט. איך וואלט אימשטאנד געווען דעם אלטן צו טויטן. . . קענטיק אז ער האט שטארק געגליכן גאלדען. זי האט מיט דער פרוי און מיט אים גערעדט אזוי לאנג, בלויז כדי מיך צו קרענקען, מיר ווייז טון. . . .

ענדלעך זיינען מיר ביידע געגאנגען שפאצירן.

די זון פון נאכמיטאג האט געברענט אין פולער גלאריע, אינמיטן הימל, ווי אזיף א ריזיקן טראן. די פעלדער און וועלדער האבן שווער געפרייכט, געאטעמט פון טראפישער היץ. יעדער פלאנץ און בלום האט זיך אפגעגעבן דער זון און געשענדעט געווארן פון די הייסע שטראלן.

— דו דארפסט מיך נישט יאגן, דו פארשטייסט. איך בין נישט קיין קינד. מען מוז רעדן מיט די מענטשן דא. דו ביסט אזוי נערוועז ווי א קליין אינגל. . . .

— דו רעדסט בלויז מיט אידיאטן. איך קען דיך נישט פארשטיין. . . .
וואס אינטערעסירט דיך דער אלטער מאן מיטן בויך, די דיקע פרוי ?

— איך בין די נאכט געשלאפן מיט דער פרוי.

— ווען מען גילט מיך אפ, איך זאל מיט אזא פעטע שטיק שלאפן. און וואס איז מיטן אלטן הער ?

— דאס איז דאך א סאציאל־דעמאקראטישער דומא־דעפוטאט. וואס טוט זיך מיט דיר, דו ליידסט נישט קיין מענטשן, צו וואס ? נאר מיך ! מיין גאט, דו האסט מיך צופיל ליב.

— יא, דאס איז מיין אומגליק, איך האב דיך פיל, צופיל ליב !

— דו וועסט משוגע ווערן פון אזא מין ברענענדיקער ליבע. און, צווייטנס, וואס האסטו צו מיר ? בין איך דען אזוי שיין. אט, גרעטא גארבא, קען מען זאגן, איז א שיינע. איך בין נישט שיין. זע, ווי די מענער זיינען בלינד.

מיר האבן זיך געלעגט אויפן גראז. איך האב גערעדט וועגן שעללי און קיטס, וועגן די טראגישע פאעטן און זשעניען אויף דער ערד. זי איז איינגע־שלאפן מיט א זיסן שלאף. איך בין געזעסן נעבן איר ווי א פאסטוך. מיר האט זיך געדאכט אז זי איז איינע פון יענע גריכישע געטינס, וואס דרימלען און איך בין דער מיטאלאגישער געליבטער. . . .

כ'בין געלעגן נעבן איר און באטראכט אירע זיך רויטלענדיקע באקן, אירע בריסט וואס הויבן זיך און לאזן זיך אראפ, דער פערפעקטער קערפער, מיך רוענדיק אויף דעם ווייכן גראז, איר ליבלעכן שמייכל אויפן געזיכט. זי חלומ'ט אודאי איצט. איך בין געווען גליקלעך צו זיצן און היטן איר, ווי א יונגער הירט, ווי דער צארטער היאצינטאס; ווען זי וויסט מיט וויפיעל צערטלעכקייט איך קוק אויף איר, מיט וויפיל אומענדלעכער ליבע מיין הארץ שטראלט אויף, ווי א זון אין קאסמאס־בוזעם. זי איז ווירקלעך שיין און רואיק געווען ווי א געטין. דער ווינט האט איינצלנע, שימערירנדיקע פעדים־האר באוועגט, אלץ אין איר איז מיר געווען טייער, איך האב געוואלט זי זאל אייביק, אייביק שלאפן, ווייל שלאפנדיקערהייט שטעלט זי זיך נישט אנטקעגן, שענדעט נישט מיין ליבע, חוזק'ט נישט פון מיין הארץ. א, די פרוי איז גוט ווען זי איז שלאפנדיק. דאן קען מען איר אננעמען פאר דער אידעאלסטער קרעאטור אין דער וועלט. . . .

פלוצלונג איז א קליינער, שווארצער ווארם ארויפגעקראכן אויף איר רויט־לעך הענטל, אויפן ווייסן, ראזן פלייש פון דער פלאך; איך האב זיך פארקוקט אין זיידענעם גראז, אויף דער פרישער, לעבעדיקער, מיט בלוט־פליסנדיקער האנט און אויפן שווארצן ווערימל וואס האט בארירט איר פלייש און געקראכן ווייטער, ווייטער, דורכן טויער פון זיידענעם ארבל, אריין, אויף די ווייסע, יונגע

בריסט. . . . אַ שרעקלעכער געדאַנק איז מיר דורך אין די געהירן: טויט, טויט, טויט! אַט די יונגע פרוי וועט שטאַרבן, איר פּרעכטיקער קערפּער וועט צעפוילן, די וואונדערשיינע, געטלעכע פאַרמען וועלן צעפאַלן, אירע יונגע בריסט וועלן ווערן בינטלעך שמוץ, זי וועט צערונען און צעפאַלן ווערן, פאַרניכטעט און פאַרשמוצט; אַט די הערלעכע שיינקייט, וואָס דאָס זונען־האַרץ אין איר ברוסט גיט איר לעבן און שיינקייט און קראַפט — וועט ווערן געפרעסן פון ווערם . . . בערג ווערם האָבן זיך באַוויזן פאַר מיינע אויגן. ריזיקע בערג, געשאַפענע דורך איר, דורך איר פלייש, פעטע און בייכיקע, שטאַרקע, הונגעריקע, לעבנס־פוילע — — — מיין ליבע וועט זיין פאַרניכטעט, און אַזוי — האָב איך זיך דערמאָנט — זיינען אין דער פאַרגאַנגענהייט געשטאַרבן אַלע שיינע פרויען, די היסטאָרישע העלדינס, מעסאַלינאַ, צעזאַראָס שוועסטער, קעניגין וויקטאָריע, קעניגין עליזאַ־בעט, מאַריאַ סטואַרט, סאַפאָ, קלעאָפּאַטראַ, סאַלאָמעאַ, די מאָנאַ ליזאַ, מאַריע אַנטואַנעט, מאַריאַ מאַגדאַלענאַ, מרים, די מוטער פונם מענטשנ־גאָט; די ערד האָט פאַרשלונגען דאָס פרויען־פלייש פון אַלע ציַיטן. בלויז אין דער קונסט לעבט עס; די מאָדעלן פאַלן אין די קברים, אָבער די שטיינערנע סקולפּטורן בלייבן, לעבן, לעבן זייער אייביקן לעבן. אַפילו די וואָס האָבן זייערע גלידער אין שטיין פאַרוואַנדלט זיינען לאַנג טויט, טויט, טויט. . . . די וועלט־געשיכטע ווערט באַגראָבן אין דר'ערד. . . . העלדן, קעניגן, געניעס, פּאָעטן, מוזיקער, אידיאָטן און הענקער, רעוואָלוציאָנערן, אַריסטאָקראַטן, פּלעבייער און פּאַטריציער — אַלץ, אַלץ, אַלץ ווערט פאַרשוואונדן, זיך פאַרוואַנדלענדיק אין שטויב, אין ווערים, אין פּרעכטיקע פלאַנצן אויף זייערע קברים, אין שטראַלנדיקע בלומען. . . .

ווידער יענע קעניגין, די משוגענע קעניגין, וואָס צערייסט זייד און בלו־מען און דאָס בלוט רינט פון אונטער אירע פינגער און די זיידענע בלומען ווייען, גליען אין פיבער און דער זון־אונטערגאַנג גייט אָפּ אין בלוט, אין אָקע־אַנען בלוט, אין די אָרעמס פון דער בלויער נאַכט־קעניגין — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען זי האָט דערוואַכט איז די זון אונטערגעגאַנגען אין ריזיקע, רויטע פלאַמען; זי איז געווען אַזוי שיין ווי אַן אייביק־יונגע נימפע, אויפוואַכנדיק פון אַ טרוים אויף נאַקעטע פאַליעס; אַלץ האָט געברענט אַרום אונז, זי האָט אָנגעצונדן אַ ציגאַרעט און מיר האָט זיך געדאַכט אַז פון ציגאַרעט האָט זיך אָנגעצונדן יענער געוואַלטיקער פלאַם וואָס האָט זיך געזען אין זון־אונטערגאַנג.

— רויכער אַ ציגאַרעט! — האָט זי געזאָגט.

— איך וויל נישט רויכערן קיין ציגאַרעטן.

— איך בעט דיך, טו עם מיר, רויכער אַ ציגאַרעט.

— איך וועל נישט רויכערן.

זי האָט מיט געוואָלט מיר געשטעקט אַ ציגאַרעט אין מויל. איך האָב נישט געוואָלט רויכערן, ווייל דער רויך פלעגט מיך שטיקן און איך האָב זיך געפילט שרעקלעך שלעכט. איך האָב עס איר ניט געוואָלט זאָגן אַז איך בין לונגענקראַנק.

— דו ביסט אַזאַ שלעכטער. גערענק, רויכער דעם ציגאַרעט, ווען נישט, וועט עס דיר באַנג טאָן. . . .

זי האָט שוין געשמייכלט. מיר האָט ווי געטאָן וואָס איך קען ווירקלעך נישט רויכערן. זי האָט גאָרנישט געוואָלט פאַרשטיין.

— גאָלדע, איך בעט דיך, לאָז מיך אָפּ.

איר ציגאַרעט איז אויסגעגאַנגען. מיר זיינען נעגאַנגען זוכן פייער. ביים וועג האָבן געאַרבעט אַרבעטער. זי איז צו צו זיי און אַלע זיינען גרייט געווען איר צו פאַלען צו די פיס און איר געבן פייער. ווי לייכט זי פאַנגט מענער! אַ, וואָסאַראַ פאַרשאָלטענע נאַטור עס איז! — האָב איך זיך געטראַכט. אַ פרוי וועלכע ליבט נישט קיין שום מאַן זאָל פון אַלעמען געליבט ווערן. . . .

דאַן זיינען מיר צוריק אַוועק איבער די פעלדער. דאָס לעצטע זונען-גאָלד איז געשטאָרבן. זי האָט בכיון געזוכט אַ פּלאַץ וואו מענטשן גייען נישט . . . דאַן האָבען מיר זיך ווידעראַמאָל אַוועקגעלעגט. זי איז געווען ליידנשאַפטלעך — אָבער איך: נאַאיוו, צופיל איר ליבנדיק, צופיל אין באַוואונדערונג פאַר איר, זי איז געווען מיין געטין. איך האָב זי נישט באַטראַכט אַלס פרוי. . . .

זי האָט מיר געגלעט די האָר און טרערן זיינען מיר געקומען אין די אויגן פאַר דאַנקבאַרקייט. . . .

מיר זיינען אַהיימגעגאַנגען.

אין הויז זיינען געווען פאַרזאַמלט אַ סך מענטשן. עס האָט פּלוצלונג אָנגעהויבן צו רעגענען. אַ מאַן האָט געשפּילט אויף דער פּיאַנאָ מאָצאַרטס און שאָפּענס מוזיקאַלישע ווערק. אין דער טונקעלער שטוב, אין אומעטיקן מעלאַנכאָלישן וועטער האָב איך געפילט ווי איך רעד און האַלז זיך מיט די צוויי טראַגישע, טובערקולאָזע גייסטער.

דאַן זיינען מיר אריין צו גאָלדע'ס צימער. עס איז געווען אַ גרויס, גערוים צימער, וואו ביים פענצטער איז געוואַקסן אַ הויכע, ווייסע ליליע איינע אַליין. מיר זיינען געזעסן ביים פענצטער, נעבן ווארעמען אויוון. ווידער האָט גאָלדע אָנגעהויבן זיך בעטן ווי אַ קליין קינד, איך זאָל איר צוליב טאָן און רויכערן אַ ציגאַרעט.

איצט, כדי איר איינצושטילן, האָב איך געקושט אירע הענט, אירע שפּיצנ-

פינגער, כ'בין געווען זייער צערטלעך צו איר. כ'האָב געפּיבערט, איך האָב איר אַרויסגעוויזן איז זשעסטן אַז איך ווער פאַרבּרענט פון געפילן צו איר. . .

זי האָט זיך פאַרשעמט, רויט געוואָרן, מעלאַנכאָליש, געוויינטלעך, ווי יעדע פרוי, נאָך קושן און צערטלערייען.

זי האָט מיר דערלויבּט אַפּצורייסן די לילִיע. איך בין געווען גליקלעך.

ביז שפּעט אין דער נאַכט זיינען מיר אַזוי געזעסן, זיך איינגעהערט אינ'ם רוישן און קלאַפּן פונ'ם רעגן, אַלץ אונטערן פענצטער האָט זיך געטוליעט און געווען אומעטיק. דער האַרבּסטיקער רעגן דרינגט אַריין אין די ביינער, גראָבּט זיך איין . . . אָבּער איך בין געווען גליקלעך. שפּעט ביינאַכט בין איך מיט איר אַרויסגעגאַנגען צום טויער, ביים טיר פון גאָרטן האָב איך איר געקושט מיט אַ סך קושן די הענט און זי — ווי אַ וואָרעמער וועזן פון שיינעם פלייש — איז פאַרשוואונדן געוואָרן אונטערן טויער, ווי עפּעס צערטלעכעס און טייערס פאַר מיר.

איך בין געגאַנגען צום טראַמוויי מיט צוגעמאַכטע אויגן, פון צופיל גליקלעכע איבּערלעבּעניש. . . . אַזוי, בּלינדערהייט, בין איך דעם גאַנצן וועג געגאַנגען, ביז צום טראַמוויי.

איז אַ טונקעלער גאַס, בּלויז אין שיין פון אַ געלע לאַנטערנע, וואָס איז געהאַנגען אין דער הויך ווי אַ רויטע, ריזיקע בּלום — האָב איך געזען ווי צוויי בּלייכע פרויען דרייען זיך אויף און אָפּ, נערוועז. דער טראַמוויי איז אָנגעקומען. איך בין געפאָרן אין שטאָט אַריין.

אין שטאָט בין איך אַריין אין אַ קאַפע, איבּערפילט מיט גליק און געטרונקען אַ סך וויין און ביר, ביז איך בין געפאַלן. שיכורערהייט בין איך אַרומגעקראָכן אין די טונקעלע גאַסן, מיט לאַנטערנעס געאַרעמט. עס איז געווען אַ קאַלטער, נאַסער נעפּל. די לאַנטערנעס האָבּן אומעטיק געבּליקט אין דער נאַכט, אין גרינלעך־בּלויע אָרעאָלן אַרומגערינגלט. אַ צווייטער שכור איז מיר אַנטקעגנגעקומען. איצט זיינען מיר בּיידע געגאַנגען. די שטערן האָבּן געטאַנצט פאַר אונז. כ'האָב אים דערציילט פון ליבּע. . . .

די בּוימער האָבּן מיט געלע בּלעטער זיך בּאַגריסט צו דער לבנה . . . מיין מאַנסאַרדע קומט מיר אַנטקעגן. איך גיי אַריין, רויט טישטוך, בּלעכענע לבנה אין פענצטער . . . פול מיט שכור'ע ליבּע־געפילן, זעץ איך זיך שרייבּן אַ בּריוו צו גאָלדען. איך וויל איר דערציילן וועגן דער ליבּע. וועגן טויט, וועגן איינזאַמקייט, וועגן דעם מאָרד פון קובּאַנער. איך וויל איר דערציילן אַז עס ציט מיך צום „שפּין", וואו דער קובּאַנער פוילט. וואו ער שפּינט די אינטריגע פון גרויען זייד, אַז מיר בּיידע וועלן אַהין אַוועק אין אַ לבנה־נאַכט און טאַנצן דעם טאַנץ פון טויט אויפ'ן זומפּיקן קבר. . . .

דער בריוו.

טייערע פריינדין !

איך זיץ איצט אין מיין צימערל אליין. אָ, ווען דו וואָלסט געקענט וויסן וואָסאַראַ שטראָם פון געפילן עס באַהערשן מיך איצט, פונקט ווי איך וואָלט געוועזן אַ ריזיקער נעבולאַ־כאַאָס — נאָר פלוצלונג האָט זיך באַוויזן אַ זון, אַ מעכטיקע זון ! — דו, פרוי ! . . . — און דער כאַאָס האָט באַקומען ליכט און ווערט אָרדנונג. אָבער וואָסאַראַ געוואַלטיקע שמערצן זיינען פאַרבונדן מיט אָט דעם גרויסן אָרדנונג־ווערן. . . .

איך רעד פון אַ קאָסמישן כאַאָס. אָבער מער בין איך איצט אַ קליינער אינגל, וואָס איז ליבע צו אייך, טייערע פריינדין, האָט ער זיך דערמאָנט אין דער מוטער און וויינט איצט מיט ביטערע טרערן. . . .

טייערע פריינדין, אָ, ווי שיין איז היינט פאַרגאַנגען דער טאָג. מיר איז באַליבט די נאַטור פון מאַריאַבורג. פאַר מיר האָט אַלץ איצט באַקומען אַ זין און אַ פאַרשטאַנד. איך האָב נאָך קיינמאָל אין מיין פריען לעבן נישט געליבט. . . היינט איז דער ערשטער טאָג ווען די ליבע צעבליט זיך אין מיר, איז אַלע אָדערן און מאָלעקולן פון מיין בלוט, נישט בלויז אין מיין האַרץ און מוח — ניין, אין מיין גאַנץ ווען גייט דורך אַ כוואַליע פון יענעם געוואַלטיק געפיל וואָס האָט באַפוילן גאָט צו באַשאַפן דעם קאָסמאָס און וואָס באַפעלט אַלע וועזנס אין קאָסמאָס צו ליבן זייער שעפער. . . .

איך בין היינט דעם גאַנצן טאָג געווען גליקלעך. אָבער פון אַזאַ גליק־געפיל באַהערשט, וואָס איז פול מיט פיין און מאַכט דאָך זיס דעם שרעקלעכסטן שמערץ. . . אָ, איך בין פול מיט אייך איצט. ווען איך קוק אַרויס דורכן פענצ־טער אין דער נאַכט — ווער איך פול מיט אַ דערהאַבן געפיל פון גרויסקייט און שיינקייט. ווייסט איר וואָס עס הייסט צו זען אָן אַ שיעור גלאַנצנדע וועלטן, וועלטן, גרעסערע פון אונזער ערד — און צו זען אין׳ם ריזיקן הימלישען פור־מאַמענט, אָנגעפילט מיט וועלטן און מיט שוואַנגערע נעבולאַס — צו זען אין זיי אַלע — אייך ! יאָ, אייך, איינ־איינציקע פרוי וואָס ברייננגט אַריין אַ זין

אין אַט ־דעם וועלטן־אַקעאַן . . . אַ, מיט וואָסאַרא גליק ווערט אַנגעפילט מיין ברוסט אין אַנבליק פון דער געוואַלטיקער וויזיע וואָס שמייכלט צו מיר מיט די געזיכטער פון פּלאַנעטן און מיט דער האָפנונג אייך צו באַזיצן. . . .

דען אייך צו באַזיצן באַדייטעט דאָס באַזיצן פון אַט די מיליאַנען וועלטן. באַדייטעט אייביקע פרייד מיטן אוניווערזום . . . אייביקער שלום. . . .

די ליבע, די ליבע ! וואָסאַרא הערלאַיש געפיל דאָס איז ! איך חזר איבער אין גליק : איך בין פול מיט אייך. . . איר שמייכלט אין מיר. איך בין פול מיט אַן אַ שיעור גליק. איך באַגער אייך נישט — ווייל איך זייט — איך ! ווייל איך טראָג אייך אין זיך און איז גאַנצן, גראַנדיעזן, קאָלאָסאַלן אוניווערס. . . .

איך בין אַ קליין אינגל איצט. אָבער ווי מאַכט איר מיך גרויס. מיין האַרץ איז איצט ריזן־גרויס, ווי אַ זון, ווי אַ פּלאַנעט ; מיין בוזים קען נישט אומ־פאַסן דאָס גליק . . . אָבער איך ציטער נאָר און באַמי זיך דאָס דאָזיקע קאָלאָסאַלע גליק צו דערהאַלטן . . . איך וויל נאָר אַז איר זאָלט אייביק שמייכלען אין מיר. . . .

און — אינ׳ם דאָזיקן געפיל איז דאָ אַ טייל פון דער ליבע צו מיין מו־טער. . . זי ליב איך מיט אַן אומשטערבלעכער ליבע . . . זי איז ווייט פון מיר, די איידעלע פרוי וועלכע איז פול מיט שיינקייט, טרייקייט, ליבע און טראַגיק. . . . זי איז ווייט . . . זי איז אַלט . . . זי וועט שטאַרבן איז אומעט, בענקענדיק נאָך מיר. . . די ליבע צו איר לעבט אין מיין בוזים . . . איצט ליבט זי אייך . . . איר זייט די פרוי און די מוטער פאַר מיר, די מוזע פון מיין פּאָעטישן האַרץ. . . .

זייט געזונט, טייערע פריינדין, גאָלדע, כ׳האָב נאָר געוואָלט אויסדריקן מיין באַוואונדערונג און געפיל פאַר אייך. איך גיי שלאָפן איצט. אַ קליין אינגל גייט שלאָפן אין שמאָלן בעט איצט, מיטן אוניווערס פון ליבע אין זיין האַרץ, מיט אייך אין דאָזיקן גראַנדיעזן אוניווערס, ליבע פריינדין !

זייט געזונט, גריסט די הויכע טוליפּ ביי אייער פענצטער, די וועלדער, וואָלקנס און צערטלעכע בינען פון מאַריאַבורג. מיין האַרץ נעמט אייך אַרום מיט גאָלדענע, רויטע אָרעמס און קושט אייך אינגאַנצן, גאָלדע ! . . .

אייער ————

האַרבסט.

אין אַ וואָך שפּעטער בין איך צוגעפאָרן אויף אָוועני ראַיאַל, צום הויז וואו גאָלדע וואוינט. עס איז געווען אַ כמורנער פרימאָרגן. די אַלייען זיינען געווען אומעטיק. דאָס געלע דערכל פון הויז האָט אָנגעפילט מיין האַרץ מיט בענקשאַפט. נישט זי האָט מיר געענטפערט אויפן בריוו, נישט זי האָט זיך באַוויזן. איך האָב מיט אַ ציטערנדיקער האַנט אָנגעקלונגען.

אין פענצטער האָט זיך באַוויזן דאָס גוט־באַקאַנטע מוטערגעזיכט פון פרויאַ—טש, פול מיט קנייטשן, אַריסטאָקראַטישן גוידער און בייזן בליק:

— וואָס איז ?

— איז גאָלדע שוין אין דער היים ?

— גאָלדע איז אין מאַריאַבורג. זי קומט נאָך נישט אַזוי גיך אַהיים.

אין אַ האַלבער שעה אַרום בין איך געפאָרן אין מאַריאַבורג.

איצט איז שוין געווען פריער האַרבסצייט. רעגן און פאַלנדיקע בלעטער. קיין שום זאַך ברענגט מיר אַזוי נישט אַריין אין טרויער, ווי אַ האַרבסט־וויזיע. אַן אומעטיקער בין איך געגאַנגען איבער די דאָרפישע געסלעך מיט קליינע הייזלעך, קראָמען און עלעגאַנטע גאַנקעס.

כ׳בין צוגעקומען צו דעם לאַנגן וועג ״באַסקאַפּעללעליי,״ וואו ס׳האָט זיך געפונען די ווילע „פּאַנסיאָן האַנרי״ אַרומגעצוימט מיט אַ גרויסן פּלויט, ווי אַ מיטלאַלטערלעכער מאָנאַסטיר. איך בין אַריין אינעווייניק, גלייך צוגעגאַנגען צו דער טיר פון גאָלדעס צימער, אָנגעקלאַפּט. די גוטע, שיין־קלינגענדיקע שטימע האָט זיך דערהערט.

איך בין אַריין אומגעריכט און גאָלדע איז געווען דערפרייט. זי איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין רויטן, זיידענעם־גלאַנציקן סוועדער, איר געזיכט איז געווען בלוי און גרין פון קעלט, — אָבער אַזוי שיין און יונג, ווי אַ זעכצניאָריק מיידל.

— אָ, דו ביסט געקומען אַזוי אומגעריכט. ווי אַזוי איז עס דיר איינגעפאַלן צו טאָן ? באמת, איך האָב זיך אויף קיינעם נישט געריכט אין אַזאַ טאָג.

— נו, וואָס מאַכסטו, גאָלדע? כ׳האָב היינט באַזוכט דיין מוטער. אַ גרוס פון איר.

— מיין מוטער איז געווען מאָנטיק. זי איז פונקט געווען ביי מיר אין צימער, ווען די פרוי האָט אַריינגעבראַכט דיין בריוו. זי האָט אויסגעשטרעקט אַ פּאָר אויגן און געפרעגט פון וועמען עס איז. ס׳איז פון דיר, האָב איך איר געזאָגט.

— נו, און וואָס ווייטער?

— ווייטער — גאָרנישט! איך האָב דעם בריוו באַלד צעריסן, איר אין די אויגן. דו פאַרשטייסט, כ׳האָב אים אַפילו נישט אויפגעריסן. צו־וואָס? זאָל זי זען אַז מיר פירן נישט קיין ראָמאַנען.

— גאָלדע, האָסט דאָס נישט באַדאַרפן טון. איך האָב אין מיין לעבן נאָך נישט געשריבן אַ בריוו מיט אַזאַ פייער און פלאַם. עס איז געווען אַ ליבעס־בריוו. כ׳האָב דאָרט אויך דערציילט וועגן מיין מוטער. וועגן מיין מוטער רעד איך נאָר אין זעלטענע מאָמענטן. האָסט אים צעריסענערהייט אוועקגעוואָרפן?

— ניין, דאָרטן ליגט ער.

אין אַ שיפלאָד איז געלעגן דער בריוו, אין פיץ־פיצלעך צעריסן. איך בין צו דאָרט און כסדר צוזאַמענגעלעגט די שטיקלעך בייגעלעך פּאַפּיר. זעטלען ווען איז מיר געווען אַ שאָד אַזאַ האַרציקער בריוו. איך האָב געקוקט אויף איר. אָט, זי איז גוט, פריילעך און שיין. אָבער וואָסאַראַ שרעקלעכע פרוי זי איז. עס איז ביי איר אַ געוויינלעכע זאַך צו צערייסן, אויס אַ קאַפּריז, מיינע לידער. צוליב אַ זשעסט — פאַרניכטעט זי אַ בריוו אומגעעפנט. זי האָט נישט קיין רעספּעקט פאַר גאָרנישט. דאָס איידלסטע איז איר נישט טייער. זי שעצט נישט קיין געפילן נישט ווען זיי ווערן אויסגעדריקט מינדלעך און נישט אין אַ בריוו־פאָרם.

— וואו זיינען די קנעפּלעך אויף דיין העמד? מיין גאָט! ווי אַ אינגל קען אַרומגיין מיט אַן אָפענעם האַרץ, נישט שעמענדיק זיך. קום, איך וועל דיר צונייען אַ קנעפּל—האָט זי פלוצלינג געזאָגט.

איך האָב דערפילט אַ וואַרימקייט זיך צעגיסן אין מיר, ווי עפּעס אַ פּאַרע פון אַ בעקעריי־פענצטער דורך קראַטן, ווען מיר ווערן געפרוירן אין דרויסן פון פראָסט. איך בין צו איר צוגעגאַנגען. זי האָט גענומען אַ קנעפּל און עס צוגעניט צום קאָלנער. מיין האַרץ איז געווען אָפן. זי האָט צייטנווייז אַריינגעקוקט מיר אין אָפענעם העמד. מיט זשעדנע, טרערנפולע אויגן מיך אָנגעקוקט. אין דער מינוט האָב איך געפילט, אַז זי קען נישט באַהערשן איר שטאַרקן כאַראַקטער. מיטן וואַרעמען מויל, מיט די ריזיקע מאָנסטער־ליפּן איז זי צוגעפאַלן צום האַרץ־

גריפֿל און זיך איינגעגראָבן דאַרין מיט איין גרויסן, לאַנגן, שמערצלעכן קוש. זי האָט געקושט מײַן האַרץ — און דאָס האַרץ האָט שיעור ספּאַזמירט פֿון דאַנק־באַרקייט און ליבע. . . .

איך האָב געגלעט אירע האָר, די רויטע, אומגעקרויזטע האָר, ווי דיקע פֿלאַקס־פֿעדים. זי האָט צוגעניײט דאָס קנעפּל. איך האָב איר געדאַנקט מיט אַ ציטערנדיקער שטימע.

אויף שטענדיק האָב איך דאָס דאָזיקע "היסטאָרישע" העמד באַהאַלטן.

דאַן זײַנען מיר געזעסן אינדרויסן, אין לייכטן רעגן, אין די רעגנמאַנט־לען געהיט, אויב דער וועראַנדע פֿון אַ קאַפֿע. אַ פֿלעמישע, חנ'עוודיקע פֿרוי האָט אונז געבראַכט צוויי טעפּלעך הייסע, שוואַרצע קאַווע. מיר האָבן געטרונקען און געשוויגן.

דאַן האָב איך אָנגעהויבן:

— דו ווייסט, איך וויל פֿאָרן קיין פּאַריז. דאָ אין דער שטאָט איז ווי אַ זומפּ, ווי יענער גאָלדענער מדבר וואו דער אַראַבער רייט אויף זײַן קעמל און פֿאַרזינקט פּלוצלונג אין זאַמד. וואָס מער ער ראַנגלט זיך, אַלץ טיפֿער זינקט ער אין שרעקלעכן לאַבירינט, שטאַרבנדיק אין זאַמד־ים. . . .

— איך דענק אויך אַז דו דאַרפֿסט פֿאָרן קיין פּאַריז. דאָרט איז אַזוי שיין. איך וועל שפּעטער אַליין אויך פֿאָרן קיין פּאַריז.

— נאָר מיר פֿעלט אוים געלט.

— דאָס איז גאָרנישט. איך וועל דיר אויסבאָרגן אַ געוויסע סומע. באמת, דו וועסט ווערן דאָרט אַ מענטש, אַ גרויסער פּאָעט. פּאַריז איז דער פּלאַץ, וואו, אָדער מען פֿאַרלירט אַלץ, אָדער מען געווינט אַלץ.

— פּאַריז! פּאַריז! אַלע פּאָעטן און רעוואָלוציאָנערן האָבן דאָרט גע־לעבט, געשאַפֿן, געליטן און פֿאַרברענט געוואָרן אויף קויל . . . פּאַריז איז די ריזיקע זון, צו וועמעס פֿלאַמען עס ציען די קינסטלער־שמעטערלינגען . . . נאָר צו אָפּטמאָל ברענען זיי זיך אָפּ די פֿליגל . . . פֿאַרזינקען זיך . . .

זי האָט געקוקט אויף מיר מיט נײַגיריקייט.

— וואָס קוקסטו אויף מיר? האָסט מיך נאָך אַלץ נישט דערקענט?

— ניין, איך דערמאָן זיך אין דער יונגנמאַן, מײַן פֿריינט פֿון לאָדז. ער האָט אויך געוויסע ענלעכקייטן צו דיר, באַזונדערס די אויגן . . . אַזעלכע איינ־זאַמע אויגן, פֿול מיט אומעט. . . .

— נו, יאָ! אַלע מענער מיטן זעלבן גייסט און געשמאַק ווילן אוים איין־און־דיזעלבע פֿרוי, וועלכע אַנטשפּרעכט זייער סעקסועלן געשמאַק.

—און פֿאַרוואָס האָב איך נאָך נישט באַגעגנט דעם מאַן פֿון מײַן טיפֿ,

וועלכן איך וויל?

— דער מאָז פון דיין געשמאַק עקזיסטירט נאָך נישט אויף דער וועלט!

— וואָס הייסט?

— ווייל דו קענסט נישט ליבן. דו ביסט באַשאַפן געוואָרן צו ברענגען לײדן צו די מענער... דו ביסט די בין־קעניגין, פאַר וועלכע די מענער־פּרינצן דאַרפן שטאַרבן אין ווילדן פלי איבער די וואָלקנס, אָבער אפילו ווען איינער פון זיי דעראָבערט דיך — ווערט ער אויך פאַרברענט אין דיינע אָרעמס און פאַלט צוריק פון אוניווערס אַ טויטער אויף דער ערד... דו בלייבסט די אומ־באַזיגבאַרע קעניגין.

— זי שיין דו רעדסט. בין איך ווירקלעך אַזאַ שרעקלעכע סאַדיסטין? — זי האָט געשמייכלט און געווען צופרידן מיט איר טריאומף־עקזיסטענץ.

— דו ביסט נישט קיין סאַדיסטין. דאָס זאָג איך נישט. עס איז פאַראַן אַמאָל אַ פעלער פון דער נאַטור. און נישט אַמאָל בלויז. די נאַטור איז פול מיט פע־לערן. זי צעטיילט נישט פּראָפּאָרציאָנעל שוואַכקייט און שטאַרקייט. איינעם מאַכט זי אינגאַנצן שוואַך. אַזאַ פרוי ווי דו האָט די נאַטור צופיל באַשענקט מיט שיינקייט, חוץ אַ שטאַרקן כאַראַקטער. דעריבער ביסטו פאַר די שוואַכע מענער אַן אינקוויזיציע.

— באמת, איך ווייס נישט פאַרוואָס עס איז אַזוי. איך קען נישט ליבן. איך בלייב צופרידן שטענדיק בלויז שענקעדיק אַ קליין ביסל מיטגעפיל מיין לײדנדן געליבטן. אָפּטמאָל זע איך אַז מיין געליבטער שטייט פיל העכער פון מיר. אָבער איך קען זיך נישט העלפן... איך קען נישט ליבן....

— אפשר ביסטו לעסביש פאַראַנלאַגט?

— איך ווייס נישט. איך האָב טײלמאָל דעם פּרוּוון־געשלעכט. מיר קו־מען זיי פאָר ווי שוואַכע, נעבעכדיקע מענטשן. איך גלייך מענער. אָבער איך קען זיי נישט ליבן. באמת, טעאָרעטיש האָב איך די פּרוּוון. אָבער אָפּטמאָל ציט מיך צו די פרוי. ווי געפעלט דיר פרייליין ש——ר?

— ש——ר? זי איז אַ סימפּאַטיש, שיין מיידל. שלאַנק ווי אַ גריכיש אינגל. אַן אָפּגעצויגן, דאַר געזיכט. יאָ, זי קען געפעלן. אָבער, זי איז צופיל ענלעך צו אַ אינגל... איך גלייך מיט איר בלויז צו ריידן. אָבער נישט זי צו ליבן....

— און איך רעד מיט איר ווייניק. איינמאָל בין איך מיט איר געשלאָפן און איך בין געווען אַזוי אויפגערעגט. איך ווייס נישט פאַרוואָס. כ'האָב נישט געקענט איינשלאָפן... איר קערפּער האָט מיך געצויגן ווי אַ מאַגנעט... זי האָט אַ וואונדערבאַרן, שלאַנקן, אינגלערישן קערפּער — און טאַקע דערפאַר

אינטערעסירט זי מיך. . . . אָך, אין יענעם אָוונט האָב איך געטראַכט — אָבער דו זאָלסט קיינעם נישט דערציילן וואָס איך דערצייל דיר איצט — ווען איך קען נאָר קושן אירע קליינע, דינע בריסטן . . . זי אַרומנעמען. דו ווייסט, זי איז אַזוי דין. . . . איך קען זי איינשליסן אין מיינע אָרעמס ווי אַ רייף. איך גלויב נישט איך זאָל זיין לעסביש פֿאַראַנלאַגט. . . . אָבער ווי נאָר איך דערזע זי, הויבט מיר אָן צו קלאַפּן דאָס האַרץ. . . . זי אויך האָט מיך גערן. . . . זי פֿאַרגעטערט מיך. . . .

— איצט האָב איך דעם שליסל צו דיין נאַטור. האָסטו געהערט פֿון סאַפֿאָ פֿון לעסבאָס?

— ניין ווער איז דען דאָס?

— אַ וואונדער דו האָסט נישט געהערט פֿון איר . . . דאָס איז אַ גריכישע פּאָעטעסע, וואָס האָט געלעבט אויפֿ'ן אינזל לעסבאָס, אין גריכנלאַנד, מיט דריי טויזנט יאָר צוריק. זי האָט געזונגען צאַרטע, לירישע לידער. איך ווייס נישט פֿון נאָך קיין פּאָעט אָדער פּאָעטעסע אין דער פֿאַרגאַנגענהייט, וואָס זאָל אַזוי שיין, אומעטיק און דעליקאַט זינגען איבער ליבע און בתולה'שאַפֿט, איבער נאַטור און פֿרילינג. . . . זי האָט געהאַט אַ טאַנץ־שולע פֿאַר מיידלעך און אירע מיידלעך האָט זי זייער געליבט. . . . זי פֿלעגט מיט זיי מיאוסע זאַכן טון. . . . אין דאַמאָלסטיקן גריכנלאַנד איז עס נישט געווען קיין אומאָראַלישע זאַך. . . . מענער האָבן זיך געליבט מיט מענער. . . . עס איז געווען אַ דערהאַבענע, עסטעטישע ליבע. . . . סאָקראַטעס און פּלאַטאָ — די איידלסטע פֿילאָזאָפֿן — זיינען געווען האָמאָ־סעקסואַליסטן. . . .

— אינטערעסאַנט!

— איז טאָקע, אָט פֿון דער פֿרוי, סאַפֿאָ פֿון לעסבאָס, שטאַמט דער נאָמען „לעסבישע ליבע", וואָס באַדייטעט ליבע צווישן פֿרוי און פֿרוי. . . .

— פֿילייכט בין איך אַ „לעסביערין"?

— דו שיינסט מיר צו זיין אַזעלכע — און דאָך ליב איך דיך. . . .

— מיינס אַ פֿריינדין, — האָט זי אָנגעהויבן צו דערציילן, — אַ סטודענטקע, האָט מיר דערציילט אַז אין אוניווערזיטעט האָט זי זיך באַקאָנט מיט אַ יונגער פֿריינדין, אַ וואונדערלעך־שיינע, אַ שלאַנקע און דינע, אַזוי ווי פֿריילין ש——ר. זיי האָבן זיך זייער גוט פֿאַרהאַלטן. ווען איר פֿריינדין איז שפּעטער אַוועקגעפֿאָרן קיין וואַרשע, האָט זי איר בלייבנדער פֿריינדין געבעטן איר צו שרייבן בריוו. ביים געזעגנען זיך האָט יענע געוויינט. . . . שפּעטער האָט זי דערהאַלטן טעגלעך ליבעס־בריוו, פֿול מיט צאַרטע אויסדרוקן, אַזוי ווי אַ געליבטער שרייבט צו אַ געליבטע. איר איז געוואָרן עקלהאַפֿט די קאָרעספּאָנדענץ און זי האָט נישט מער געענטפֿערט. דאַן האָט איר די פֿריינדין געשריבן, אַז אויב זי וועט איר

נישט ענטפערן, ווען זי קומען און איר דערשיסן....

— נו, און ווייטער....

— איך בין אוועקגעפאָרן. און מער האָב איך זי נישט געזען. אָבער זי איז געווען אַ מיידל, וועלכע מען קען ליב האָבן....

בשעת זי האָט דאָס געזאָגט, זיינען אירע אויגן פייכט געוואָרן....

— אפשר האָסטו זי אויך ליב געהאַט... דערציייל, זאָג דעם אמת....

זי האָט געשמייכלט.

— האָסט אפשר געזען אַ בילד פון דער „לעסבישער" פריינדין פון וואַרשאַ?

— יאָ, זי האָט מיר געוויזן אַ בילד: ענערגיש און צאַרט, פלאַכן בוזים און דינע פיגור, קורץ־געשווירענע, זיידענע האָר, "אלא גאַרסאָן," פינקלענדע אויגן — אַ יונגער פּרינץ....

— מערקווירדיק! און, האָט איר פריינדין פון אוניווערזיטעט געליבט אַ מאָן אַמאָל?

— ניין, זי איז ערשט געווען זיבעצן יאָר אַלט. זי איז נישט געגאַנגען אַפּט מיט מענער. איין יונגערמאַן, אַ סטודענט, האָט זיך אין איר פאַרליבט. זי האָט אים נישט געליבט. ער איז דאָן באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. זי האָט מיר אַליין דערציילט אַז ער איז געשטאַנען העכער פאַר איר אין כאַראַקטער, קולטור און אין אַלעם....

איך האָב עס צוגעהערט מיט נייגיריקייט. דאָס איז, הייסט עס, דער גורל פון די מענער, וואָס פאַרליבן זיך אין פרויען, וועלכע קענען קיין מענער נישט ליבן... אָבער איך וועל דאָס נישט טון.... איך וועל מוזן זיך דורכברעכן אין דער ליבע און ווערן „אימיון"....

— האָסטו געזען אַ בילד פון איר געליבטן?

— יאָ, ער איז געווען אַזאַ ווי דו, אַ צאַרטער, קרענקלעכער, מיט ווייכע האָר, אומעטיקע אויגן, אַ שלאַנקער, אַ שוואַכער....

פּונקט מיין טיפּ — האָב איך געטראַכט. אָבער ווייט נישט מיין ענדע.

מיר זיינען געגאַנגען איבערן שאָסיי. פון ביידע זייטן האָבן זיך געטור־ליעט און איינגעשרומפּן די בוימער, אין רעגן און אומעט. רויטע בלעטער, מיט שוואַרצע און רויטע פלעקן, ווי איינגעביסן און געקושט פון דער קעניגין־האַרבסט, זיינען געפלויגן אין ווינט, געלעגן אויף דער ערד, אין די זייטן און טיילמאָל דורכפליענדיק אונז געגלעט. דער האַרבסט האָט זיך אָנגעהויבן. עס איז געווען אומעטיק און מעלאַנכאָליש, אַ גרויסער טויט איז דורגעגאַנגען דורך דער נאַטור און געקושט מיט קאַלטע, פייכטע ליפּן אַליץ, אַליץ.... עס איז געווען ווייטיקדיק צו זען ווי אַליץ גוסס'ט, שטאַרבט, אַז האָפנונג ווידעראַמאָל צו דער־

שײנען אויף אַט דעם שײנעם, זוניקן פּלאַנעט פון ליבע און לעבן. . . .

צווישן קרזשאַקעס, אויף אַן אײנזאַמען גרויען שטײן, האָבן מיר זיך בײדע געזעצט, אומעטיקע, צעבראָכענע. מיר האָבן בײדע געהאַט פיבער. גאָלדע איז געווען אײנגעהילט אין אַ געלן רעגנמאַנטל, וואָס האָט דורכגענעצט.

מיר זײנען געזעסן שווײַגנדיק. איך האָב געגאַרט נאָך דער וואַרעמקײט פון איר קערפּער. זי האָט אָנגעהויבן ציטערן פון לײדנשאַפט. זי האָט זיך צו מיר געטוליעט מיט דער צאַרטקײט פון אַ הונט וואָס וויל געגלעט ווערן. אָבער איך האָב געפילט ווי אַ מאָנסטער רירט זיך צו מיר צו. ווי נאָר אָבער כ׳האָב זי אָנגעהויבן קושן און האַלזן, דריקן צו זיך — האָט זי הײסער אויפגעפלאַמט אין לײדנשאַפט, אָבער גלײַכצײַטיק זיך אָנגעהויבן אָפּצורײַסן פון מיר. אין איר איז געווען די לײדנשאַפט פון אַ הונגעריקן מדבר־ספינקס — אָבער נישט אַ מאַן איז געווען איר געווינטשטער פּאַרטנער. איצט וואָלט די פרײַלין ש——ר געווען איר צאַרטער, שלאַנקער קרבן־געליבטער. . . .

די דאָזיקע אינערלעכע רעאַקציע אין איר קערפּער אַנטקעגן מיר, הגם זי האָט זיך צײַטנווײַז ווירקלעך אײַנגעביסן אין מײַן לײַב און צײַטנווײַז קינסטלעך געזוכט עס צו פאַרדעקן, האָט מיך באַלײדיקט, אַזוי, אַז די לײדנשאַפטס־מאָמענטן זײַנען געוואָרן צווישן אונז זעלטענער. איך האָב זי איצט שטאַרקער געליבט, ווי אַ פלאַם ליבט אַן אָקעאַן, ווי די זון ליבט די קאַלטע, שוימיקע כוואַליעס, ווייסנדיק אַז אומהאַלזן זיך מיטן אָקעאַן־געליבטן מײנט איר טויט. . . . דאָס איז אַ שרעקלעכע ליבע. . . . אַ שרעקלעכער פּײַן. . . .

אַנטקעגן אונז, צווישן בוימער און הויכע, ווילדע פלאַנצן, נעבן אַ טײַכל, איז געשטאַנען אַן אַלטער שלאָס, אַ רויט־געפאַרבטער; דער פונדאַמענט איז געווען פון געלע ציגל. אַרום דעם פונדאַמענט איז געשטאַנען אַ שווײַגנדיק וואַסער. דער פּאַלאַץ האָט שוין געמוזט אַלט זײַן אַ סך יאָרן. איצט, אין לײַכטן האַרבסט־רעגן, האָט געדונען און געטרערט פון אים מיט אומעטיקע, בלײַערנע טראָפּנס; די פענצטער זײַנען געווען מידע, קראַנקע, רויטע און פאַרנאַכלעסיקטע, ווי רויטע אויגן פון אַ משוגענעם אַלטן.

די ווענט זײַנען געווען געשפּאָלטען פון ווינט, רעגן, שנײ און שטורם. גע־קושט, געביסן און צעפּרעסן; די רויטקײט איז אַרײַנגעפאַלן אין טונקעלער אַלטקײטס־פאַרב. קײנער האָט זײט הונדערטער יאָרן נישט געוואוינט אין אים. די רויטע בוימער אַרום האָבן זײערע טויטע בלעטער געוואָרפן אין די פענצטער, וועמעס שויבן־שוואַרצאַפּלען זײַנען געווען אויסגעבראָכן אין שטיקער.

— דו ווײסט, גאָלדע — האָב איך איר געזאָגט — דער אַלטער שלאָס דאָ דערמאָנט מיך אין אַ געוויסער אַלטער פרוי פון שטאָט, וועלכע איך זע יעדן טאָג.

— איז אַ פרוי? וואָס פעלט דיר איין? ווי קען אַן אַלטע הויז זיין ענלעך צו אַן אַלטער פרוי?

— פאַרוואָס נישט?

— ווי אַזוי?

— ווען איך זע אַט די אַלטע געביידע, דערמאָן איך זיך די אַלטע אַקטריסע מאַדאַם גאָלדפינגער. דאָס איז אַ שרעקלעכער עלנט! זי האָט געהאַט אַ ברודער אַ גרויסן אַרטיסט און גרינדער פון אידישן טעאַטער. מיט יאָרן צוריק איז זי געווען זייער שיין, האָט געשפּילט אַ סך ליבעס־ראָמאַנען מיט פּרינצן און גענעראַלן אין צאַרישן הויף. דאַן, נאָך דער רעוואָלוציע אין 1917, האָט זי געמוזט אַוועק, ווי אַלע לייזיקע אַריסטאָקראַטן — און איצט פאַרעט זי זיך אַרום דאָ אין שטאָט. זי איז געווען אַמאָל אַ הערלעך־שיינע, זי איז זייער הויך, אומגעוויינלעך־הויך, איר פּנים האָט נאָך אויף זיך שפּורן פון שיינקייט, דאָס איינציקע אָבער וואָס עס איז געבליבן אומבאַרירט פון דער צייט — זיינען אירע רויטע, הערלעך־קעניגלעכע האָר, ציגל־רויטע, געקרויזלטע. ווי נאָר זי צעעפנט אירע האָר — שפּרינגט מען אָפּ אין ציטערניש פאַר איר!

— נו?

— אָבער אין אַלגעמיין איז זי אַ קאַריקאַטור פון אַ פרוי. אָט אַזוי ווי די רויטע, ריזיקע געביידע, וואו יונגע גריכינס האָבן געוואוינט, וואו אין איר יוגנט האָט זיך געגאָסן וויין ווי וואַסער, וואו לאָמפּן האָבן געבליצט און בּאַנאַכט האָט מען געטאַנצט ווי די שדים — אַזוי זעט זי היינט אויס... ביידע האָבן געהאַט אַ דעמאָניש־פריילעכע יוגנט....

— איך פאַרשטיי שוין. דו ביסט גערעכט, פּאָעט! — האָט זי מיט אַ שמייכל צוגעגעבן....

— און מערקווירדיק! ווען איך האָב זי דאָס ערשטע מאָל געזען, האָב איך אויך אין זינען געהאַט אַן אַלטן שלאָס, אַ מיט־שפּינוועבס־גרויען מאַנאַסטיר. און איצט — ווי דורך אַן אויסערגעוויינלעכן צופאַל — האָב איך זי דערזען אָט אין דער פאַרקערפּערונג פון דעם אַלטן שלאָס... די זעלבע רויטקייט, ווי פון אירע לאָקן, אויף די ווענט... דיזעלבע טרויעריקע, טרערנריינענדיקע אויגן, ווי פון דער אַלטער אַקטריסע. די צימערן פון דעם שלאָס — ווי ריזיקע שדים־מיילער — דערציילן פון דער פאַרגאַנגענער גלאָריע... די אַלטע אַקטריסע זיצט אָפּט, אין ווינטער־נעכט, נעבן גליענדיקן אויוון און דערציילט זכרונות פון איר בינע־לעבן....

גאָלדען איז אויסערגעוויינלעך געפעלן דער פאַרגלייך.

— דו ביסט אַ גרויסער פּאָעט! — האָט זי פּלוצלונג אַרויסגערעדט.— דו ביזט מיך ווערט... אָבער....

— וואָס אָבער ?

— אָבער איך בין דיך נישט ווערט. . . .

די ביימער האָבן זיך יעדער ווײַלע אין ווינט צעשאָקלט און אַראָפּגע־טרייסלט די טראָפּנס שווערע. מיר האָבן זיך אויפגעהויבן און גאָלדע האָט געזאָגט:

— איך וואָלט זייער וועלן זען די אַלטע אַקטריסע. מיין מוטער וואָלט איר שיין באַהאַנדלט.

— קענסט זי זען. ווי נאָר עמעץ רעדט צו איר אַ גוט וואָרט, ווערט זי פול מיט סענטימענטן און דינקבאַרקייטס־געפילן. . . .

— אַזוי ?

— יאָ. אָט אַזוי ווי דער ראָמאַנטישער שלאָס דאָ, ווי נאָר די זון שיינט אויף, ווערט ער וואַרם, ווייך, פייכט און צעגייט אין האַרציקע חלומות און דאַנק־באַרקייט. . . .

— ווי שיין ! ווי שיין !

זי האָט מיך באַגלייט צום טראַמוויי.

ס'איז אַנגענעם צו קוקן אין אַ טראַמוויי, צו טראַכטן: אָט, דו בלייבסט דאָ, נעבן גאָלדען מיטן האַרץ — נאָר דער טראַמוויי טראָגט אַוועק דיין קערפּער, דיינע ביינער, דיינע שוואַכקייטן. . . עס דאַכט זיך דיר אַז ער טראָגט פון דיר אַוועק דאָס אַלץ וואָס דו ווילסט נישט האָבן — און דו אַליין ביסט פריי. . . . אָבער ווען דו קומסט אָן און קוקסט אַרויס פון אינעווייניק, באַמערקסטו פּלוצ־לונג, אַז דו נעמסט ווידער מיט דיינע שוואַכקייטן, געפילן, דאַנקען, סענטי־מענטן. . . און די ליבע צו גאָלדען, צו אָט דעם שטיינערנעם ספינקס אין דעם פלאַמענדיקן סאַהאַראַ פון דיין האַרץ. . . .

— שרייב מיר, גאָלדע, אַ בריוו. איך בעט דיך !

— איך וועל דיר שרייבן. דאַרפסט נישט מער קומען צו מיר. אָבער וואָס זאָל איך דיר דען שרייבן ? דו ווייסט דאָך אַלץ. . . .

— ווייזט אויס, אַז דו האָסט טאַקע נישט קיין שום באַציאונג צו מיר. אַז דיין האַרץ איז ליידיק, ווען דו פרעגסט מיך וואָס צו שרייבן.

— אפשר טאַקע אַזוי ?!. . .

זי איז געבליבן שטיין אונטערן רויטן בוים, ווי אונטער אַ ריזיקן שירעם. דער טראַמוויי האָט מיך געטראָגן. די געגנט האָט זיך געוויקט אין וואַסער. די זון האָט — אונטערגייענדיק — אויפגעלויכטן אויף אַ ווײַלע און אָנגעצונדן אין פאָרפורנע פלאַמען די נאַסע פעלדער און וועלדער און צוזאַמען מיט די מע־לאַנכאָלישע פּייזאַזשן האָט מאַט געלויכטן מיין פייכט האַרץ . . .

אייפערזוכט.

זי איז נאָך אַלץ געווען אין מאַריאַבורג. איך האָב זי שטאַרק געוואָלט זען. די גאַנצע וואָך האָב איך זיך אַרומגעדרייט ווי אַ משוגענער. וויפיל וואָלט איך אַוועקגעגעבן פון מיין לעבן זי צו זען.

און — זונטיק אינדערפרי האָב איך גענומען דעם באָס און געפאָרן צו איר. אַ סך מעטשן זיינען געפאָרן צו פּיקניקס, זיך באָדן, צו זייערע פּריינט אין סאַנאַטאָריומס און משוגעים־הייזער. כמעט אַלע האָבן געהאַט אויסדרוקן פון פרייד און צופרידנקייט. בלויז איך בין געווען זייער טרויעריק. איך בין גע־פאָרן אַ נישט־באַגערטער פון גאָלדען. . . .

אין מאַריאַבורג איז איצט שוין געווען שפּעט־האַרבסט. דאָס גאַנצע קור־אָרט האָט זיך געבאָדן אין געלן גאָלד, אין פּוילעכץ און אומעט. עס איז געווען אַזוי שיין ווי אַלץ שטאַרבט אָפּ, ווי די נאַטור ווערט ווידער אַזוי שיין אין וויאַנעט פּונקט ווי זי וואָלט בליען אין אַן אייביקן פרילינג. . . .

גאָלדע איז געשטאַנען ביים פענצטער און אַרויסגעקוקט צו די וועלדער פון גאָלד, ווען איך בין אָנגעקומען. זי האָט מיר שוואַך געענטפערט אויף מיין באַגריסונג. זי איז געווען אָנגעכמורעט און בייז וואָס איך בין געקומען צו איר. פּיליכט אין האַרצן איז זי געווען צופרידן אַז איך בין געקומען, ווערט זי מיך דאָך קענען פּייניקן. . . .

— נו, ווי פילסטו, גאָלדע? ווען פאָרסטו אַהיים? איך האָב אַזוי נאָך דיר געבענקט. . . .

— איך ווייס, איך ווייס אַלץ. אָבער איך פאָר שוין מאָרגן אַהיים. צו וואָס האָסטו זיך אַזוי געאײַלט צו קומען צו מיר? ווי אומגעדולדיק דו ביסט... זי איז געווען בייז . . .

מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף. די זון האָט געשיינט מיט אַ לעצטן זומערדיקן „אַדיע” אין איר פּיבערנדן שיין. הער האַלפּערן — דער זקן — איז צוגעקומען מיט אַ פּעטינקעס שמייכל, ווי ביי אַ כינעזער ווען ער טרוימט און רויכערט. גאָלדע האָט צעשניטן און אָפּגעשיילט אַן עפּל. דאָס מעסער האָט זיך

שאַרף געשניטן אין עפּלס אייזערנעם פליש, דער עפּל האָט פּראָטעסטירט און געשריגן. דאַן האָט זי די שטיקלעך געגעבן דעם אַלטן מאַן, נישט בעטנדיק מיך צו עסן. דער אַלטער מאַן האָט נישט געהאַט קיין ציין און ער האָט ווי אַן אַכ־ציק־יעריקע פרוי געקייעט מיט די יאַסלעס. עס איז געווען אַ רחמנות צו זען ווי ער מאַטערט זיך און וויל ווייזן גאָלדען אַז ער עסט גערן די עפּל. הגם ס׳האָט אים געקאָסט פיל פּיין. . . .

איך בין געווען אויפגערעגט און אייפערזיכטיק. מיר האָט זיך געדאַכט אַז ווען שלאַנגען וויקלען זיך אַרום מיר און שטעכן אין מיינע אָדערן אריין זייערע שרעקלעך־דינע, דעליקאַטע גיפט־שפּיזן, וואָלט מיר נישט אַזוי פיל וויי געטאָן ווי איצט. עס וואָלט נישט געקענט דערשטיקן אין מיר דעם ווילדן שמערץ. איך האָב זיך נישט געפונען קיין אָרט, זיך צוגעקוקט און געזען ווי אַרום זיינען די בייטן מיט בלומען — טויט, פאַרוויאַנעט. די ביימער זיינען געווען דאַר, אָן בלעטער; ביימער אָן בלעטער שעמען זיך, ווי נאַקעטע מיידלעך; אָבער זיי זען אויס ווי זקנים. . . אָן פאַרבן, אָן אויגן, אָן ציין, אָן בליענדיקע ליפּן.

אַ הונט איז געווען אין הויף, אַ געלער און גרויסער, ווי אַ ריזיקער מאַן. זי האָט אים צייטנווייז גערופן, ער האָט איר אָנגעקוקט מיט זיינע צאַרטע, גע־טרייע, אונטערלעקערישע אויגן און זי האָט אים געגלעט מיט דער רונדער, ראָזער האַנט. איך בין איצט געווען אייפערזיכטיק אויפן זקן, אויפן הונט און געטראַכט: אַט זיצט נעבן איר אַ מאַן וואָס ווערט פאַרברענט פון ליבע, וואָס ווערט אַזוי ביטער געפייניקט — און פאַר איר עקזיסטירט ער נישט . . . זי האָט פאַר מיר נישט געהאַט קיין בליק פון צערטלעכקייט, קיין פריינד־וואָרט, אַפילו נישט קיין בייזן וואָרט, איך בין נישט געווען אויף דער ערד פאַר איר. . . .

דער דיקער פרוי׳ס אַ אינגל, פון אַ יאָר צוועלף, איז אַרויסגעקומען אין גאָרטן. גאָלדע האָט אים מיט פרייד דערזען און אים דערלאַנגט שטיקלעך עפּל, וועלכע ער האָט נישט גערן געגעסן, דען פאַר אים האָבן נישט געהאַט די ראָזע הענט, וואָס האָבן מיטן שאַרפן מעסער געשניטן; די עפּל, קיין סעקסועלן, מאַגישן צויבער. .. זי האָט אים כסדר געגעבן שטיקלעך עפּל, זיך באַמיט צו זיין פריינט־לעך צו אים, כדי ער זאָל אַלץ עסן וואָס זי דערלאַנגט אים. איך בין איבערצייגט אַז זי האָט דעם אַלטן מאַן און דעם אינגל פּונקט אַזוי געליבט ווי דעם הונט „ראָבערט״. . . נאָר אַלץ האָט איר געדינט מיך צו פייניקן מיט גהינום׳דיקע פיינען. אַ פרוי שפּילט כסדר אַן אַרטיסטישע ראָלע, אַפילו ווען עס דאַכט זיך אַז זי איז אינגאַנצן פּשוט.

זי האָט געטראָגן אַ קרעפּע־שוואַרץ קלייד. איך האָב זיך דערמאָנט אַ קליינע סצענע, וועלכע איז גרויס און שווידערלעך אין איר גרויזאַמקייט. —

מיט יאָרן צוריק האָב איך נאָך אַלס קליין אינגל באַמערקט ווי אַ שפּין, אַ גרויסע, שווערע, שוואַרצע שפּין, מיט שרעקלעכע פיס און הענט, האָט געדולדיק אָפּגעוואַרט אַ זיך־דערנענטערנדיקן ראָפּ־שלענגל, וואָס האָט נישט חושד זייענדיק אין גאָרנישט זיך פאַרשפּלאָנטערט אין דעם שאַרפן שפּינוועבס. דאָס שלענגל האָט זיך געוואָלט מיט די קורצע פיסלעך אָפּטשעפּען און צוריק אַרויסדרייען זיך. דער שפּינוועבס האָט זיך אָבער ווי צולהכעיס אַרומגעוויקלט אַרום זיין קערפּערל. עס האָט זיך געראַנגלט און אַלץ טיפער, שרעקלעכער זיך פאַרפּלאָנטערט. קיין שום הילף איז שוין נישט מעגלעך געווען. . . .

די גאַנצע צייט האָט זיך די צינישע שפּין צוגעקוקט צום שרעקלעכן שפּיל, פאַר איר איז עס געווען אַזאַ פאַרגעניגן ווי פאַר די אַלטע רוימער צו זען די גלאַדיאַטאָרן קעמפן מיט צערייצטע לייבן און לעמפּערטען, אָדער פאַר אַ פרוי צו זען ווי איר געליבטער הענגט אויף דער זיידענער תליה פון איר האַרץ. . . און ליידנדיק פאַרדרייט ער זיך אַלץ טיפער אין די דינע געוועבן פון דער פרוויאישער נעץ־אויסשטראַלונג. . . .

ווען דאָס שלענגל איז שוין געווען גוט פאַרשפּיליעט און פאַרשפּינט אינם שפּינוועבס, האָט זיך טריומפאַל די צעזאַר־שפּין דערנענטערט צו איר קרבן. די שרעק פונם קרבן, אַז עס איז נישט געטויטעט געוואָרן פונם זען דעם שפּינס מאַרש — איז מיר אונדערקלערלעך ; נאָר דער דראַנג צום לעבן דערקלערט דאָס נישט געטויטעט ווערן פון די שלאַנגנדיקע קלעפּ פון שרעק. . . .

די שפּין איז צו צום שלענגל און עס אָנגעהויבן באַרירן מיט די מעסערפיס; דאָס שלענגל האָט מיטן אַנדערן האַלבן קערפּערל, דורך די קייטן פון שפּינוועבס געבונדן, צוריקגעשלאָגן דעם שוואַרצן שונא. אָבער צוריקשלאָגנדיק, האָט עס זיך אַלץ מער און מער פאַרפּלאָנטערט — ביז עס איז געבליבן אָן כוחות.

די שפּין איז יעדעס מאָל צוריקגעטראָטן און זיגעריש אָפּגעוואַרט. ערשט ווען דאָס שלענגל איז שוין געווען געבונדן און פאַרמאַטערט, איז די שפּין צו און עס פירכטערלעך געשלאָגן מיט די שוואַרצע הענט. דאַן עס געצויגן צו זיך, העכער, העכער, אין צענטראַלן פּאַלאַץ, וואו זי וואוינט, און רואיק, שטייענדיק איבערן קערפּערל, אים געזויגן און געפרעסן. . . .

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אָט דאָס זעלבע האָב איך געפילט. איך בין געווען בייז און אויפגערעגט. איך האָב זי אָנגעקוקט און געזען ווי אין איר אַרבעט אַלץ כדי מיך צו באַליידיקן און פאַרוואונדן. . . .

דערנאָך זיינען מיר געגאַנגען שפּאַצירן איבערן האַרבסטיקן וועג אין דאָרף.

מיר האָבן ווייניק גערעדט. עס איז אָנגעקומען אַ באָס, איך בין אַריינגעשטיגן, נישט־געזעגנענדיק זיך מיט איר . . . איך בין געווען איין גרויס שטיק ווייטיק.

אויפן וועג האָב איך געטראַכט, אַז דער אַלטער מאַן גלעט זי און קושט זי איצט. איך האָב די אַנדערע פּאַסאַזשירן אין וואַגאָן נישט באַמערקט. מיר האָט זיך איצט אויסגעוויזן דער הימל ווי איין קאָלאָסאַלע נעץ פון גרויע, אומעטיקע שפּינוועבס, די וואָלקנס — קנוילן מיט שפּינוועבס און דאָרטן אינמיטן, ווי דער גרויסער שפּין, איבער׳ן ריזיקן קערפּער פון דער מענטשהייט — זיצט גאָט, דער גרעסטער שפּין פון אוניווערס. . . .

עס איז געוואָרן נאַכט. אַ שטורם האָט זיך אויפגעהויבן און מיט בליץ און רעגן דורכגעריטן די ערד, ווי אַ מחנה רויטע העלדן אויף שוואַרצע פערד, אין בלישטשענדיקע פּאַנצערס. די לאַנטערנעס האָבן זיך אָנגעצונדן ווי גאָלדענע, ריזיקע ווערם, אין רעגן, קריכנדיק אין נעפּל און דינעם רעגן; ספּעקטאַקל.

איך בין אַריינגעגאַנגען אין מיין צימערל. אין די נאַסע קליידער איינגעשלאָפן אויפן בעט — און די וויזיע ווי דער אַלטער קושט דעם נאַקעטן קערפּער פון גאָלדען האָט מיך געשטאָכן אין אַלע אָדערן. נאָר אָט רייסט זי זיך אָפּ פון אים, אירע רויטע לאָקן פלאַטערן ווי די לאָקן פון דער לאָרעליי־שפּין, וועלכע קריכט אויפן פעלזן צו פאַרנאַרן די לעגענדאַרע פישערס. . . . אַ שרעקלעכע שפּין מיט גאָלדענע לאָקן און הערלעכע בריסטן און גרינע, שאַרפע, קינזשאַליקע אויגן; זי גרייפט מיין דינעם קערפּער, ווי דאָס שלענגל, ציט מיך צו זיך, איך שטעל נישט קיין ווידערשטאַנד, איך וויל געפרעסן ווערן פון איר, זי בייסט איין איר רויט מויל אין מיין ליב, בייסט, פרעסט, ציט דאָס בלוט ווי אַ וואַמפּירין. איך פיל אַז מיין נשמה גייט אין איר איבער, אָט בין איך ליגנדיק אין איר האַרץ, זי טרינקט און פרעסט מיך איבער, דרוקט מיך פעסטער צו זיך — דאָן, פּלוצלונג וואַרפט זי מיך אַוועק, איך בלייב ליגן אַ נאַקעטער, מיט וואונדן פון אירע קושן, אָן אַ שיעור קושן, אָן אַ שיעור וואונדן, בלוטלאָז, לעבנסלאָז, טרוימלאָז, ליבעלאָז, נאַקעט — — — — און זי, מיט אַ גרויסן בויך, אַ הייסע, רויטע, גאָלדענע, קריכט צוריק צום אַלטן מאַן, גלעט אים, קושט זיך מיט אים, האַלזט זיך, נעמט אים אַרום מיט אירע אָרעמס ווי דער שרעקלעכער טינט־פיש אויפן ים־אָפּגרונט, טויטעט ליבנדיק דעם אַלטן און — אויפן הימל קריכן אַרום די בריליאַנטענע שפּינען, קריכן און פאַרוואונדן און צעקראַצן מיט די דינע, שפּיציקע פיס דעם צאַרטן, בלויען הימל און בלוט רינט פון אַלע וואונדן... און איך זע ווידער די ריזיקע שפּין־פרוי מיט גאָלדענע לאָקן און רויטע, מאַניקירטע נעגל, ווי שפּיזן, מיך אויפפרעסנדיק. — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין דער פרי בין איך אויפגעקומען ווי דאַנטע, נאָך דער וויזיע־רייזע אין גיהנום, בלייך, שוואַך, בלוטלאָז, פאַרפּייניקט, פאַרטשאַדעט. . . .

פולקאָמענע נאַטורן.

איך האָב זיך אָנגעהויבן באַטראַכטן ווי עפּעס אַ גרויסער פּלאַם, וואָס איז אָנגעצונדן געוואָרן דורך אַ פרוי. איך האָב זיך דערמאָנט אין די גרויסע ווערק, וואָס זיינען אַנטשטאַנען אַ דאַנק גרויסע ליבעס. מיט שרעק האָב איך געטראַכט אַז עס מוז קומען דער טאָג, ווען גאָלדע וועט אַוועק פון מיר. דאָס האָט מיר אויסגעוויזן צו זיין אַזוי שרעקלעך, אַז איך וועל עס נישט קענען אויסהאַלטען און מוזן באַגיין זעלבסטמאָרד. . . . אָבער איינצייטיק מיט דער גרויסער ליבע און באַגער צו גאָלדען, איז אין מיר אַנטשטאַנען יענער קאָסמישער געוועזער קעגן איר; דער געוועזער פון פולקאָמענקייט און פון אַזאַ פייער, וועלכע זייענדיק אַ פּראָדוקט פון דער ליבע, באַזיגט אַפילו די ליבע אַליין. איך האָב זיך פאַרטיפט אין די ווינקלען פון מיין נשמה און באַמערקט, אַז איך בין פריער געווען אַ מאַטער, שוואַרצער, פינסטערער, פאַרגליווערטער כאַאָס — און איצט איז אין דעם כאַאָס געוואָרן לעבן און זון. אַ גרויס ליכט — די אויסשטראַלונג פון אַ פרוי — האָט פאַרוואַנדלט דעם כאַאָס אין אָרדנונג, און סיסטעם, אין אַ פּלאַנעט. מיט דער שטייגערונג פון דער ליבע צו איר, איז אויך געשטיגן די גרויסע שיינקייט, דאָס זוניקע אין מיר און איך האָב אָפּט צו זיך געטראַכט און געזאָגט:

„איך וויל נישט דערלעבן דעם אָוונט ווען כ'וועל זיך נישט קענען מער זען מיט גאָלדען. אָבער אויב זי וועט אַוועק — וועט זי קיינמאָל שוין נישט קענען מיטנעמען דאָס, וואָס זי האָט געלאָזן אין מיר. איך בין געוואָרן רייף און קלוג, טיף־בליקנד און אַפילו פאַרוואונדערט איבער דער מעכטיקער קראַפט פון דער ליבע. ניין, אומבאַוואוסטזיניק איז זי אַריין אין מיין וועזן און געבראַכט אָרדנונג אין דעם כאַאָס. אומבאַוואוסטזיניק.ווירקלעך נישט וויסנדיק אירע קוואַליטעטן אין זייער ווירקונג פון אַ מאַגישער קראַפט, האָט זי אָנגעצונדן אין מיר די פענער פון ליבע און פונקט אַזוי אומבאַוואוסטזיניק וועט זי אַוועקגיין, נישט וויסנדיק אַז זי נעמט בלויז מיט זיך אַליין, זיך, דעם קערפּער צו וועלכן עס בענקט אין מיר צו איר דאָס ריינע געזעץ פון דער נאַטור: די סעקסואַליטעט. זי וועט אָבער נישט קענען מיטנעמען איך גייסטיקע געשטאַלט פון מיר. פאַרקערט,

איר אַוועקגיין וועט נישט זיין פאַרניכטנדיק פאַר מיר — נאָר וועט אַלץ ווייטער און ווייטער מיך לייטערן, אָנצינדן אין מיר די גרויסע ליבע, נערן איר מיט אומזעבאַרע קרוגן אויל און דער כּאָאָס וועט זיין אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגנהייט.״

אָט ווי איך האָב געטראַכט און געפילט. איך האָב געוואוסט, אַז איך לייד זייער שטאַרק, ווייל איך בין נאָך אין באַזיץ פון יענע כּוחות, וועלכע ווילן זי באַזיצן. די נאַטור באַשאַפט אין אונז אַלע מעגלעכע פאַנטאַזיעס און אילוזיעס, כּדי צו פאַרהילן איר געהיימען מיין און צו פערשטאַרקן אירע צילן, די סעק־סועלע . . . אָבער מיר, מענטשען, נאַרן אויך אָפטמאָל אָפּ דער נאַטור, נעמענדיק ביי איר די הערלעכע, פּראָדוקטיווע אילוזיעס און זיי באַהאַלטנדיק ביי זיך, זיי נערנדיק ווייטער, בשעת די ריין סעקסועלע „פאַראַטן״ מיר. . . .

אין מיר האָט זיך אַלץ געוועקט און געלייטערט. גאָלדע האָט נישט געוואוסט דערפון. זי האָט געמיינט אַז איך בין כּסדר אַ שקלאַף נאָך פון איר קערפּער. זי האָט געמיינט אַז נאָר זי אַליין הערשט איבער מיר. זי האָט נישט געוואוסט אַז אַלס פּראָדוקט פון דער דאָזיקער ליבע, פונם דראַנג צו איר פּערזאָן, שטראַלט אויף אין מיר אַזאַ ריזיקע זון, וואָס שיינט שוין און וועט שוין שיינען און באַ־גיסן דעם פּלאַנעטאַרן כּאָאָס מיט קאָסמישן ליכט. . . .

* * *

אין אָוונט האָט זי באַדאַרפן קומען צו מיר, אויף דער פאָדערונג פון מיין בריוול, וואָס זי האָט נעכטן אָפּגענומען. איך האָב געוואַרט אויף איר אין מיין קליינער מאַנסאַרדע. ווידער האָט שטאַרק גערעגנט. ס׳איז געווען אַזוי אומעטיק. אָבער איך בין געווען איצט, און דעם גאַנצן טאָג, אין דרוקעריי, ביי דער אַרבעט, אויסערגעוויינלעך באַרואיקט און צופרידן, זיך נערנדיק מיטן האָניק פון דעם גרויסן ליבע־בינשטאָק וואָס איז געבוירן געוואָרן אין מיר.

ענדלעך איז זי אָנגעקומען. אין אַ שוואַרצן מאַנטל, אומעטיק און בלייך, ווי געצוואונגען.

— גוטן אָוונט, גאָלדע!

— גוטן אָוונט. קען איך אפשר זיצן אין דיין צימערל? איך וויל שטאַרק רויכערן.

— עס טוט מיר זייער לייד. איך וואָלט עס זייער געוואָלט טון, נאָר די אַלטע באַלעבאָסטע האָט מיר געזאָגט, אַז זי דערלויבט נישט איך זאָל אַרויפ־נעמען מיידלעך צו זיך אין צימער. מיר וועלן בעסער גיין אין אַ קאַפע.

זי איז געווען בייז.

— נו, גוט!

מיר זיינען אַריין אין קליינעם שטאָטס־פּאַרק, וואו עס פלעגן געוויינלעך

אין די פרילינגס־און־זומער־טעג זיצן אַלטע זקנים, וואָס האָבן זיך געוואַרעמט אויף דער זון, גאַסן־פרויען וועלכע פלעגן דרימלען אויף די גרינע בענק נאָך די מידע נעכט, אַלטע פרויען פלעגן שטריקן זאָקן, מיט האַלב־בלינדע אויגן קוקנדיק אויף די פאַרבייגייער. געוויינלעך פלעגן דאָ אויך זיצן אין די הייסע יוני־טעג, נעבן קינדער, גרינעם וואַסער — די אַרבעטסלאָזע, יונגע מענער און מיידלעך. אויסערדעם פלעגן דינסטמיידלעך היטן זייערע וואָזיקלעך מיט קינדערלעך קליינע, ווי געלע לאַלקעס. עס איז געווען דער פּאַרק פון די אָרימע.

זומערצייט איז דער פּאַרק געווען זייער שיין, קליין און ציכטיק. די אַלייען זיינען געווען קעניגלעך־שיינע, שאָטנדיקע; דאָס וואַסער איז געווען איינגעפּאַסט אינמיטן פּאַרק ווי אַ גרינער אַמעטיסט אין אַ גאָלדענעם רינג; פאַרנאַכט־צו פלעגן פאַרליבטע פּאָרלעך רודערן אין קליינע גאָנדאָלן אויפן קילן, לייכט־כוואַליענדיקן וואַסער, ביז דער אָוונט פלעגט צופאַלן און צודעקן אַלץ מיט בלוי־לעכע פליגל. . . .

אין אַלגעמיין האָט דער פּאַרק אויסגעזען ווי אַ קונסטווערק. געשניטן פון אַ הערלעכן קינסטלער, וואָס האָט מאָס און חוש פאַר אָרדנונג און סימעטריע. עס האָט אויסגעזען ווי דער פּאַרק וואָלט זיין אַ טרוים פון באַדלערן, דעם פּאָעט וועמענס אידעאַל איז געווען אַן אומבאַוועגליכע וועלט, סימעטריש, פּיר־קאַנטיק, שאָטנדיק, שווייגנדיק, ווי פון מעטאַל, שאַרף געשניטן. . . איך האָב ליב געהאַט אָט דעם פּאַרק וואָס האָט אויסגעזען ווי פון גרינעם שטאָל און ראָזן מעש. . . אין הארבסט צייט פלעגט דער פּאַרק אויסזען ווי איין קופּערנער פּייסאַזש, אומעטיק און געל, מיט אַ מאַטע, לעבלאָזע זון באַלויכטן — אַ זון, ווי אַ פּאָס געלע פאַרב. . . .

איצט האָט גערעגנט. מיר זיינען געגאַנגען איבער די ליימיקע אַלייען. אין אַ ווילע זיינען מיר אַריין אין אַ קאַפע, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין אַן אָפּטיילונג פון גן־עדן אויף דער ערד. העל־צעלויכטענע קאַנדעלאַבערס, מלאכים׳־שע מיידלעך מיט רויטע לאָקן.

מיר האָבן זיך געזעצט נעבן אַ טישל. גאָלדע האָט געהאַלטן אַ בוך.

— וואָס פאַר אַ בוך האָסטו, גאָלדע ?

— „די ליידן פון יונגן ווערטער.״ קענסטו עס ?

— יאָ, פאַרוואָס לייענסטו עס ערשט איצט?

— איך האָב עס גענומען פאַר דיר. דו ביסט דאָך אַצינד דער „יונגער ווערטער.״ . . .

— ניין, גאָלדע. האָסט אַ טעות. איך בין שוין איצט געטע !

— וואָס הייסט דאָס ? געטע האָט געשריבן דעם „יונגן ווערטער״.

— געטע האט געשריבן דעם יונגן ווערטער ווען ער איז אליין געווען אזוי יונג און אזוי טראגיש. ווען ער האט אליין געוואלט באגיין זעלבסטמארד. אבער אין געטע'ן־ווערטער'ן איז געבוירן געווארן יענער געפיל וואס איז א פראָ־דוקט פון דער ליבע און דאך שיצט זי פאר די פיילן פון דער ליבע: דאס קאס־מישע געפיל. . . .

— דאס איז פילאזאפיע. איך הויב עס נישט אן צו פארשטיין. וואס איז געטע פון „ווערטער" און געטע אין אלגעמיין ?

— אט, האסט ריכטיק געשטעלט די פראגע. זייער וויכטיק. איך בין גרייט דיר צו ענטפערן. אבער נישט אזוי קורץ און שנעל.

— נו, רעד, רעד וויפיל דו ווילסט. איך וועל זיך באמיען דיך צו הערן.

— די גאטהייט, אדער די נאטור, דריקט זיך אויפן פרעכטיקסטן אופן אויס אין זשעני, אין מענטשלעכן געניוס. דער געניוס איז א געוויסע זייט פון א באגאבטן מענטשן, וואס איז אויף אלע אנדערע געביטן און קענטענישן באַ־גרענעצט. דערפאר זיינען די דאזיקע אלע פעלנדע געביטן פארקערפערט אינם איין־זייטיקן געניוס, וואס איז ס'רוב שיין, טראגיש, אומגליקלעך, ווייל ער קען נישט שלום מאכן מיט דער ערד, ווייל אים ציט צו די הימלען. אזעלכע טראגישע נאטורן, וועלכע זיינען קינדער פון דער ערד — אבער ז'אך ציען זיי צו לעבן אין פייער, אין שוים פון דער זון אדער ווענוס, זיינען געווען א סך. איך וועל אויסרעכענען אזעלכע פאעטן און פילאזאפן ווי נאוואליס, קיטס, שעלי, בייראן, ניטשע, העלדערלין, סלאוואצקי, פעטיעפי, רעמבא, באדלער, ווערלען, פראנסוא ווילאן, סטענדאל, מאריע באשקירצעף, רעמבראנדט, גאגען, וואן גאג און הונ־דערטער אנדערע געניאלע קינדער־שטערן, וועלכע זיינען אוועק פון לעבן מיט קללות אויף די ליפן. זייער זשעני איז אין קעגנזאץ צום רעאלן, ניכטערן, קליינלעכן לעבן אויף דער ערד. . . דו פארשטייסט, גאלדע, איך וויל דו זאלסט פארשטיין.

— איך פארשטיי אלץ, רעד, רעד!

די מיידלעך פון דער קאפע און די געסט אין זאל האבן אויף אונז כסדר געקוקט מיט פארוואונדערונג. זיי איז פרעמד געווען אזא פארליבט פארל, וואס רעדט גאר וועגן הויכע פראבלעמען . . .

— איז, הער־זשע! לויט מיין מיינונג, האט די נאטור ארויסגעבראכט בלויז דריי איינצלנע גרויסע מענטשן, וועלכע זיינען אין זייער טראגיק דערגאנ־גען אזוי הויך, צו אזא געוואלטיקער טראגיק און פארצווייפלונג, ביז זיי האבן דערגרייכט צו די געטער און זיינען אליין געווארן געטער. דאס זיינען די דריי איינציגע מענטשן אין וועלכע די טראגיק האט זיך פארוואנדלט אין זייער

קעגנזאַץ: אָרדנונג, פרייד, רואיקייט.

— מיט וואָס זיינען די מענטשן געווען געטער, און וועלכע זיינען זיי?

— כאַפּ נישט, גאָלדע! דו מוזט האָבן געדולד! ליידן און טראַגעדיע זיינען מענטשלעכע אייגנשאַפטן און צייכנס פון טיפער מענטשלעכקייט. וואָס טיפער ער ליידעט אין פאַרצווייפלונג — אַלץ נענטער צו די הימלען. אָבער רואיקייט, פולקאָמענקייט, אַלוויסן און אַלצקענען, העכסטע פרייד וואָס איז נישט קיין אויסברוך פון מענטשלעכע פריילעכקייט — נאָר פאַרגליווערטע רו, ווי פון מאַרמאָר — דאָס איז געטלעך! און די דריי מענטשן, וועלכע זיינען געוואָרן געטער אַ דאַנק דער אַלקלוגהייט און אַלרואיקייט — זיינען געטע, דאַ־ווינטשי און שפּינאָזאַ. טאַקע געטע, דער אויטאָר פונם „יונגן ווערטערס ליידן.״

— ווי אינטערעסאַנט עס איז!

— שלאָג מיך נישט איבער. אין דאַ־ווינטשי האָט זיך די נאַטור אויסגעדרוקט, שאַפנדיק דעם געניוס פונם אַלוויסן און אַלצקענען. ממש ווי גאָט אַליין וואָלט אים פאַרטרויט אַלע סודות. דאַ־ווינטשי איז דער מאַן פון גרויסן רענעסאַנס — דער געוואַלטיקער מאַן וואָס קען נאָר איין דעוויז: שאַפן. פאַר אים איז דאָס שאַפן דער ציל און דאָס לעבן, הגם נישט שטענדיק באַפרידיקט עס אים. נישט שטענדיק איז ער צופרידן. דאַ־ווינטשי בלייבט אַן אומעטיקער מאַן. זיין זעלטן־שיינער, קלוגער שמייכל פאַרראַט דעם אומעט אין זיין נשמה. ער איז ווי אַ שטורם, וואָס דערוואַכט. ער איז אויף יעדן געביט — געניאַל. ער איז נישט אַליין דער געניאַלער, צאַרטער, סימפּאַטישער מאַלער פון דעם „הייליקן מאָלצייט״. ער איז נישט אַליין דער ריזיקער סקולפּטאָר וואָס גיסט מעכטיקע מאָנומענטן פאַר רומרייכע פירשטן. ער איז נישט אַליין דער מאַן־געניוס פון ערשטן פלי־פּלאַן, דער פאָטער פון מאָדערנעם עראָפּלאַן. ער איז נישט אַליין דער ערשטער גרויסער אַנאַטאָמיסט, דער גרויסער מאַטעמאַטיקער, דער געניאַלער מעכאַניקער, דער הערלעכער מוזיקאַנט, דער פיינער, צאַרטער דיכטער, דער קלוגער פילאָזאָף. ער איז דער מאַן פון גרויסער רואיקייט, פון מאָנומענטאַלער גרויסקייט. אין אים דריקט זיך צום ערשטן מאָל די נאַטור אויס אַזוי גראַנדיעז. עס איז ווי נאָכן טויזנט יאָריקן מיטלאַלטערלעכן שווייגן און רעגרעס וואָלט פּלוצלונג דער רענעסאַנס זיך אַ וואָרף געטאָן אויף איין מענטשן און אים אָנגעוואָרפן אַזוי פיל אויפגאַבעס, נישט האָבנדיק קיין אַנדערע זיי רואיק צו פאַרטיילן. ער האָט די דאָזיקע אויפגאַבעס גלענצנד אויסגעפירט און אַרויס דער גרויסער, גראַנדיעזער מענטשנזיגער. אַ ריזיקער פּלאַנעט, וואָס שמייכלט אומעטיק צו אַלץ און אויף אַלץ. ער דערקענט די אייביקע נאַטור־געזעצן. ער קען זיי בלויז אַנטדעקן—אָבער ניש ענדערן.

— דאָס איז שיין!

— אויפן פּאַן פון געוואַלטיקן רענעסאַנס־אוניווערס גייט אויף די דאָזיקע העראָישע זון: לעאָנאַרדאָ דאַ־ווינטשי! נישטאָ אין זײַן ברוסט קיין פּלאַץ פאַר טראַגעדיע! ער קען, ווייסט, פילט, פאַרשטייט אַלץ. ער פאַרשטייט אַפילו די טראַגעדיע! - דערמיט טויטעט ער איר אין זיך! ער איז דער ערשטער פּולקאָ־מענער מאַן וואָס שמייכלט צום קאָסמאָס מיטן אַלווייסנדן, אַלצקלוגן שמייכל....

— ווי שיין דו רעדסט. איך וואָלט וועלן זײַן אַזוי באַגאַבט ווי דו! איך האָב איצט אַ ריזיקע פאַרשטעלונג פון דער קאָסמישער געשטאַלט „דאַ ווינטשי". נו, און מיט וואָס איז אַ גאָט — שפּינאָזאַ?

אירע אויגען האָבן געגלאַנצט מיט אַ פייער וואָס מען איז געוואוינט געוויינ־לעך צו זען אין די בילדער פון בעטאָווען, ווערענס אויגן זײַנען צוויי ריזיקע שטורקאַצן .איר געזיכט האָט געפלאַמט. מוזיק האָט כסדר געשפּילט. איך בין געווען פאַרשווייצט און זיך אַרײַנלאָזנדיק אין די וועלטן פון גייסטיקער קראַפט, האָב איך אײַנגאַנצן פאַרגעסן אַז איך בין אַ שוואַכער, נעבעכדיקער קרבן פון אָט דער הערלעכער פרוי, וואָס זיצט נעבן מיר און באַוואונדערט מײַן גייסט, בשעת אַלץ אין מיר איז געבוירן געוואָרן אויס באַוואונדערונג און מאַגנעטישער קראַפט פון און צו איר קערפּער . . .

, אין שפּינאָזאַ'ן האָט זיך די נאַטור פאַרקעפּערט אַלס דעם גרעסטן און טיפסטן פילאָזאָף פון אַלע צייטן. זײַן לעבן איז אין אײַנקלאַנג מיט זײַן ווערק. זײַן ווערק איז געבויט לויט יענעם סיסטעם, מיט יענער קלאָרקייט און געזעצמע־סיקייט, טורם אויף טורם, טרעפּ אויף טרעפּ, לויט די אַלגעמיינע רעגעלן פון דעם אוניווערס. ער האָט זיך געשאַפן אַן אוניווערס. און זײַן לעבן — עס איז דאָס לעבן פון אַ גאָט.

— פון וואַנען ווייס מען פון זײַן לעבן?

— דאָס איז ווירקלעך אַ שווערע פראַגע. וואָס קענען מיר מ'שטיינס גע־זאָגט וויסן פון זײַן לעבן? דער דאָזיקער מאַן, אין זײַן גרויסער באַשיידנקייט, האָט בעהאַלטן אַלץ וואָס קען דערציילן וועגן אים אַליין. ער איז זײַן גאַנץ לעבן אַוועק פון זיך, פון זײַנע פּערזענלעכע אינטערעסן — און געשאַפן די "עטיק", אַ ווערק וועגן דעם אוניווערס. אָבער — קעגן זײַן אייגענעם ווילן, בלויז דיקטירט פון זײַן זשעני, — האָט ער זיך פאַרבאָרגן און פאַראייביקט אין דאָזיקן מעכטיקן אוניווערס.

— ווי אַזוי?

— אַזוי ווי גאָט אַנטפּלעקט זיך אין דער נאַטור, אַזוי אַנטפּלעקט זיך שפּי־נאָזאַ אין זײַן ווערק. ער האָט דערבײַ געאַרבעט אין משך פון לאַנגע יאָרן, קרענקענדיק און קעמפנדיק מיט זײַן שווינדזוכט־קראַנקהייט איבער צוואַנציק

יאָר. אין ביטערן ווייטיק איז ביי אים געבוירן געוואָרן דאָס דאָזיקע ווערק, אין וועלכן עס איז נישטאָ קיין סימן פון זיין פערזענלעכער פיין. אין געוואַלטיקן דראַנג צו דערזען דאָס אוניווערסאַלע, איז ביי אים געבוירן געוואָרן דאָס גרעס־סטע און טיפסטע ווערק פון אַלע צייטן.

גאָלדעס אויגן האָבן געבליצט. זי איז געווען וואונדערשיין איצט, ווי אַ פלאַם־רויז. אַלץ אין איר האָט געשטראַלט. זי האָט אָבער נישט אין זין געהאַט אַז די אַלע געדאַנקען זיינען פּראָדוקטן פון דעם פייער, וואָס איז אָנגעצונדן גע־וואָרן אין איר דורך מיר, זי האָט נישט געוואוסט אַז די געדאַנקען וועגן די דריי געניוסעס זיינען געבוירן געוואָרן אין ריזיקן דראַנג צו זיין אַליין פולקאָם, צו נעמען ביישפּילן פון יענע פולקאָמענע מענטשן און צו פאַרוואַנדלען די ליבע צו מיר אין אַ נאַטור־געזעץ, וואָס האַלט מיך פאַר אַ ווילע אין צוואַנג, כדי מיך צו עקספּלואַטירן פאַרן פאַרטפלאַנצונגס־דראַנג — אָבער וועלכעס איך האָב באַוויזן צו עקספּלואַטירן פאַר מיר.

אין קאָפּע זיינען געוואָרן ווייניקער געסט. די לאָמפּן האָבן מאַט געלויכטן. קליינע, בראָנזענע שמעטערלינגען זיינען אַרומגעפלויגן אַרום די אַבאַזשורן פון רויטע גלאָז.

— מיט וואָס איז זיין ווערק „עטיק" אַזוי טיף? — האָט גאָלדע געפרעגט נאָך אַ לענגערער פּאַוזע פון ענטוזיאַזם.

— איך וועל דיר פּרואוון אין עטלעכע גרינטלעכע טעזן צו דערציילן וועגן דעם ווערק.

— דערצייל!

— אָט זיינען אַ ריי טעזן פון אָט דעם ווערק, וועלכע זיינען פאָלגנדע:

1) ניט קיין מאַטעריעלע, ניט קיין גייסטיקע—זאַנדערן אַלע זאַכן זיינען צו־זאַמען די גרויסע וועלט—און די גרויסע וועלט מיינט גאָט. „גאָט אָדער די נאַ־טור".

2) דער מענטש איז אַן ענדלעכע מאָדולאַציע אין דער אומענדלעכער סובּ־סטאַנץ, ווי ענדלעכע כוואַליעס אין אומענדלעכן ים. ער האָט נישט קיין גרעסערן ווערט און יחוס ווי אַלע איבעריקע זאַכן אין דער נאַטור. ער האָט ניט קיין פריי־ען ווילן, ווי דער געוואָרפענער שטיין האָט נישט קיין פרייען ווילן, פליענדיק אין דער לופט מיט דער אינערציע־קראַפט.

3) די נאַטור איז נישט צוליב דעם מענטש ווי דער ים איז נישט צוליב די כוואַליעס. אין רעלאַציע צום אוניווערזיום, צו גאָט—איז דער מאַן אומענד־לעך. בלויז אַלס מענטש, אַלס איינצעלנע מאָדולאַציע—ענדלעך.

4) די נאַטור ווערט באַהערשט דורך אייביקע געזעצן, נישט קוקנדיק אויף

דעם צי איינצעלנע ליידן אדער נישט. עס קענען אויך נישט געשען קיין נסים. נסים גייען נישט אריין אין די געזעצן פון דער נאטור. זיי זיינען קעגן די גע־זעצן פון דער נאטור.

אויב א מענטש פארשטייט אלזא אז ער איז אן און פאר זיך גארנישט — זאנדערן ער איז א טייל פון גאט, פון דער אייביקייט — דאן איז ער פריי פון טרויער און אומגליק, ווייל דאס קען נאר אויפרעגן זיין "ענדלעכן וועזן", און זיי זיינען א פראדוקט פון זיין "ענדלעכן וועזן"—אבער נישט דער גאנצער נא־טור. דאן פארשטייט ער אז ער איז דאס וואס ער איז. באקלאגן זיך האט קיין שום זין נישט.

6) יעדעס ענדלעכע וועזן שטרעבט צו זיין דערהאלטונג. אויך דער מענטש דארף קעמפן זיך אויסצודריקן און זיך צו דערפילן. אויב עמעצן געשעט אן אומגליק—איז עס אומגערעכט פאר אים און "גערעכט" פאר דער נאטור. עס איז אונגערעכט פאר'ן מענטש צו שטארבן דורכ'ן ביס פון א משוגענעם הונט— עס איז אבער "גערעכט" פאר דער נאטור אז ער שטארבט דערפון. ער מוז קעמפן קעגן שלעכטס—אבער ער וועט נישט דערגרייכן דאס גוטע קיינמאל, דאס פול־קאמענע. גאט דריקט זיך אוים לויט זיין אייגענער נאטור — און נישט פאר'ן וואוילזיין פונם מענטש . . .

7) כדי זיך אויסצודריקן און לעבן א פולקאם לעבן, דארף מען זיין מאראליש און לעבן אין איינקלאנג מיט דער נאטור. נישט דערווארטן קיין גליקן אויף יענער וועלט — נאר געניס דאס גוט־געטוענע אין זיך שוין.

8) אויב דער מענטש אינדיווידועל איז באגרענעצט — דארף ער זיך פרייען מיט גאט וועמעס אומבאגרענעצטער טייל ער איז. ער דארף דאריבער ליבן גאט. דא מוז ער געפינען זיין גליק. דאן הערט ער אויף צו דענקען פון פערזענלעכן טויט.

— ווי וואונדערלעך עס איז, מיין גאט! איך ליב דיך!

— איז אט דערפאר האב איך אנגערופן שפינאזאן דעם געטלעכן מענטשן, ווייל אין אנגעזיכט פון ביטערע ליידן, ווי איוב, פרעגט ער נישט ווי דער לעצטער און ביילט נישט די פויסטן קעגן הימל — נאר בויט אויף אויף א הערָאאישן אופן יענע געוואלטיקע פילאזאפיע, וואו אלץ ווערט גערעכט און רואיק, און ווערנדיק געפייניקט פון טובערקולאז — דער שרעקלעכער שפין — זינגט ער אוים דאס גרויסע געזאנג אין געאמעטריש־שטאלענע פארמען — וועגן דער ליבע צו גאט. ער שטארבט רואיק, ווייל ער האט זיין לעבן פארבונדן מיטן קאסמאס. אין אים שטארבט בלויז זיין "ענדלעכער טייל". אבער ער לעבט אין אוניווערזום, אין דער אייביקייט. פון זיין טונקעלן צימער אין האלאנד, הונגעריק, הוסטנדיק,

פארלאָזן פון פריינט און פאַמיליע, שענקט ער זיין האַרץ דער אַלוועלט, בליקט ער מיט רואיקע, טונקעלע אויגן צום הימל און ליבט די אייביקייט, איך זינגענדיק דאָס שענסטע אומשטערבלעכסטע ליד פון ליבע. . .

— ווי וואונדערלעך! ווי וואונדערלעך! דו ביסט ווערט מען זאָל דיך ליבן!

— ליב מיך אפילו נישט. אומבאַוואוסטזיניק פאַר דיר אַליין האָט מיך די ליבע געקושט מיט קאַלאַסאַלע קושן אין רויטן האַרץ. . . .

זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט זשעדנע אויגן. טרערן האָבן זיך באַוויזן אין אירע אויגן.

— און פאַרוואָס איז געטע אַ גרויסער מענטש־גאָט?

— וועגן דעם וועל איך דיר דערציילן מאָרגן, גאָלדע. איך בין איצט שווין מיד.

— זייער גוט. אָבער ווערסט נישט פאַרגעסן!

— איך וועל נישט פאַרגעסן.

מיר זיינען געגאַנגען איבער די טונקעלע אַלייען. מיר האָט זיך געדאַכט אַז איך ווער איין שטיק מיט דער נאַכט. מיטן אוניווערזום.

— איך וויל דיר דאַנקען פאַרן רעדן אַזוי שיין. איך וויל דיר געבן אַ קוש.

זי האָט מיך געקושט אין מויל מיט אַ ריזיקן, לאַנג־אויסגעצויגענעם קוש. די ווייבלעכקייט האָט אין מיר אַריינגעקושט אַ ריזיקן פלאַם, וואָס איז צעגאַנגען אין מיין בלוט, ווי צעשמאָלצן גאָלד. . . .

ליגנדיק שפּעטער אין בעט, האָב איך געפילט ווי די גאַנצע נאַטור קושט מיך מיט מיליאָנען מיילער. איך בין געווען גליקלעך ווי אַ ים אין אַ שטורם־רו. . .

מאָרגן אָוונט האָט געזאָלט פאַרקומען מיין טאָלסטאָי־רעפעראַט. זי דאַרף קומען. . . וועל איך קענען רעדן, ווען זי וועט זיצן צווישן פובליקום, ווי אַ פאַר־גליווערטער פלאַם — און מיך הערן?. . . יאָ, איך וועל רעדן. . . כדי איר צו געפעלן. . . .

בערכעם.

אין אָוונט האָט באַדאַרפט פאַרקומען מיין רעפעראַט וועגן טאָלסטאָי. אַ סך אַרבעטער און אינטעליגענטן זיינען געקומען. אויך גאָלדע איז געקומען. זי איז געזעסן צווישן פובליקום, בשעת איך האָב געלייענט דעם רעפעראַט פון אַ גרויסן מאַנוסקריפט. איך האָב נישט געטראַכט וועגן איר, זייענדיק פאַרנומען מיט די געדאַנקען וועגן דעם גיגאַנט טאָלסטאָי. אָבער איך האָב געפילט איר וועזן אין זאַל, ווי עפעס אַ געוואַלטיקע זון, וועלכע איז אָנוועזנד. טיילמאָל האָב איך אויף איר געוואָרפן אַ בליק. זי איז געווען באַגייסטערט מיט מיר. נישט ווויסנדיק אַז איך האָב דעם רעפעראַט צוגעגרייט אין פייער פון ליבע. זי האָט אויך זיכער נישט געוואוסט אַז איך האָב נישט אָנגעהויבן אַריינקוקן אין די ביכער וועגן טאָלסטאָי, וועלכע זי' האָט מיר געקויפט. יענעם דריטן אָוונט, ווען איך בין אַהיימגעקומען אַ טרויעריקער פון מאַריאַבורג, האָב איך זיך געזעצט צום טיש און ווי אין אַ ווילדע פלוט געשריבען כסדר, ביז אין דער שפעטער נאַכט אַריין. דער רעפעראַט איז געבוירן געוואָרן, אָן יעדער הילף און אונטעררויכט, און אין איין האַלבער נאַכט, קומענדיק פון אָנהויב ביזן סוף, פון מיר אַליין, פון מיין אייגענעם געדאַנק און האַרץ.

איצט האָט זי אים געהערט. זי איז געווען שטאָלץ איצט וואָס איך, איר חבר, לעזט איצט דעם רעפעראַט. די פרוי' האָט דערוואַכט אין איר, די פרוי וואָס איז ווייניקער אינדיווידואַליסטיש ווי דער מאַן, וועלכער גרויסט זיך מיט איר מאַנס אַרבעטן און גרויסקייט. זי ווערט אַ טייל פון אים. איך האָב געפילט איר פרייד און געווען גליקלעך. עס איז געווען אַ הימן צו איר. מיין מויל איז געווען געווענדעט צו איר, איך האָב איר צוגעוואָרפן מיין אייגענעם געשאַפענעם טאָלסטאָי, מיין מעכטיקע נקמה; ער איז געווען די פאַרקערפערונג פון מיינע דראַנגען, מיין אומבאַוואוסטזיניקער ווילן איר צו ווייזן אַז די פרויען קענען קיין געניוס נישט פאַרניכטן. אַז, פאַרקערט, ער שטייגט הויך, הויך איבער זיי, בשעת זייערע קערפערלעכע שיינקייטן געדויערן בלויז איין קורצע ווייַלע — ווערט ער אַ ריז און שאַפט אייביקע ווערטן. . . .

דאס פובליקום האט מיר שטארק אפלאדירט, בשעת די אפאנענטן האבן גערעדט, האט זי מיט א פולן שמייכל צו מיר געוואונקען איך זאל איר געבן דעם מאגאטשריפט פאר אן אנדיינקן. איך בין געווען צופרידן עס צו טאן. כ'האב איר געוואונקען אויף יא. איך בין גרייט שטענדיק אלץ אוועקצוגעבן. כ'בין א שונא פון פריוואט־אייגנטום. נאר דאס אפזאגן זיך פון יעדן באגער און פון יעדן אייגנטום קען מיר גליקלעך מאכן. איך פארניכט זיך שטענדיק, צעשליידער זיך ווי גאט אין אלץ, מיין לעבן איז אן אייביק זיך אוועקגעבן. . . .

און דאך בין איך מודה, אז קעגן איין באגער האב איך זיך נישט געקענט ווענדן און אנטקעגנשטעלן. איך האב צום ערשט געהאט דעם באגער זי קערפערלעך צו באזיצן. דאס האט מיר דיקטירט די סעקסועלע ליבע. אבער איצט, ווען כ'האב געזען אז קערפערלעך איז אונמעגלעך און אומנאטירלעך זי זאל געהערן צו מיר — האט מיין פלאטאנישע ליבע געפאדערט איר גייסט, איר עסטעטישן אויסזען, אירע האנדלונגען און זשעסטן. איך האב געהאט אן אומגעווינלעכן דראנג זי צו באזיצן אין בוך אדער אין בילד. איך האב געטרוימט צו שרייבן וועגן איר א ראמאן, וואו איך לעב זי מיר אויף, וואו קעגן איר ווייסן פאראייגן איך איר, וואו איך באהערש, באזיג און באצווינג איר קעגן איר ווייסן און ווילן. וואו איך דיקטיר איר, וואו איך בין אסאלוטער קעניג. . . .

לאנגע חדשים שפעטער האב איך איר געשריבן אז זי קען טון מיט מיר וואס זי וויל — אבער זי וועט נישט קענען זיך אינגאנצן צוריק צונעמען פון מיר. אז איך וועל זי' אויפסניי באשאפן און זי וועט אייביק זיצן אין געלן, הארבסטיקן גארטן, אין פארגראטעוועטן שלאס פון מיין פאנטאזיע און באגער....

טיילוויין באפרידיק איך — אבער צו שנעל און צו נערוועז, — דעם דאזיקן פארגעניגן און באגער אין מיין איצטיקער שריפט, בשעת וועלכן שרייבנדיק איך לעב איבער אויפסניי זעלטענע מאמענטן און בשעת וועלכע איך צווינג זי צו האנדלען און פאזירן פאר מיר איצט אין דער אילוזיע, וואס איז פאר מיר פיל שטארקער ווי די ווירקלעכקייט.

איינמאל, אין א שפעטן אוונט, שוין נישט האבנדיק געזען גאלדען א לאנגע צייט און מיר נישט האבנדיק קיין האפנונג זי צו זען, בין איך דורכגעגאנגען א טונקעלע גאס און צו מיין איבערראשונג דערזען אין א בוכהאנדלונג אסקאר ווײַלד'ס א בוך, "דאס בילד פון דאריאן גריי", מיט א פארטרעט פונם העלד, דאריאן גריי. איך בין געווען דערשטוינט; דיזעלבע בלאנדע, גאלדענע האר, ווי גאלדעס; דאס זעלבע פלאמענדע, פולע, פירקאנטיקע געזיכט פון גאלדע; דיזעלבע גריכיש־מאסיווע נאז, דיזעלבע ברוטאלע, ליידנשאפטלעכע, ספינקסיש ליפען, דיזעלבע שטארקע, ברייט־געעפנטע שווארצע אויגן, ווי אפ־

געבראַכן פון שוואַרצן פעלז איז מדבר; דערזעלבער דיקער, רוימיש־העלדישער, שטאַרקער האַלז; עס איז געווען אַ וואונדערלעך פאַרביקער פּאָרטרעט פון גאַל־דען — די לעסבישע פרוי, דער ספינקס וואָס איז נישט באַשטימט אין געשלעכט...

די בוכהאנדלונג איז געווען געשלאָסן; אָבער איך האָב באַקומען אַ שטאַרקן דראַנג אַרויסצו׳גנב׳ענען דאָס בוך, עפענען דאָס פענסטער, צעהאַקן די שויב; אַ פּאָליציימאַן איז אָנגעקומען און געקוקט אויף מיין צערודערטן געזיכט; מיר האָט זיך געדאַכט אַז ביז מאָרגן וועט מען אויסכאַפּן דאָס בילד... אַז מען האָט אַנטדעקט אַז דאַריאַן איז ענלעך צו גאָלדען, צום ספינקס — אַז מען וועט עס אויסקויפן אין די טויזנטער און פאַר מיר וועט נישט בלייבן קיין איינציקער עקזעמפּלאַר. . . .

* * *

איצט, נאָכן רעפעראַט איבער טאָלסטאָי, זיינען מיר געגאַנגען צו איר הויז דורך בערכעס. עס איז געווען אַ שיינע נאַכט, אַלץ איז געווען וויס, די לבנה, די שטערן, די טראָטואַרן; דער וויסער מילך־וועג האָט אויסגעזען ווי אַ גיגאַנטישע מאַרמאָרנע לענטע איבערן אוניווערס פאַרצויגן, ווי איבער דער ברוסט פון אַן אַפּיצירישן אוניפאָרם; אַלע זיינען געשלאָפן אין די הייזער, דען בערכעס איז אַ רואיקע אַרבעטס־שטעטל, וואו די באַפעלקערונג איז מערסטנס קאַטוילישׁ. מיר זיינען געגאַנגען אַרום דעם אַלטן פעסטונג, מיט גראָז, מאָך און שימל פאַרוואַקסן; דאָרט איז געלעגן באַגראָבן די געשיכטע פון פאַרשידענע שרעק־לעכע שלאַכטן. . . דאַן האָבן מיר זיך אַריינגעדרייט אין די געסלעך, מיר זיינען געגאַנגען געאָרעמט. גאָלדע האָט געטראָגן מיין טאָלסטאָי־רעפעראַט.

— ווילסטו איצט פאַרענדיקן דעם אינטערעסאַנטן שמועס פון נעכטן? — האָט גאָלדע געפרעגט.

— איך קען עס טון, אָבער זייער שנעל, ווייל עס איז שפּעט.

— הויב אָן!

— מיר האָבן נעכטן ביינאַכט גערעדט איבער דער געטלעכער פּולקאָמענ־קייט אין שפּינאָזאַ און דאַווינטשי, ביי וועלכע די פּערזענלעכע טראַגעדיע דאָ־מינירט נישט זייער ווערק, פאַרקערט — זייער ווערק שטעלט זיך אַנטקעגן זייער פּערזענלעכער טראַגעדיע און ווערט דאָס ווערק פון אוניווערזום.

— דער דריטער גרעסטער מענטש פון אַלע צייטן אויף אונזער ערד איז געטע. אויך ער איז געווען אונגליקלעך. ער האָט געלעבט אין אַ צייט פון גרויסע צעטרייסלונגען, פון מלחמות און רעוואָלוציעס. זיין זשעני האָט אויפגעפלאַמט צוזאַמען מיטן פלאַם פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וועלכע האָט באַלויכטן און צעצונדן די הערצער פון אַלע גרויסע גייסטער. ווי זיין העלד ווערטער,

האָט געטע געליבט, געליבט דורך זיין גאַנץ לעבן, אין דער יוגנט געוואָלט באַגיין זעלבסטמאָרד. זיך אַנגעשטעקט אַפילו מיט פּאַטריאָטישע רעוואָלוציאָנערע שטי־מונגען. אָבער ביסלעכווייז אַנטשטייט אין אים יענער גרויסער פּלאַן, וואָס פאַר־וואַנדלט אים אין מאַרמאָר, ער ווערט רואיק ווי דער יופּיטער־גאָט, ווערט פאַר־שטיינערט, זעצט זיך אויף אַ גראַנדיעזן זונען־טראָן און ווערט דער גרויסער, אונשטערבלעכער זונען־גאָט. אָבער נישט קיין דיאָניסאָס, נישט קיין פּראָמע־טעאוס — ער ווערט דער רואיקער מאַן.

— מערקווירדיק!

— די טראַגעדיע און די פרייד ווערן אין זיין לעבן בלויז אַטריבוטן פון זיין אומענדלעכקייט. ער פאַרמעסט זיך צו געבן דער וועלט אַ גאַנצע ליטע־ראַטור, דורך אים אַליין געשאַפן. ער גייט דורך אַלע דראַנגען, שטורמס, באַ־וועגונגען, קריגן און רעוואָלוציעס. דאָס אַלץ קומט צום אויסדרוק אין זיין פאַרשידנאַרטיקן, קאָלאָסאַלן שאַפן. און דאָס קאָלאָסאַלע שאַפן און פאַרשידנ־אַרטיקע פילן און שטרעבונג און דערפאַרונג קומט צום אויסדרוק אין זיין ריזיקן ווערק — „פאַוסט".

— מערקווירדיק־שיין! וואָסאַראַ גיגאַנט!

— איך האָב געזאָגט, די גרויסקייט זיינע, די געטלעכע פולקאָמענקייט — באַשטייט אין דער געוואַלטיקער רואיקייט, אינם קוקן ווי אַ גאָט דורך אַלץ דורך, דורכדרינגען און בליקן מיט מאַרמאָרנע אויגן אין אוניווערזום!

— ווי דו פאַרשטייסט אים. רעד, רעד, דו רעדסט אַזוי שיין!

— אין אים איז פאַרקערפּערט אַלע פאָרמען און אינהאַלטן פון דער וועלט־ליטעראַטור פון אַלע ציַיטן. ער שאַפט דאָס מייסטערלעכע, פּשוט'ע פאָלקס־ליד. דיכטעט אין „הערמאַן און דאָראָטעא" די שטאַרקע עפּאָפּייע. זינגט אין „וועסט־אָסטלעכן דיוואַן" די פּערסישע וויין־לידער, די אַראַבישע פאָרמען פון פּאָעזיע צינדט אָן די ראָמאַנטישע פּאָעזיע אינם ליבע־עפּאָס „ווערטער". שאַפט די קלאַ־סישע טראַגעדיע, די טראַגעדיע פונם אינדיווידואַליסט אין „טאַרקוואַטאַ טאַסאָ", זינגט דעם פרייהייטס־גייסט אין "עגמאָנט"; פאַרקערפּערט די דראַמאַטישע פאָרם אין "קלאַוויגאָ", שרייבט לאַטיינישע עלעגיע־לידער אין "רוימישע עלעגיען." שאַפט שטאַרקע, פּשוטע, קלאַסישע פּראָזאַ אין "וואַלפּערלאַנדשאַפטן". אַנט־דעקט דאַרוויניסטישע אָפּשטאַמונגס־טעאָריען אין זיינע וויסנשאַפטליכע סטודיען. גיט די טראַגעדיע און דראַמע פון דער מענטשהייט אין ריזיקן „פאַוסט", דער טיף וואָס וויל דורכלעבן די געפילן פון דער גאַנצער מענטשהייט און וויל אויפ־דעקן דעם הימל־פאַרהאַנג פון אוניווערס. . . .

— וואָסאַראַ קאָלאָסאַלער מייסטער!

— וואָסאַראַ קאָלאָסאַלער מענטש וואָס ווערט גאַנץ און פֿולקאָם ווי אַ ריזיקער גאָט! ער שטאַרבט רואיק, איז נוצלעכע אַרבעטן, טרוימענדיק צו פֿאַרוואַנדלען זומפּן אין פֿרוכטבאַרע שטרעקעס, צו טרוקענען אָקעאַנען, צו זען אַ באַפֿרייטן אוניווערס! שטאַרבט איז רו, אין מאַרמאָרנער רואיקייט, ווען די גאַנצע נאַטור שווייגט אַ ווײַלע. ווען דער קאָסמאָס שטייט אויף אײן אָרט. . . .

עס איז שוין געווען זייער שפּעט. ווי אַן אַקאָמפּאַנימענט צו מײַנע רייד, האָט דער הימל — אַ ריזיק געזיכט פֿון אַ גאָט, פֿון אוניווערס — זיך אויסגעלייטערט און געגלאַנצט מיט מאַיעסטעטישע שטערנס. . . .

— איך האָב דיך ליב מיט מײַן גאַנצער נשמה!

— נאָר מיט דער נשמה . . . — האָב איך איר טרויעריג געפֿרעגט.

מיר האָבן זיך געזעצט אויף די שוואַרצע טרעפּלעך פֿון אַ קירכע, ווידער נעבן אַ פֿליגל פֿון דער אַלטער פֿעסטונג. די גאַנצע נאַטור האָט געשוויגן. אַלץ איז געווען פֿאַרצויגן מיטן ווײַסן מאַרמאָר־שײַן פֿון דער לבֿנה. . . .

דער גאָט פֿון ליבע איז נאָך אַלץ געווען צוגענאָגלט צו דער שוואַרצער, פֿאַרקאָפּטשעטער קירכע־וואַנט; אַ בלוי פֿלעמל האָט אים באַשײַנט; וואָסאַראַ נישטיק פֿלעמל עס שײַנט אויפֿן גאָט פֿון ליבע, ווען עס האַרץ איז געווען אַ גאַנצע, קאָלאָסאַלע זון. . . .

גאָלדע האָט געשמייכלט שמערצלעך. . . .

מיר האָבן זיך אַרומגענומען און צעקושט. איר קערפּער איז געווען הייס ווי אַ צעשמאָלצענער מעטאַל. אירע קושן פֿון הייסן מויל זײַנען אַריבער צו מיר ווי צעגאָסענע טראָפּנס מעש. . . . זי איז געווען אַ ריזיקע גאָלדענע פֿלאַש, פֿון וועמעס מויל־וואונד כ'האָב געטרונקען אירע קושן ווי ווײַן, כ'האָב מאַגיש און גרויזאַם אַרײַנגעצויבערט אין מיר איר ווײַבעריש, אימפּעריאַליסטיש וועזן....

מיר האָט זיך געדאַכט אַז די קירכע און די פֿעסטונג רירן זיך. . . ווײַנען און האַלזן זיך מיט די שוואַרצע וואָלקנס. . . .

— דו ביסט אַ סטאַטוע, גאָלדע, וואָס צינדט זיך אָן אין אײנצלנע רעגעס און ליבט. דאַן בלײַבסטו ווידער שטיין אַ יאָרטויזנט אין פֿאַרגליווערטקייט. . . .

— איצט ליב איך דיך. . . .

איך האָב זי געדריקט צו זיך און זיך געוואָרעמט אין איר הייסע מאַסע פֿלייש. איצט האָט זי פֿאַר מיר נישט געהאַט קיין עסטעטישן ווערט — נאָר אַ ריין פֿיזישן. . . ווידער אַ פֿיזישן. . . מיר האָט זיך געדאַכט אַז מיט איר קערפּער דרוק איך צו זיך און גענים די קירכע, די פֿעסטונג, די וועלט־געשיכטע, די גאַנצע נאַטור, דעם אוניווערזום; אַלץ האָט זיך איצט פֿאַרקערפּערט אין אָט דער מאַסע פֿלייש. . . .

— ליבסטו מיך ווירקלעך, גאָלדע ?

— מען מוז דיך ליבן. . . .

מיר זיינען אַהיימגעגאַנגען. מיר האָט זיך געדאַכט אַז דאָס אָרט אויף דער קירכע, וואָס מיר האָבן וואַרם געמאַכט מיט אונזערע קערפּערס, ווערט ווייך און באַוועגלעך; די אַלטע קירכע האָט זיך אָנגעהויבן צו רירן, אויפצולעבן און מאַרשירן. . . איצט מאַרשירן ביידע — די קירכע און דער פעסטונג־באַרג — אין דער ווייסע נאַכט איבערן הימל, ווי וואָלקנס, מאַרשירן און שוועבן צייטנווייז אויף שטיינערנע פליגל. . . .

איך האָב געדריקט ביים אוועקגיין גאָלדעס פעטע האַנט, ווי ווענדיק מיטנעמען אַביסל מער וואַרעמקייט פון איר הייסן קערפּער. . . .

דער בריוו.

איצט בין איך געוואָרן שרעקלעך אומרואיק. די אַרבעט אין דרוקעריי איז מיר געוואָרן דערווידער. איך האָב זיך געשטיקט אין די פיר גרויסע, ברייטע, שוואַרצע ווענט. מיט שרעק האָב איך זיך איינגעקוקט ביינאַכט, ווען איך פלעג אַרבעטן איבערשטונדן, כדי צומאָרגנס, פרייטיק, זאָל פאַרטיק ווערן די צייטונג — ווי די אַלטע, גרינע, בלויע און ווייסע אַפּישן ווערן שמוציק און שטויביק. די נעמען פון די פּיעסן קוקן אַרונטער אויף מיר ווי ריזן־גרויסע שפּינען פון גרויע שפּינוועבס. די קלישעען ווערן מאַט און טונקל. איך האָב געקענט די אַרטיסטן און אַסך זיינען שוין געווען טויט, ווייל די אַפּישן הייגען שוין אַזוי אַ יאָר דרייסיק. טיילמאָל, ווען איך פלעג זיין אַליין אין דרוקעריי, האָב איך מיט שרעק זיך צוגעהערט צום גערויש און קייען פון די שטשורעס אין דער אַלטער דרוקעריי, וועמעס לאָקאַל איז אַ געוועזענע שול. דאַן האָב איך זיך דערמאָנט די סצענע אין דאַנטעס „געטלעכע קאָמעדיע”, וואו דער גראַף אוגאָלינאָ איז פאַרמשפּט צו נאָגן און גריזשען דעם שאַרבן פון זיין פריינט, וועמען ער האָט ביים לעבן געטויטעט. אַן אַנדערש מאָל האָב איך זיך פאָר־געשטעלט פראַנסוא ווילאָן, דעם אַלט־פראַנצויזישן פּאָעט־באַלאַדיסט, ווי ער זיצט אין קערקער און הערט זיך צו אין דער נאַכט צו די געזאַנגען פון די צערטלעכע מייז. . . .

דאָס אַלץ איז געווען אַזוי פינסטער און טרויעריק. ווי שיין איז אָבער געווען די וועלט מיט גאָלדען. איך האָב זי כסדר געזען אין טרוים, ווי זי שמייכעלט, לאַכט, רעדט שיין, קוקט מיך אומעטיק אָן. וואו נאָר זי איז געשטאַנען, האָט זיך באַלד אַלץ פאַרוואַנדלט אין אַ הערלעכער דעקאָראַציע. וואָסאַרא פאַרבן האָט געהאַט דער הימל און די ערד מיט אירע בלומען, ווען זי — ווי אַ געטין — איז געשטאַנען איבער זיי!. . . די גאַנצע וועלט האָט זיך מיר אויסגעוויזן צו עקזיסטירען נאָר צוליב איר און פאַר איר. אַלץ איז געווען אַ פּראָדוקט פונם דראַנג צו אַרויסברייגען אַזאַ פולקאָם געשטאַלט, ווי גאָלדע, הגם זי איז געווען אַזוי ווייט פון פולקאָמענקייט . . .

איצט, ווען איך האָב זי ביסלעכווייז אַנגעהויבן פאַרלירן — הגם איך האָב זי נאָך קיינמאָל נישט באַזעסן, — האָב איך געהאַט אַסך קרענקונג. איצט האָט די שמוציקע דרוקעריי מיר אויסגעוויזן אַזוי שרעקלעך. איין אויסוועג האָב איך געהאַט: זעלבסטמאָרד... מיט ליבע האָב איך געטראַכט וועגן אַט דעם געפיל און פּלאַן. ביינאַכט, ווען איך בין געשטאַנען אין דרוקעריי, האָט זיך מיר געדאַכט אַז איך הער געהיימע שטימען צווינגען מיר און מיט זיסע טרערן מיך איינשלעפערן. עפּעס ווי די פאַנטאַסטישע נימפעל (וואַסער-מיידלאַך) וואָלטן אַזוי שיין זינגען און מיך באַוועגן צו זעלבסטמאָרד. ווי שיין און אַנגענעם איז צו שטאַרבן אונטערן אַקאָמפּאַנימענט פון אַט אַזאַ מוזיק, וועלכע קומט פון די ספערן אַליין....

און — זי אויך דערמאָרדן! דאַן וועט זיין אַלץ פּולקאָם. מיט איר ליגן צוזאַמען אין דער ערד — דאָס האָט פאַר מיר געהאַט אַזאַ מין מאַגישן צויבער... קיין שום מענטש, וועלכער טראַכט וועגן ליבע — אויב ער האָט נישט איבער-געלעבט דעם דאָזיקן געפיל — ווייסט נישט מיט וויפיל זיסקייט עס נעמט אַרום דעם מענטש; דער געדאַנק צו שטאַרבן צוזאַמען מיט דער היים-געליבטער — דאָס איז אַ געדאַנק וואָס פאַרייניקט זיך מיט זיין העכסט געפיל און נעמט אים אַרום מיט אַזאַ ליבע און קראַפט, אַז זיין אייגן לעבן זעט אים אויס צו זיין אַ קלייניקייט... אַז ער איז גליקלעך גאָר אָוועקצוגעבן אַזאַ „קליינע" זאַך פאַר אַזאַ אייביקן גליק... נאָכמער: אין דער צייט ווען מען ליבט אַזוי שטאַרק און מען ווערט נישט צוריקגעליבט, פרייט מען זיך וואָס עס איז דאָ אַזאַ גלענצנד מיטל אויסצוגלייכן ביידע. מיטן טויט—טויט איך מיינעליידן, איך טויט אירע קעגנגע-זעצטע געפילן צו מיר, איך באַזיג זי דאַן טויטערהייט... מען קען זיך גאָר-נישט פאָרשטעלן קיין אידעאַלערן צושטאַנד פון צוויי פאַרליבטע, דערגייענדיק דורך זעלבסטמאָרד צו דער העכסטער פאַרייניקונג אין דער אייביקייט....

זי האָט נישט געוואוסט דערפון. זי האָט נישט געוואוסט אַז איך טראָג זיך אַרום מיט אַזעלכע געדאַנקען. אָבער אין דער אמת'ן איז מיר דאָס לעבן געוואָרן זים, ווי נאָך דער דאָזיקער געדאַנק איז מיך באַפאַלן און מיר צוגעזאָגט אויסצולייזן פון אַלע ביטערע פיינען פון ליבע....

איינמאָל, ווען איך בין אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט אין מיין מאַנסאַרדע אויף וואַן אימערזעל 28, האָב איך געטראָפן אַ בריוו, מיט אַ דינער האַנט-שריפט געשריבן. ער איז געוועזן פון ברוסל. איך האָב אים שנעל אויפגעריסן און געלייענט מיט דער גרעסטער נייגעריקייט:

„ליבער קאָלעגע!

איך בין נעכטן ביינאַכט מיט דיר אַהיימגעגאַנגען פון „פּאַטע-קינאָ". איך

האָבעו געזען ווי אַזוי דיינע אויגן קוקן מיך אומעטיק אָן, ווי זיי גלאַנצן אַזוי שיין. לײדער קען איך נישט אנטײלנעמען אין די דאָזיקע געפילן. איך מוז זיך לערנען און אַוועקגעבן די גאנצע צייט פאַר דעם. דו ווייסט דאָך אַלץ . . . איך האָב געזען אין דיינע אויגן, ווי דו ליבסט מיך. אַנטשולדיק מיר זייער פאַרן שרייבן אזוי . . . אָבער איך קען נישט אנדערש. איך קען נישט און וויל נישט טרעטן אַזעלכע שיינע געפילן מיט די פיס. . . דו פאַרשטייסט, מיר בלייבן פריינט. אָבער איך קען נישט ענטפערען מיט ליבע. דו ביסט א זייער ליבער אינגל ! אָבער פאַרשטיי מיין לאַגע. איך גריס דיך. גאָלדע.״

דאָס אַלץ. עס איז געווען געשריבן אויף צוויי זייטלעך. מערקווירדיק זיינען די קאַפריזן פון דעם ליבע-גאָט ; איך בין געווען גליקלעך מיטן בריוו. הגם ער איז געווען אַן אָפזאָג אין ליבע, האָב איך זיך אָבער אומענדלעך געפרייט מיט איר פולער קאָנסטאַנטירונג פון מיין ליבע, הגם איך האָב עס איר נישט געזאָגט — נאָר בלויז אַרויסגעוויזן אין האַנדלונגען. דער וואָס ליבט, וויל כסדר מען זאָל וויסן פון דעם. ער וואָלט דאָס גאַנצע האַרץ דער ליבנדער פאַרזאָן אַוועקגעגעבן. די ליבע וויל זיך אינגאַנצן אַרויסווייזן, ווי גרויס און גרויסאַרטיק זי איז. . . .

איך בין געווען פאַר אַ ווײלע גליקלעך. איר בלויזע אויפמערקזאַמקייט צו מיר, די שריפט, דאָס וויסן פון מיין האַרץ, דעם קאָמפּלימענט פאַר מיינע אויגן, דאָס געפיל פון טיפער מיטלייד, דאָס האָבן דעם רעספּעקט פאַר מיינע עמאָציעס — דאָס אַלץ האָט מיך זיס פאַרשכור׳ט, נישט באַמערקנדיק אַז זי זאָגט מיר אָפּ. אַז דאָס איז אַן אָפיציעל-דיפּלאָמאַטישער אָפּזאָג. . . די אויפמערקזאַמקייט צו זיך פון אַ געליבטער פערזאָן איז שטאַרקער ווירקנד ווי דער שרעקלעכער גיפט וואָס שטעקט דאַרין. דער בריוו איז געווען אַ פאַר׳סמ׳טע שווערד — נאָר אין זייד פאַרוויקלט. . . . אין רויטע, דינע זייד. . . . די שווערד איז זיסערהייט אַריינגעדרונגען צו׳ם האַרץ, ע׳ס געשטאָכן. עס איז אנגענעם. . . . אָבער אין אַ ווײלע אַרום וועט דער גיפט אָנהויבן צו ווירקן, איצט איז ער נאָך נישט ווירקבאַר. . . . אין אַ ווײלע אַרום — און דער גיפט וועט מיט טייוולאָנישער קראַפט באַהערשן דאָס האַרץ, אין פּיין דערטרונקען. . . .

דעם זעלבן אָוונט האָב איך זי׳ געטראָפן אין פאַריין. זי איז געזעסן אַ פלאַמענדיקע ביים טיש און געגעסן אָוונט-ברויט. איך האָב פאַרדעקט מיין פרייד א׳׳, זיך מאַסקירט אין טרויער. ביסלעכווייז בין איך אַיי אַריין אין דער ראָלע, אַז איך האָב זיך ווירקלעך געפילט טראַגיש. איצט האָב איך פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון דעם בריוול ; זי האָט זיך געוואָלט אָפּרייסן פון מיר אינגאַנצן. זי׳ און נאָך אַ חברטע, זיינען מיר אַלע דריי אַוועק צו אַ רעפּעראַט אין

א לאקאל. דער רעפעראט האט מיך נישט פאראינטערעסירט. איך בין געזעסן ווי א פאר׳משפט׳ער צום טויט און כסדר עס איר געוואלט ארויסווייזן.

ווען איך בין אויף א ווילע אוועק פון מיין פלאץ, האט זי גענומען מיינע צוויי ביכער, געפונען דעם בריוו און אים צעריסן. ווען איך בין צוריקגעקומען, האב איך די קליינע שטיקלעך פאפיר געפונען אויף איר שויס, אויף דער ערד . . . זי האט מיך אנגעקוקט מיט אויגן פול מיט באדויערן. . . .

דאן האב איך און איר פריינדין זי באגלייט אהיים. מיר זיינען געגאנגען איבער דער ״קאגים-ליי״, אין בערכעס, א גאס וואס איז פון די שענסטע אין דער וועלט.

איצט האט די לבנה געשיינט, איר ווייסער שיין איז געפאלן אויף די פאלאצן, קירכן און ווילעס פון דער לאנגער, קלאסיש-געבויטער גאס. יעדעס הויז האט פארקערפערט מיט זיך אן אנדערן ארכיטעקטאנישן סטיל אין דער וועלט-געשיכטע. מיט אבסטראקטקייט און פלי-דראנג האבן זיך געשניטן אין הימל די גאטישע טורמס פון קופער און גאלד. די קראטן-פארצוימונגען אין די ווינקלען פון די קירכן האבן איצט אויסגעזען געהיימניספול, ווי פאר גייסטער באהאלטן; די פלאכע דעכער פון די רענעסאנס-געביידעס זיינען געווען ווי טישן פון ניקל, וואו די לופטיקע לבנה-שטראלן האבן ווי נאקעטע מיידלעך געטאנצט; די שווערע, דינע און רונדע באפוצונגען פון מורישן סטיל האבן זיך איצט ווי באוועגט און געבילדעט פאנטאסטישע נעצן און שפילערייען. מאנאכן, וואסער-מיידלעך, מיטישע געשטאלטן, קעניגינס, ווענוסעס, פאסטוכער און מעפיסטאָ-רויטע פיגורן האבן זיך איצט דורכגערעדט, געטאנצט אין נאקעטן לבנה-שיין און פערוואנדלט די נאכט אין א חלום, טראגנדיק אויף זייערע שפיצן-פיס די שווערע געביידעס אין דער לופט און קאקעטירנדיק מיט די גאלאנטע שטערן אין פירמאמענט . . .

מיר זיינען געגאנגען ווי פון סירענעס געפירט און פארפירט פון געהיימע גייסטער, פארטיפט אין מחשבות. די פרעמדע פרוי האט מיר געשטערט. זי האט איצט פארגעסן דעם נומער פון איר הויז. ענדלעך איז זי שטיין געבליבן פאר א טיר און צוריקגעגעבן גאלדען דעם שאל, וואס זי האט איר פריער געגעבן כדי זיך נישט צו פארקילן. . . ווען זי וואלט מיטן דאזיקן שאל אויך בארירט מיין האלז. . . ווי גליקלעך וואלט איך געווען !. . .

מיר זיינען ביידע איצט געגאנגען, פון לבנה-שיין באגאסן.

— דו ווייסט, איך וויל דיר נישט טאן קיין שלעכטס. לאמיר פארגעסן אינם בריוו. איך האב דיך נישט געמיינט טרויעריק צו מאכן. אך, ווי דו ביסט א קינד. . . .

איך האָב נישט געקענט רעדן. כ׳האָב מיט צאַרטקייט פאַרנומען ווי זי האָט צו מיר גערעדט. אַזוי שיין און איידל האָט אין דער נאַכט געקלונגען איר קול. ווידער בין איך געגאַנגען ווי אויף אַ ווייסן, פאַרגליווערטן ים און איבער זייז פלאַר האָבן די קינסטלעכע פיגורן געטאַנצט זייער הערלעכן טאַנץ פון כשוף און מאַגיע. . . .

מיר זיינען צוגעקומען צו דער ענדע פון דער גאַס, ביי אַן אַלטער פעסטונג פון אַכצנטן יאָרהונדערט. מיר האָט זיך געדאַכט אַז אַ זעלנער שטייט שטייף אויפן טויער, מיט דער ביקס אין אָרעם, היט די טויטע פעסטונג. אַן אָדלער פון שטיין איז געפלויגן מיט זיינע קופערנע פליגל. . . .

— גיי אַהיים, — האָט זי זיך געבעטן. — דו ביסט אַזוי מיד. גיי אַהיים. איך וועל שוין דעם וועג אַליין צוגיין. . . .

איך האָב זי נישט געוואָלט לאָזן אַליין. אָבער איך בין אויף איר ביטע צוריקגעגאַנגען. איך האָב צוריקוועגס געזען אין יעדן געשטאַלט פון קופער, שטיין, האָלץ און מעש — איר פיגור; יעדע סקולפּטור האָט זיך אָנגעבויגן איבער מיר און מיך געקושט. . . איך בין געווען גליקלעך און אומגליקלעך צו-גלייך. . . די גאַנצע נאַטור, די וועלט-קונסט, מיין האַרץ און מיין געליבטע — אַלץ האָט געטאַנצט אַ מאַגישן טאַנץ פון ליבע צו דער לבנה. . . געהיימע וויזיעס האָבן זיך אויפגעוויקלט פאַר מיר. איך האָב געזען ווי איבער דעם הימל בליען רויזן מיט מערדער-געזיכטער. . . בליצן רינגלען מיך אַרום און קושן מיך מיט רויטע ליפּן און געלע ציין. . . .

אין קליינעם צימער

צומאָרגנס איז אוונט איז זי געקומען צו מיר אין קליינעם צימערל; איר געזיכט האָט געפלאַמט, זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן מאַנטל, אין אַ רויטן באַל־קלייד וואָס האָט שטאַרק געבריצט מיין זינלעכקייט. זי איז געווען זייער שיין אין איר אויפגערעגטן צושטאַנד. איך האָב געזען אַז זי ליידט אי־בער עפּעס.

— דו ווייסט, — האָט זי אָנגעהויבן, — איך האָב די גאַנצע נאַכט נישט געקענט שלאָפן. איך האָב זיך געזאָרגט וועגן דיר. עס טוט מיר באמת באַנג וואָס איך האָב דיר געשריבן אָט דעם בריוו. איך וואָלט געוואָלט דו זאָלסט אים פאַרגעסן.

זי האָט אָנגענומען מיין האַנט אין איר וואַרעמער האַנט, מיט געבעט. איצט האָב איך זיך געפילט שטאָלץ, ווי ווערנדיק באַליידיקט דורך איר בריוו.

— ווי אַזוי קען איך דעם בריוו פאַרגעסן, אַז דו האָסט אים געשריבן, אַז איך האָב אים געלעזן, אַז דו מיינסט פונקט אַזוי ווי דאָרטן שטייט. זאָג, האָסטו דען איצט אַן אַנדערע באַציאונג צו מיר? האָסטו מיך דען ליב געקראָגן?!

זי האָט געשוויגן. זי איז געווען אין אַ קריטישער לאַגע. צוריקציען האָט זי נישט געוואָלט, ווייל זי האָט געהאַט דיזעלבע באַציאונגען צו מיר.

— איך וועל דיר שפּעטער זאָגן, צי איך מיין עפּעס אַנדערש. דו פאַרגעס אין דעם בריוו. ס'וועט זיין אַזוי ווי פריער, דו פאַרשטייסט. לאָז עס הענגען.

דורכן פענסטערל פון מיין צימער האָט מען געקענט זען די לבנה, וואָס קריכט ווי אַ ריזיקע, בלאַנדע וואַנץ איבערן בלויען הימל, זי קריכט אַרונטער אונטער די וואָלקנס, קריכט צוריק אַרויס. וואַגאָנען זיינען געשטאַנען אויף די רעלסן — מיט אומעטיגע, פינסטערע פענסטער. יעדער ווייליע איז אָנגעקומען אַן אַנדערער צוג, פון די פענסטער האָבן מענטשן געבליקט פרייליך, באַגאַסענע מיט עלעקטרישן ליכט. די רעלסן האָבן זיך ווי אייזערנע סטרונעס געצויגן אין דער נאַכט, ווייט אַוועק. ווער ווייסט וואוהין זיי פירן דעם מענטש...

אויפן הילצערנעם טישל, אין ווינקל, איז געשטאַנען אַ גרויסער קרוג וואַ־

סער, זיך צו וואשן. איך האָב איר און מיר אָנגעגאָסן צוויי גלעזער וואַסער. דאַן בין איך געזעסן ביים טיש און לאַנגזאַם געזופּט דאָס וואַסער, מאַכנדיק דעם איינדרוק אַז איך טרינק וויין און ווער שכור דערפון . . .

אויפן לאַנגן שישל, נעבן וועלכן מיר זיינען געזעסן, איז געווען פאַרצויגן אַ רויט, דיק טישטוך, וואָס איז קיינמאָל נישט געוואַשן געוואָרן. דאַרויף איז געלעגן אַ שווערע, אַלטע ביבל פון מאַרטין לוטער, מיט האַלץ-צייכנונגען פון זעכצנטן יאָרהונדערט.

— פון וואַנען האָסטו די ביבל? האָסטו ליב דאַרין אַריינצוקוקן?

— ביינאַכט, ווען עס איז אַזוי שטיל, צינד איך אָן דאָס ליכט און לעג זיך אין בעט, דאַן קוק איך אַריין אין דער ביבל ביז אין די שפּעטע שעה'ן. טיילמאָל גרויעט שוין דער באַגינען. עס איז אַן אָנגענעמע זאַך צו לייענען די ביבל. . . . דו פילסט זיך אַזוי רואיק, אַזוי געגלעט פון די געפילן ווי מיט קילע באַרשטן. דאָס בוך איז אַזוי אַלט, דאַרין זיינען פאַראַנען טרערן פון דורות און דורות. דאָס בוך איז געווען די אורזאַך פון בלוטיקע מחלוקתן און שלאַכטן. אַזוי פיל גלויבנס און אַזוי פיל צער. . . אין אָט דעם איינעם בוך איז פאַראַן אַזוי פיל לעבן, אַזוי פיל פלאַמענדע געשיכטע איז דאַרין פאַרקערפּערט. עס איז דער פּאָעטישער פלאַם פון צוויי וועלט-רעליגיעס . . .

— און מיר איז זייער לאַנגווייליק צו לייענען. קליינערהייט האָב איך שטאַרק געליבט דעם קעניג דוד. איך האָב זיך אים פאָרגעשטעלט אַזאַ גוטן, מיט גאָלדענע האָר, געקרויזטע, ווי ער שפּילט אויף דער פידל נעבן די ווייסינקע שאָף פון דער סטאַדע. זון-פאַרגאַנג. . . .

איך בין געזעסן ביים טיש און לאַנגזאַם געטרונקען דאָס וואַסער. זי האָט אָנגעהויבן צו רויכערן. זי האָט אַ סך גערויכערט, ציגאַרעט נאָך ציגאַרעט. ווען זי פלעגט האַלטן דעם ציגאַרעט אין מויל, האָבן אירע ליפּן באַקומען אַן אויסער-געוויינלעכע אָנציאונג. דאָס פייער פון ציגאַרעט האָט געציטערט און געמאַכט היימלעך דעם נישט זייער טונקעלען צימער . . .

— אך, וואָסאַראַ קינדישער דו ביסט. אָט דאָ שלאָפסטו. אין דעם קליינעם בעטל מיט דער רויטער קאָלדרע. חלומ'ט זיך דיר פון מיידלעך אַמאָל?

איך בין רויט געוואָרן און געענטפערט:

— זייט איך ליב דיך, חלום איך נישט פון קיין אַנדערע פרויען. אַ מאַן, וואָס איז פאַרליבט, טראַכט נאָר וועגן זיין געליבטער . . .

— איז, הייסט עס, אַז דו חלומסט ביינאַכט וועגן מיר. דערצייל מיר וואָס דו חלומסט?

— דו ביסט נייגיריק צו וויסן? האָסט דאָך מיך פיינט?!

— נאַריש אינגל, איך האָב דיך נישט פֿיינט. דערציייל מיר, דערציייל מיר, זיי נישט אומעטיק. . . .

זי האָט נערוועז געצויגן דעם רויך פֿונם בּרענענדן ציגאַרעט. אירע אויגן האָבּן אָנגעהויבּן צו לייכטן.

— דו ווייסט, — האָט זי אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט, — ווען איך בּין אַן אַנדערע, ווען איך זאָל נישט זיין אַזוי געבּונדן צו מיין מוטער און נישט טראָגן אַזוי פֿיל פֿליכטן אויף זיך — וואָלט איך דיך ליבּ געהאַט. . . דו בּיסט ווערט מען זאָל דיך ליבּן. . . דערציייל מיר, נו !. . .

אויפֿן טישל איז געשטאַנען אַן אַש־בּעכערל אין דער פֿאָרם פֿון אַ נאַקע־טער פֿרוי — געבּויגן און — דאָס אָרט פֿאַרן אַש איז געווען איר שויס. . . . איצט האָט זיך אָנגעקליבּן אַ גאַנץ בּערגל אַש דאַרין. די איבּערגעבּליבּענע שטיקלעך ציגאַרעט האָבּן זיך געוואַלגערט אויפֿן רויטן טישטוך. ציניש האָט די לבנה אַריינגעקוקט.

זי האָט זיך אויפֿגעהויבּן, זיך געלעגט אויפֿן בּעט אין אַ רייצנדער פּאָזע. איך בּין געוואָרן אויפֿגערעגט. פֿון אַ קאַפּע פֿון גאַס האָט זיך געטראָגן פֿרעכע מוזיק. דאָס האָט אויפֿגעשוימט מיין בּלוט ווי וויין — — —

— זאָג מיר וואָס דו חלומסט ווענן מיר ?

איך בּין צוגעגאַנגען צו איר, אַרומגענומען איר האַלז מיט די הענט און איר געקושט אין רויטן מויל. איך בּין צעמישט געוואָרן. נאָענט נעבּן איר געזיכט, האָבּ איך איר אַריינגעקוקט אין די אויגן און זיך דערשראָקן ; זיי זיינען געווען צוויי שוואַרצע, אָפּגרונטיקע פֿלאַמען.

— איך האָבּ דיך ליבּ, איך האָבּ דיך ליבּ, גאָלדע ! — האָבּ איך כּסדר גע־שעפּטשעט צו איר. כ'האָבּ געקושט איר שטערן, אירע אויגן, איר ווילד־שיין מויל, איר מעכטיקן, דיקן האַלז און — דאַן האָבּ איך איינגעבּויגן דעם קאָפּ איבּער אירע בּריסט. זיי האָבּן געבּרענט אַזוי הייס און געדראָט אויסצופּלאַצן אין צוויי ריזיקע פֿלאַמען. איר רויט קלייד האָט געבּרענט ווי אַ פֿייער, ווי עס וואָלט כּסדר געבּרענט איר לייבּ ; איך האָבּ מורא געקראָגן פֿאַרן דאָזיקן פֿייער, ווערנדיק דערפֿון גערייצט. די פֿאַלדן האָבּן ווי געלאַכט און פֿון מיר ציניש חוזק געמאַכט ; פֿון אירע נאָז־לעכער, צעשפּרייטע ווי בּיי אַ שטיר אין קאַמף מיט די רויטע, פֿאַרעטערישע טיכער — האָט געשלאָגן מיט היץ ; פֿון איר גאַנצן קערפּער האָט געשלאָגן אַ הייסע, זודיקע כוואַליע פֿון פֿייער אין דראַנג בּאַהערשט צו ווערן. זי האָט פֿלוצלונג אָנגעהויבּן ציטערן, אַזוי שטאַרק ציטערן, אַז איך האָבּ זיך געפֿילט אומבּאַהאָלפֿן, ווי אַ קליין אינגל. מיט צוויי מעכטיקע, אייזערנע אָרעמס האָט זי מיך געדריקט צו אירע בּריסט, גרויסע, שטאַרקע, פֿון ווייסן

פייער געגאָסן — צוויי ריזיקע, רונדע פרוכטן פון לײדנשאַפטס-בוים. . . איך בין מיטן מויל פאַרזונקען אין זיי, זיי געביסן, אויפגעריסן דאָס קלייד, די רויטע זייד, דאַן ווייטער אויפגעריסן דאָס קלייד — אַ געזעטיקטער מיט בריסטן — ווייטער אַראָפּ, צו איר שיינעם, פלאַכן און הערלעכן בויך, איר נאָפּל — ווי אַ שווארצע בלום אויף איר קערפּער, האָט געצויגן ווילדע קושן פון מײַן מויל; דאָס קלייד איז געלעגן צעפליקט אויף איר קערפּער ביז אַראָפּ, די זומערדיקע אונטערוועש האָט זיך דערשראָקן פאַרן אויסברוך פון שטורם און צעקראָכן אויף איר קערפּער ווי פּאַפּיר; אין שיין פון דעם צאַנקנדן ליכטל, וואָס האָט געל געלויכטן און געוויינט מיט דיקע, שווערע טרערן — איז געלעגן איר רויטע שטיקער זייד, אויף דער רויטער קאָלדרע פון בעט, איר פּרעכטיקער, ווייסער, הערלעך-געשניטענער קערפּער און געציטערט ווי פון שנייען אַרומגערינגלט. . . .

די לבנה האָט געוואָרפן אַ מאַטן שײַן אויף איר דורכן פענסטער; איך בין אייפערזיכטיק געוואָרן אויף דער לבנה; כ'האָב איבערן פענסטערל פאַרצויגן דעם פאָרהאַנג און ווי אַ בייזער סאַטיר געלאַכט און זיך געריצט מיט איר; אַ קעניגין איז איצט געלעגן אין איר פולער שיינקייט, אַ מוטער-נאַקעטע, אין מײַן אָרעמען צימערל. . . אַ ווילדע נקמה האָב איך דערלעבט אין איר, אַ שרעקלעכע נקמה! איך בין איר האַר איצט, זי וואַרט אויף מיר, אויף מײַנע טאַטן. אירע אויגן זײַנען איצט געווען מאַט פון לײדנשאַפט און שאַנדע!

פּלוצלונג האָב איך אויף איר מיטלייד באַקומען און ווי אַ בליץ האָב איך זיך אַרויפגעוואָרפן אויף איר, געגלעט, געקושט, געשניטן מיט די ציין און צאַרט באַרירט אירע בריסט, איר בויך, אירע דיקע, מאַרמאָרנע, מאַסיווע פיס, ווי פון בערג טייג געקנאָטן, איך האָב זי געפּייניקט מיט דער גאַנצער אויסברוך פון לײדנשאַפט און — אַן איינגעגראָבענער אין איר קערפּער, פון אירע אָרעמס געשמידט, געניסנדיק אַלע פאַרגעניגנס פון אַ פרויען-גוף — האָב איך געפילט ווי איך לעב איבער דעם העכסטן עקסטאַז פון ליבע, מיר ווערן ווירקלעך ווי איין שטיק פלאַנעטאַרע סטיכיע, אין די זעלבע פריידן פאַראייניקט. — — — —

זי האָט געמוזט אַהיימגיין צו איר מוטער, שלאָפן. דאָס ליכטל איז שוין געווען פינסטער און איז געשטאָרבן אין פאַרגליווערנדע טרערן. די לבנה — אַ נאַקעטע און פרעכע — האָט זיך געקושט מיט וואַסערן און בוימער. . . אַלץ האָט זיך צו איר געבוקט. זי איז געווען די גרויסע גאַסן-פרוי פון אוניווערס. . . .

פאָרזיכטיק האָט זי שפּעט בײַנאַכט צוזאַמענגענייט איר קלייד, זיך איינגעהילט אין איר מאַנטל און איך האָב זי באַגלייט איבער דער שטילער אַלייע אַהיים. די לבנה איז אונז נאָכגעגאַנגען. מיר האָבן זיך נישט געקוקט אין די

אויגן. מיר האָבן נישט גערעדט. בלויז נעבן איר הויז, ווען זי האָט מיר געגעבן א זייער וואַרעמע האַנט, פול מיט דאַנקבאַרקייטס-אויסדרוק — האָט זי שטילער-הייט געזאָגט:

— איצט וועסטו מיך פאַרגעסן... אַזוי זיינען די מענער... נו, גענוג שוין. זיי געזונט, טייערער! גיי פאַרזיכטיק אַהיים. אַך, ווי דו מוזט זיין מיד...

זי איז אַוועק ווי אַ טייערע זאַך פון מיר, וואָס איז ערשט געווען אַ טייל פון מיין קערפּער און מיין נשמה. פול מיט גליק בין איך צוריקגעגאַנגען. אין דער נאַכט האָב איך ווי אַ פּלאַנעט געלויכטן מיט פרייד... מיט מיר האָבן פריילעך מאַרשירט די שטערן, די לבנה, די וואָלקנס, דער הימל, די אַלייען און די הייזער מיט זייערע טונקעלע שאָטנס...

מיט מיר האָט מאַניפעסטירט דער גאַנצער אוניווערס, און אומענדלעכע באַגייסטערונג אין אַלץ האָט געזונגען אַ לויב צו דער קעניגינס געטלעכן קער־פּער... דער קאָסמאָס איז איצט געווען זאַט פון גליק... דער גאַנצער קאָסמאָס האָט איצט אין אייביקן ליבע-גליק מאַרשירט... שפּעטער, ליגנדיק אין בעט, בין איך מיטן דאַך-שטיבל געפלויגן צווישן די שטערן וואָס האָבן געטאַנצט אַ געטלעכן ליבע-טאַנץ... איך בין געווען אַזוי היימיש מיט זיי...

ליעזש

איז אַז אָוונט האָב איך געקויפט אַ פלעשל ווייז, אַהיימגעגאַנגען אין מיין מאַנסאַרדע און עס אויסגעטרונקען. איך האָב זיך געלייגט שלאָפן. דאָס האָב איך געוואָלט פאַרטויבן און פאַרטרינקען נאָך אַ מעת־לעת, דען צומאָרגנס אָוונט האָב איך באַדאַרפט פאָרן קיין ליעזש.

מיך האָט כסדר געצויגן אַוועקצופאָרן פון דער דאָזיקער פאַרשאָלטענער שטאָט וואו זי געפינט זיך. אָ, ווען איך וואָלט געקענט אויסגעפינען אַ צווייטן פלאַנעט, וואו זי האָט נאָך אַפילו נישט באַטרעטן מיט קיין פוס. . . אָ, ווי גליקלעך וואָלט איך געווען.

צומאָרגנס אין דער פרי בין איך אַוועק צו אַוועני ראָיאַל זיך געזעגענען מיט גאָלדען.

זי איז נישט געווען אין הויז. כ׳בין געזעסען אין גרויסן זאל און זיך איינגעהערט אינם רעגן, וואָס האָט געקלאַפּט אין די שויבן. אַלץ איז געווען אַזוי מאַנאָטאָן און טרויעריק. איר שוועסטער בלומע איז געזעסן אַנטקעגן מיר.

איך בין אַוועק אומגעזעגנט און אין אָוונט בין איך מיט אַ חבר געפאָרן קיין ליעזש.

עס איז געווען אַזוי אומעטיק אין וואַגאָן. דער ווייז פון נעכטן אָוונט, וואָס איך האָב געטרונקען מיטאַמאָל, איז מיר קאַפּויר געגאַנגען. מיר האָט זיך געדרייט דער קאָפּ. דורכן פענסטער האָב איך געזען פאַרבייליופן די גרויע פלעמישע פייזאַזשן פון האַרבסט־צייט, ווי ריזיקע וויזיעס פון זומעט. דער רעגן האָט פאַרגאָסן די שויבן פון וואַגאָן. מיין חבר איז מיר געווען אַ ווילד־פרעמדער. ער איז געפאָרן זוכן אַרבעט, עסן, אַ צימער, א חברטע. . . און איך ? איך האָב געזוכט אַ פלאַץ, וואו די דעריגערונגען וועגן איר זאָלן מיך נישט פייניקן. איך בין געווען גליקלעך זיך צו דערווייטערן פון דער דאָזיקער שטאָט. איך האָב געוואָלט לעבן אַליין. זיין אַליין. ענדלעך זיך אָפּרוען פון גאָלדען, פון פריינט, פון דער רעוואָלוציע, פון אָן א שיעור פראַזן, פון אַ קינסטלער לעבן, אָן זין, אָן רו, אָן היימלעכקייט . . . די פעלדער און גרויע ביימער זיינען געלאָפן.

מיר האט זיך טיילמאל געגלוסט צו וויינען, טיילמאל צו אומארמען דעם אומעט און אים קושן, דען נאר ער איז געוועזן מיט מיר אליין אזוי פיל יארן. . . איך בין געוועזן גליקלעך און אומגליקלעך. . . .

אט זיינען מיר אין ליעזש. די שטאט פון גרויע פאבריקן, פון קוילנגרובן. איינע פון די גרעסטע אינדוסטרי-שטעט. איך בין געגאנגען מיט מיין חבר איבער די גאסן. וואסערא שרעקלעכער אומעט! דער רעגן גיסט איבער די טראטוארן, אלץ גלאנצט. א סך זיינען אנגעטאן אין רעגנמאנטלען וואס גלאנצן מיט קאלטע גלאנצן. . . ס'איז אזוי שרעקלעך קאלט. . . .

א פרעמדע שטאט, פרעמדע מענטשן, פרעמדע בוימער אין הארבסט. פרעמדע גאסן מיט פרעמדע לאנטערנעס, וועלכע וויינען און בליקן אומעטיק אין רעגן. וואסערא אונטערשיד; דארטן איז אלץ פול געוועזן מיט גאלדען. . . . יעדע לאנטערנע האט מיך געקענט; יעדער צווייג האט מיך געגריסט; יארנלאנג האב איך פארבראכט אין „קיוויט-פארק" — און ווען איך בין א טאג גישט דארט געוועזן, איז דער פארק טרויעריק געוועזן. . . אין אוונט פלעג איך דארט טרעפן די צוויי שווארצע רוסישע מיידלעך פון רעסטאראן, דעם קליינעם לערער מיטן ווערטערבוך אין פינף אייראפעאישע שפראכן — רייידנדיק וועגן גזבות, די רויט-האריקע דייטשע דינסט מיטן "בויך", דעם שפאניש-אידישן פאעט וואס ליידט אויף פאראליזש אין מאגן. . . .

און דא — אלץ איז אזוי פרעמד. א שטאט פון מעטאל, פון רעגן-גלאנץ. רויך און סאזשע ליגט אויף די ווענט. די מענטשן מארשירן דורך מיט זייערע געליבטע פרויען, וועלכע זיי טוליען צו זיך אין צערטלעכקייט און ליבע. . . און איך?! ווער בין איך דא? וואס בין איך ווערט פאר זיך אליין אן גאלדען, אן מינדעסטנס די זאכן וואס האבן א שייכות מיט איך?. . .

אין זעלבן אוונט בין איך אין סעריין, עטלעכע מייל ווייטער; א שטעטל נעבן ריזיקע קוילנגרובנס; מיינע צוויי חברים, לאנג באקאנטע, פירן מיך איבער די שטאק-פינסטערע געסלעך; אזוי אומעטיק; ביידע ליבן איין מיידל; מען פירט מיך אריין אין א קאפע וואו סערבן און קראאטן זינגען לוסטיקע לידער; זונטיק אוונט; די קוילנגרעבער האבן זיך אנגעטאן שיין, זיך אויסגעפוצט, שכורן, קוקן מיט מעטאליש-גלאנצנדע אויגן צו דעם מיידלס פיס וואס אנטפלעקן זיך נאקעטע פון אונטערן קליידל אפיר; זי טאנצט פלינק און פארשייט. איך טרינק ביר. נאר מיר איז אזוי אומעטיק. איבער די טויטע געסלעך גייט ארום דער ריזיקער אומעט. שטעקט אריין זיין ביינערדיקע האנט אין מיין קעשענע. פירט מיך אין דער נאכט. . . .

איך שלאף ביי א חבר מיט נאך אכט מאן אין פינף בעטן; ער דערציילט

מיר אַז ער ליבט אַ מיידל ; אַז דער צווייטער חבר ליבט זי אויך. אָבער מיר גלוסט זיך וויינען, וויינען. צוריק צו יענער שטאָדט, וואו איך קען אַ טייל פון גאָלדען אומעטום געפינען, אין אַלע ווינקעלעך.

צומאָרגנס פאָר איך צוריק — און אין אַ וואָך אַרום בין איך ווידער אין דער ליבער שטאָט ; מיר איז אַפילו ליב די טרויעריקע דרוקעריי, וואו איך האָב אין די נעכט און אין די טעג געטראַכט וועגן גאָלדען. . . איך זוך אָפּ אין זעלבן אוונט הער האַלפערן, דעם קליינעם אַלטן מאַן מיטן גרויסן בויך. ער האָט דאָך אויך ליב געהאַט גאָלדען. . . איך וואָלט מיטן אַלטן מאַן געזעסן אַ גאַנצע נאַכט, גערעדט איבער מאַריאַבורג, איבער פאַרשיידענע זאַכן, נישט איבער גאָלדען אַליין. . . דאָס דאַרף ער דאָך נישט באַמערקן. . . .

די אויגן צעגלאַנצן זיך ביים אַלטן. מיר זיצן אין זיין צימער. ביינאַכט. איצט קומען מיר אַן מאָדנע געדאַנקען. איך וועל נקמה נעמען אין אים פאַר ליבן גאָלדען . . . איך וועל אים ווערגן . . . אָט, ער דרייט זיך אויס מיטן רוקן צו מיר. . . איצט קען איך דאָך אים אָננעמען ביים קאַרק און שיקן צום טייוול. . . ווער וועט וויסן אַז איך האָב אים דערמאָרדעט ? . . קיינער האָט מיך נישט געזען אַריינגיין צו אים. . . קיינער וועט מיך נישט זען אַרויסגיין. כ'וועל פאַרשווינדן אין דער געדיכטער נאַכט. . . .

אָבער פאַרוואָס זאָל איך אים דערמאָרדן ? איצט פאָרעט ער זיך ביים קיך, שטעלט צו צום טיש די זילבער־שיפּיקע פישלעך אין אַ בלעכענעם קעסטל. אַ, ווי זיינע בעקלעך גלאַנצן, הענגען נאָך ווי ביי אַ ניי־געבוירן קינד. ; ווי ער איז צופרידן. גלאַנץ און שמייכל און שוויים רוט אויף זיין דיקלעך, פּיליסטעריש פּנימל. . אָבער ווי קיינער קען דאָ נישט באַמערקן גאָרנישט. אַך, דו שמוציקער אַלטער ! וואָס ביסטו אַזוי צופרידן ? דו גרייטסט צום טיש פאַר מיר — האָפנדיק אינזיינען אודאי, ווי דו האָסט גאָלדען געקושט דעם זעלבן אוונט ווען איך בין געוועזן ביי איר און זי האָט מיך פון מאַריאַבורג אַוועקגעשיקט מיט אַ ברוגז־טאָן. . . ער שמייכלט, דער אַלטער. . . אַ, ער ווייסט פאַרוואָס ער שמייכלט אַזוי ציניש פון מיר. . . .

— פאַרוואָס רעדט איר נישט ? נו, הערט נאָר, — האָט ער פּלוצלונג איבערגעהאַקט די שטילקייט מיט זיין קלינגענדיקן, דינעם טאָן, — וואָס מאַכט דאָרט אייער פריינדין ? כ'מיין, די גאָלדע ? וואו איז זי ? אַך, זי איז געוועזן אַ היבשע נקבה. . . .

איך פיל זיך באַליידיקט פון זיין ציניש טאָן. ער טראַכט זיך אודאי : איך פרעג דיך — אָבער איך ווייס גאַנץ גוט וואו זי איז. . . אַ, איך ווייס שוין צופיל. . . .

— אָ, איר מיינט די פריינדין פון מאַריאַבורג? יאָ, זי איז פאַרנומען. שוין אַ לאַנגע צייט זי נישט געזען... זי... זי פאָרט דריי טעג איז וואָך קיין ברוסל, אין אוניווערזיטעט....

— אָך, אין אוניווערזיטעט?... נו יאָ, פאַר אַזאַ מיידל איז דאָך נישט קיין עסק זיך צו ליבן... זי מוז דאָך געניסן אַביסל ליבע — און דאַן זיך לער-נען... לערנען... זי מוז ווערן עטוואָס געזעטיקט אין ליבע, איר פאַרשטייט? — און דאַן קען זי ווידער זיין רואיק....

אַזוי איז די געשיכטע? אָט דער אַלטער, ברודיקער מאַן האָט איר דאָס געזעטיקט אין ליבע... אָ, איך וועל נקמה נעמען אין אים... די לאַנטערנעס אין גאַס זייען שוין פאַרלאָשן.

— ווער וואוינט נאָך אין דעם הויז, הער האַלפערן?' — פרעג איך אים פאַרזיכטיק.

— פאַרוואָס פרעגט איר? כדי צו זיין זיכער? אָ, קיינער וועט אייך דאָ קיין שלעכטס נישט טאָן — און וואָס שייך מיר, האָב איך אַ רעוואָלווער. איך טראָג אים שטענדיק ביי זיך... איר זייט ביי מיר אין שוץ. שרעקט זיך נישט. — ער ווייזט מיר דעם רעוואָלווער אין הויזן-טאַש, איבערן בויך און שמייכלט ווי אַ צופרידן קינד.

אַזוי? ער האָט אַ רעוואָלווער? נו, וועט מען אים דערווערגן מיטן רע-וואָלווער... וואָסאַראַ אַלטער נאַר... ער איז זיכער... איך גרייט זיך אין האַרץ שוין צו שפּרינגען אויף אים....

— פאַרוואָס זייט איר אַזוי נערוועז? אפשר בענקט איר נאָך אייער גע-ליבטע? יאָ, זי איז געווען אַ היפּש שטיק... ווירקלעך, אַ גרויסן בוזם... אַ מויד אַ שטאַרקע... נו, מאַכט זיך נישט נאַריש. פרויען זיינען פאַראַן גענוג, איינע בעסער פאַר די אנדערע — אָדער... פונקט פאַרקערט...

ער לאַכט פון מיר... ער לאַכט נאָך... איך בין געווען אויפגערעגט. מיינע הענט האָבן געציטערט... זאָל איך צופאַלן צו אים?' זאָל איך אים ווירק-לעך טויטן — די בעסטיע?... איך האָב אים שרעקלעך געהאַסט. צו אַזאַ אַלטן מאַן האָט זיך גאָלדע איבערגעגעבן... יאָ, אַלע פרויען מיידן אויס דעם איידעלען מאַן — גיבן זיך איבער דעם געמיינעם דעם ברוטאַלן מאַן, דעם אויס-נוצער, דעם פאַר וועמען זיי ווערן שמאַטעס בלויז, שוועלן אויף צו טרעטן....

און — זי אויך!... זי איז געווען אַזאַ איינע! זי האָט ליב געהאַט דאָס ברוטאַלע. עמיל זשאַנינגס איז איר זייער געפעלן, ווייל ער איז געווען ברוטאַל און האָט זיך מיאוס באַנומען צו זיינע פרויען-העלדינס... זי האָט ליב געהאַט

צו גיין שפּאַצירן צום האַפן, צו די שמאָלע, טונקעלע געסלעך וואו זיבעציק־יעריקע פרויען־קאַריקאַטורן האָבן זיך פּראָסטיטואירט. . . עקלהאַפטע פרוי. . . זיי ליבן דעם מעקלער פון שאַנד־הייזלער. . . .

— וואָס מאַכט איר אַזעלכע מינעס? איר ווילט מיך אפשר מאָרדן און צונעמען דאָס געלט? זאָג איך אייך אַז איך האָב נישט קיין איין גראָשן ביי זיך. . . .

— מאָרדן? וואָס רעדט איר, הער האַלפּערן? אַפילו דער וויץ געפעלט מיר נישט!

און — איך האָב זיך דערשראָקן פאַרן דערזען אַפילו אין וויץ מיין געדאַנק, מיינע גרויזאַמע אַבזיכטן. . . איך האָב געוואָלט וואָס שנעלער ווייט זיין פון׳ם אַלטן. . . וואָס שנעלער. . . ווען נישט — בין איך איינגעשטעלט. . . קען איך איבערגיין צו טאַט. . . .

איך בין שנעל אַרויסגעלאָפן און דער נאַכטס קאַלטער לופט האָט געטריקנט מיין שווייס, איך בין געווען גליקלעך צו זיין אַליין מיט דער געדיכטער, פינסטערער נאַכט, ווי אַ פאַרזונקענער אין אַ שוואַרצן, טיפן זומפּ, אויסגעטאָן פון אַלע מענטשלעכע פרייד און ליידן, מיין האַרץ פאַרקלעפּט מיט קריכנדיקן ליים. .

אַדיע!...

איך האָב דאָך באַשלאָסן אַוועקצופאָרן אויפסניי פון איר. . . איך האָב באַשטימט צו פאָרן קיין פּאַריז.

עס איז געווען אַ כמורנער טאָג, ווען איך בין געפאָרן צו אַוועני ראַיאַל, כדי זיך צו געזעגענען מיט גאָלדען און מיט איר ברודער שלמה. די וואָלקנס האָבן זיך געשטופּט איינע איבער די אַנדערע, ווי ריזיקע סטאַדעס פון ווילדע שטורמס. די זון, אַ וויאַנענדיקע, געלע האַרבסט-בלום, האָט מאַט אַרויסגעשיינט פון העלע הימל-שפּאַלטן. איך בין געווען טרויעריק, ווי שטענדיק, ווען דאָס כמורנע וועטער האַרמאָנירט מיט מיין כמורנער שטימונג. . . .

שלמה איז געזעסן אין שטוב און געוואַרט אויף דער מוטער. גאָלדע איז נאָך נישט געווען. איך בין אַראָפּגעגאַנגען, כדי צוריקצוקומען און זען גאָלדען.

איך בין אַריינגעגאַנגען אין דער עלעגאַנטער קאַפע, כדי צו דערוועקן די זיסע דערינערונג, וואו מיר האָבן געטרונקען קאַווע יענעם אָוונט, זוכנדיק אַ צימער. מיר האָט זיך געדאַכט אַז די איידעלע, בלייכע פּרוי קען מיין ציל. . . . איך האָב זיך געזעצט אין אַ ווינקל און באַטראַכט דעם אַנדערן ווינקל, וואו איך און גאָלדע זיינען מיר געזעסן. . . .

אַלץ איז דאָ געווען אַזוי עלעגאַנט און שיין, פאַרביק און סימעטריש. סימעטרי ווירקט אויף מיר פּאַעטיש. קונסט מוז באַזיצן אין זיך סימעטרי.

דאַן בין איך אַרויסגעגאַנגען און באַטראַכט די ביימער, ווילדע ווי שפּינען, פאַרוואַקסענע און פאַרוואָרצלטע, אַלטע, קעניגלעכע, ווי חשוב'ע בעלי-בתים אין אַ היסטאָרישער שטאָט; יעדער בוים איז מיר געווען באַקאַנט; דאַן די קברים, אויף וועלכע איך האָב אָפּט אַרויסגעקוקט פון גאָלדעס צימער. . . מיר האָט זיך געדאַכט אַז איצט געזעגענען זיי זיך מיט מיר, אַז די טויטע מורמלען אַרויס פון אונטערן שטיין אָפּיר טויזנט "אַדיעען" . . . די בלומען האָבן גע-וויאַנעט איבער די בערגלעך. אַ סך בילדער פון מצבות האָבן צו מיר גע-שמייכלט. . . אַנדערע זיינען געווען זייער אומעטיק. . . .

איך האָב זיך געדרייט איבער די גאַסן, זיך געזעגנט מיט יעדער פּלאַנץ

און בלום, מיטן הימל וואס איז געהאנגען ווי א בלויער, שטורמישער ים ; די זון האט אלץ מאט געלויכטן ווי א מידע שוואן אין אן אומבאוועגלעכן טייך. . . .

ווידער בין איך ארויפגעגאנגען. גאלדע איז שווייגנדיק געזעסן ביים טיש.

— דו פארסט שוין ?

— יא, איך פאר פיר אזייגער אוועק. איך וויל זיך מיט דיר געזעגענען !

— געוויס, געוויס ! וועסטו שרייבן ? איך בעט דיך, שרייב מיר, דא האסטו דעם אדרעס ! — זי האט מיר געגעבן דעם אדרעס, באמיט זיך צו זיין צערטלעך און הארציק, אבער איז געווען נערוועז און פלאמענדיק.

איך בין מיט איר אראפגעגאנגען. כ'האב פון גערירטקייט נישט געקענט אויסרעדן קייןווארט. מיר זיינען געזעסן אין טראמוויי ווי צוויי ברוגז'ע מענטשן. אויפן וועג, אין די אלייען, איז געגאנגען א מיידעלע מיט זייער לאניע, בלאנדע, געקרויזטע האר, גאנץ פריי צעלאזן.

— וואסארא שיינע האר ! דו זעסט, ווי הערלעך !

— יא, זייער שיין ! — האב איך מעכאניש באמערקט און ווידער געשוויגן.

ביי דער דיאמאנט-בערזע איז זי אראפ מיט מיר. דארט האט זי געארבעט אין א ביורא. איך האב געקלערט צי זאל איך איר קושן די האנט. עס איז געווען א גרויסער געדראנג. שטענדיק האב איך איר געקושט די האנט — און דא, צום לעצטן מאל פילייכט זיך זעענדיק, זאל איך אוועק אזוי שטיל. . . . טרוקן. . . .

פלוצלונג איז צוגעקומען איר קאזין פון פוילן, דער יונגער סטודענט. זי האט מיט אים אנגעהויבן צו ריידן זייער נערוועז, קאלט. האט געוואלט פריי ווערן פון מיר, האט זיך געשראקן פאר דער געזעגנונג. . . .

— זיי געזונט, גאלדע ! — האב איך איר מיט א פארשטיקטער שטימע געזאגט, אויסשטרעקנדיק די האנט.

— שרייב און זארג נישט. זיי א מענטש. דו טארסט דאך נישט זיין קיין קינד. — האט זי אויך מיט א גערירטער שטימע איבערגע'חזר'ט.

מיר האבן זיך געדריקט די האנט — און איצט האבן מירביידע זיך געוואלט שנעל צעשיידן, כדי צו ענדיקן דעם סענסיטיוון מאמענט. . . .

זי איז אריין אין דיאמאנט-בילדינג. איך בין געווען צעמישט. א גאט ! ווי עלענט איך בין איצט! מיר האט זיך געדאכט אז מיין הארץ, אין א זיידענעם קלייד, איז פון מיר אוועקגעגאנגען. . . אויף קיינמאל מער נישט צו זען. . . .

* * *

אין זעלבן אוונט האב איך פארבראכט מיט שלמה'ן, איר ברודער, ביים פארט, טאנצנדיק מיט בראזיליאנער מאטראסן. מיר זיינען ביידע געווען גוט

שכור, ער האָט צום לעצט געפונדעוועט שאַמפּאַניער, וואָס האָט אונז נאָך שכור'ער געמאַכט. אַהיימגייענדיק בין איך אַריינגעפאַלן אין אַ גרוב מיט וואַסער, נעבן וועג; דאָרט, מיטן קאָפּ אין בלאָטע, בין איך געלעגן און מיר האָט זיך געדאַכט אַז די ווייכע בלאָטע איז דער קערפּער פון גאָלדען, ווייך, זיידן־ נאָכגעביק און צאַרט. . . זי פאָלגט און ענטפערט אויף אַלע מיינע קושן. . . .

ווען כ'האָב דערוואַכט, איז שלמה נישט מער געווען. . . ער האָט זיך, ווייזט אויס, אַהיימגעשלעפּט, שכור'ערהייט, מיינענדיק אַז ער גייט מיט מיר. . . דעם אַנדערן טאָג, פיר אַזייגער נאָכמיטיק, בין איך אָפּגעפאָרן קיין ירושל, כדי דאָרט צו נעמען געלט ביי מיין ברודער און פאָרן קיין פּאַריז . . .

פּאַריז...

אין פּאַריז האָב איך זיך אַרומגעפּאַרעט אין אַלע בולוואַרן און קאַבאַרעטן; איך האָב געזוכט צו פאַרטרינקען איר געשטאַלט אין מיר. אַ, ווען איך וואָלט געפונען אַזאַ דאָקטאָר וואָס זאָל אינגאַנצן אויסשניידן זי פון מיר. זי האָט זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן אין מיר ווי אַ שרעקלעכער ראַק, ברייט פאַרשפּרייטנדיק די לאַפּעס. . . .

איינמאָל אין אַן אָוונט פון לויטערן לבנה־שיין, ווען דער ריזיקער פּור־מאַמענט פון הימל גלאַנצט מיט אומגעווײנלעך־ליכטיקע וועלטן־אָקעאַנען, בין איך פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן צום „נאָטער דאַם". די סטאַטועס און סקולפּטורן פון דעם טייוול האָבן איצט געגלאַנצט אינם ווייסן שיין; די שרעקלעך־קאַרי־קאַטוריסטישע געזיכטער האָבן איצט ווילד און היסטעריש געלאַכט, די ריזיקע נעז הויבנדיק צום הימל. . . איך בין געווען קליין ביי זיך און טרויעריק. אַ, ווי די מיאוס'ע באַשעפענישן האָבן מיך אויסגעלאַכט. ווי נישטיק איך בין גע־ווען. דער טייוול אַליין האָט מיך גענומען אין דער אַרבעט און מיך צעבראָכן. איצט האָט ער אויסגעשטעלט אין איין נאַכט אַט די אַלע משונה'דיקע ברואים, מענטשן אין דער פאָרם פון פּרעש און חיות; מיך האָט אָנגעהויבן שווינדלען. און דאַך האָב איך זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון אָט דעם געוואַלטיקן ספּעק־טאַקל פון חוזק. מיר האָט זיך געדאַכט אַז דאָס הימלישע פּובליקום מיט זיסע, קינדערישע שטערן־געזיכטער קוקט זיך צו צו דער קראַנקער, פאַנטאַסטישער פאָרשטעלונג — גאָלדעם געזיכט איז געווען אין זיי אַלע — — איך געלעכטער —

די שטאָט פּאַריז איז וואונדערשיין. ס'איז אָבער נישט ריכטיק, אַז מען קען דאָרט פאַרגעסן דאָס שרעקלעכע געפיל: די ליבע. . . מיר האָט זיך געדאַכט אַז איך וועל משוגע ווערן. איך האָב איר געשריבן יעדן טאָג בריוו, וואו כ'האָב איר געדראָט צוריקצוקומען און זי צו טויטן. זי האָט מיר בלויז געענטפערט דורך דער גאַנצער צייט מיט איין בריוו. אין בריוו האָט זי מיר געשריבן אַז זי האָט נישט קיין מורא פאַר מיין דראָונג, אַז איך בין משוגע און — עטלעכע

מאָל בעט זי מיך צו ווערן נאָרמאַל, צו ליבן דאָס לעבן. זי פאַרזיכערט מיך, אַז אין עטלעכע יאָר אַרום וועל איך זי אינגאַנצן פאַרגעסן.

א משוגע פאַרליבטער האָב איך אַרומגעבלאָנדזשעט איבער די קברים פון מאַרמאָנטער בית-עולם און פון "פּער לאַשעז."

* * *

אַזוי אַרומשפּאַצירנדיק איבער דעם בית-עולם אין „פּער-לאַשעז" האָב איך געטראַכט כסדר וועגן גאָלדען. איך בין געווען אַ קאַריקאַטור פון דאָן־קיכאָט, ברענענדיק און פלאַמענדיק פאַר אַ פאַלשער פּרינצעסין דולצינע. יאָ, פאַר דולצינעען! יענע פּרינצעסין איז געווען אַ פאַנטאַסטישע, אַן אויסגע־טראַכטע — און עס איז געלעגן אין דער מאַכט און אין דער פאַנטאַזיע פון דעם העלד ער זאָל זי באַצווינגען זי מאַכן ליבן אים. . . און גאָלדע איז געווען אַ פרוי פון בלוט און פליישׁ, וועלכע מען קען נישט צווינגען צו ליבן. . . .

איך האָב ווירקלעך מקנא געווען די אַלטע טויטע און די הערלעכע קברים; און פאַרנאַכט, ווען די זון האָט מיט מעשענע שטראַלן באַגילדעט די קופּאָלן פון די שטיינערנע הייזלעך און די מאַנטלען פון די מאַרמאָרנע מאָנומענטן — האָב איך באַוואונדערט די רייכקייט און די גלאָריע פון דעם אָרט, וואו עס איז אָנגענעם צו ליגן, צו רוען, צו ווערן איבערגעחזר'ט פיל מאָל אין טאָג דורך צאַרטע דאַמען-ליפּן און פּאַרטרוימטע פּאָעטן מיט לאַנגע, זיידענע האָר. . . .

און דאָך האָב איך זי געוואָלט זען. נאָך איינמאָל זען. איך דערציילן פון פּאַריז. איך דערציילן ווי איך האָב געטרונקען און געהוליעט, געקושט פראַנ־צויזישע מיידלעך אין פּערצנטן יולי און גענאָסן דאָס שטורמישע נאַכט-לעבן פון פּאַריז.

ביז ום אַזיל אויף דער רו דע סאָל, וואו איך בין איינגעשטאַנען איז געווען אַ ווייטער וועג. פון פּער לאַשעז אַז האָב איך אַ מידער דורכגעמאַכט אָט דעם וועג, זיך אָנשטויסנדיק אַ פּאַרטראַכטער אין די פּאַריזער מאַסן.

אַזוי איבערלעבן די ליבע צו אַ פרוי — איז זעלטן. און בשעת די פרוי שטויסט אָפּ. בשעת די פרוי האָט פאַראַכטונג צו דיר. בשעת דו ווייסט אַז אפילו די פרוי זאָל דיך ליבן, וועט נישט קומען צו קיין פאַרייניקונג מיט איר. . . אַזוי זייַן אומפּראַקטיש און פאַרשווענדעריש! . . גאַנץ פּאַריז האָט ביי מיר אין זון-שיין באַקומען די פאַרב פון אירע בלאָנדע האָר. . . ביי דער זייט פון דער סען האָב איך אַ צעטומלטער געוואַנדערט און געזען אין טייך די שוואַרץ-פלאַ־מענדיקע אויגן פון איר. . . .

איך בין געלאָפן אין „לואוור” און אין אַנדערע מוזעאומס. כ'האָב פאַרבראַכט נעכט אין קאַפעען און מיט אויסגעלאַסענע פריינט. גאַסן־פרויען זיינען געווען מיינע געליבטע. אָבער קיין איינע האָט נישט געוואָלט אָפּשיילן די זיידענע הויט פון מיין האַרץ, וואָס האָט געליבט. . . .

פאַריז האָט מיר דערמאָנט גאָלדען מיט יעדער זאַך. די קונסט, דאָס רוישיקע לעבן, דער געוואַלטיקער גאַנג פון דער צייט דורך ריזיקע געשעענישן און גרויסע לעבנס — אַלץ, אַלץ האָט מיר נישט געקענט צעשטערן דאָס גרויסע געפיל. . . .

און אין די נעכט, ווען כ'בין געלעגן אין אַזיל, ווען כ'האָב שרעקלעכע חלומות גע'חלומ'ט, האָב איך געזען גאָלדען אין פאַרשיידענע פאָזיציעס מיט איר פריינדין של.— דאָס האָט מיך נאָך מער געפייניקט. איצט בין איך גרייט געווען צו דערשיסן ביידע ווי הינט. . . וואָסאַראַ שרעקלעך געפיל עס איז געפייניקט צו ווערן פון וויזיעס וועלכע פאַראַטן דיך איינע נאָך דער אַנדערער — און מיט אַ פרוי פאַראַט זי דיך! . . . מיט אַ פרוי! . . . ווי שרעקלעך! מיין גאָט! ווען איך וואָלט ביידע געקענט טויטן. . . .

ווען איך פלעג אַרומגיין אין די גאַסן, אַ צעבראָכענער און קראַנקער, פלעג איך פלוצלונג אַריינגיין אין אַ קאַפע און צו איר שרייבן בריוו, וועלכע זי האָט געוויס צעריסן אומגעלייענט. . . .

זעקס וואָכן האָב איך אַזוי פאַרבראַכט אין פאַריז, אין ביטערניש און קרענקונג, ביז דער דראַנג זי צו טויטן האָט מיך באַהערשט מיט אַ שרעקלעך דעמאָנישער קראַפט. . . טויטן, טויטן, טויטן! — איך בין געלאָפן מיט דער דאָזיקער פייל אין האַרצן צוריק קיין בעלגיע. . . .

„זי בלייבט ביי מיר"...

וואס מער זי איז אוועק פון מיר, אלץ מער האב איך זי באהאלטן אין זיך. איך האב זיך באמת אז מיין אידעאלע געליבטע וועלכע איז אויף אייביק געווען אין מיר זאל בלייבן א שיינע, איידעלע, דורך מיר באהערשטע און באצוואונגענע. זי איז געווען מיין נקמה-שאפונג; יענע איז אוועק; איר שאטן-בילד פון זון-שטראלן בלייבט אייביק ביי מיר. . . .

* * *

זייענדיק אין ברוסל האב איך באקומען א שרעקלעכע בענקשאפט זי צו זען. דאס לעבן אין ברוסל איז געווען אזוי גרוי. כ'האב געארבעט אין א טעקסטיל-פאבריק אין איקל, הינטער ברוסל; ביים וואשן און שווענקען סאמעטענע שטאפן, האבן זיך מיר פון שארקאל אויסגעברענט לעכער אין קערפער און אין די הענט. איך בין געווען צעריבן און צע'ממית'ט, נישט קענענדיק פארטראגן די שווערע, פיזישע ארבעט.

איין זונטיק האב איך געהאט רו. דעם דאזיקן איינציקן טאג האב איך פארבראכט אויף א מיזערנעם אופן, גייענדיק אויף און אפ פון דער ברוסעלער „פואר" (פאלקס-פארוויילונג, א מין קארנאוואל); די בלישטשענדע ליכטער האבן מיך געשטאכען ווי שטאלערנע שפיזן! כ'האב זיך צוגעקוקט צו פארשידענע קריפלען, מענטשן אן פיס און אן הענט; בייכער ריזן-גרויסע און קורצע בוזעמס; פרויען מיט בערד און מענער ווי מיידלעך; ריזן און קארליקעס. . . בלויז איך אליין בין געווען דער געוויינלעכער מיטלמענטש, זיך באדנדיק אין שוויץ פון די ליכטער, פון די שווינדלדיקע קארוזעלעס און אין קליידער-אפגלאנץ פון די אלערליי ציגיינערישע פרינצעסינס. . .

איינמאל, א זונטיק נאכמיטיק, האב איך זיך שטארק פארבענקט נאך גאלדען. איך מוז זי אום יעדן פרייז זען — האב איך זיך געטראכט.

איך האב גענומען א טריין און אוועק אין איר שטאט. אויפן וועג האט אנגעהויבן צו רעגענען און צו בליצן; איך האב אבער נישט פארלוירן דעם מוט; איך וועל זען גאלדען — און דאס וועט זיין די גאלדענע באלוינונג פאר אלץ. . . .

עס איז געווען שפּעטע נאַכט, שטאַרק פינסטער, בלויז די בליצן האָבן אויפגעשניטן ווי מיט לאַנגע מעסערס דעם בויך פון הימל; די הימלישע געדערים האָבן געדראָט זיך אויסצושיטן אויפן אָרימען ערד־פּלאַנעט; אָן אַ מאַנטל, אין צעריסענע שיך, האָב איך געטשאַפּעט אין די גרויסע, טיפע בלאָטעס פון בערכעם; כ'האָב פאַר זיך אויסגעזען ווי אַ קליינער, בלאָנדער וואָרם, וואָס קריכט אומזיניק איבער די פּלאַנעטאַרע זומפּן. ווי נאָר אָבער כ'האָב זיך דערמאָנט אַז כ'וועל זען גאָלדען, האָט מיך אַ מאַגישע קראַפט באַלעבט. יעדער מאָל וואָס אַ בליץ האָט אַ לויכט געטאָן מיט אַ דעמאָנישען שיין איבער דער ערד, האָב איך זיך געשעמט פאַר זיך אַליין, איך האָב זיך געזען אַז אויסגעווייקטן און גלאַנציקן מיט וואַסער, שווער און דיק; כ'האָב נישט געהאַט קיין היטל אויפן קאָפּ.

נעבן אַוועניו ראָיאַל, וואו גאָלדע האָט געוואוינט, איז אויף אַ ליידיקן, ריזיקן פעלד אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ צירק, אַ ריזן־גרויסער צירק, וואָס האָט אין דער רעגנדיקער נאַכט געלויכטן ווי טויזנט בליצן, אָן אויפהער, און אויסצולעשן זיך ווילנווייז; די עלעקטרישע לאָמפּן, אין די טויזנטער, האָבן פאַרגעשטעלט אַ רויטן טיגער, שלאַנק און געפלעקט, עלעגאַנט, ווי ער וואָלט קומען פון פּאַריז — און אַ גרינער זשיראַף, צאַרט און דין, איידל, ממש צו צערטלען און גלעטן און פירן די האַנט איבערן סאַמעט פון זיין לאַנגן, שלאַנקן האַלז. פון דער אַנדערער זייט צירק האָט אַ לייב, ווי אויסגעגאָסן פון גאָלד, מיט זיין ריזיקן קאָפּ אַרומגערינגלט פון דער גיין־גאָלדענער גריווע, געשמייכלט אין דער נאַכט אַריין מיט סאַפּירישע אויגן. . . נעבן אים איז געשטאַנען אַ פרוי, אינגאַנצן נאַקעט, אַפילו אָן אַ גאַרטל — אַ ליבלעך מיידל, מיט לאַנגע, צעלאָזטע האָר, ווי די קעניגין לאָרעליי מיט גאָלדענע לאָקן, וועלכע זי קעמט מיט אַ גרינעם קאַם, און זי האָט פאַרשייט געוואונקען צום לייב. . . עס איז געווען אַזאַ הערלעכע וויזיע פון גאָלד, אַז איך האָב פאַרגעסן אין רעגן, אין ווינט, אין די שרעקנדיקע בליצן און טרערן האָבן זיך מיר באַוויזן אין די אויגן פון רירונג. . . איך האָב ליב געהאַט דאָס מיידל, דעם שמייכלענדיקן לייב, דעם צאַרטן טיגער און די גוטע, יונגע זשיראַפע. . . מיין גאָט, ווי דאָס אַלץ איז שיין, ווי די לאָמפּן לעשן זיך אויס און צינדן זיך אָן, מאַכנדיק דעם איינדרוק אַז די גוטע חיות באַוועגן מיט די גלידער. . . איך האָב מיט קנאה געטראַכט וועגן די מענטשן וואָס זיצן אינעווייניק און זען די גוטע חיות לעבעדיקערהייט און פרייען זיך מיט די נאַקעטע, ליבלעכע פרויען. . . .

אָבער דאָס אַלץ האָט מיר נאָך מער אָנגעצונדן די פאַנטאַזיע און דעם באַגער צו זען גאָלדען, די פרוי וואָס איז פון פלייש און שלעכטס. . . אָבער איך

ווייל זי זען. . . איך גיב אַוועק אַלע שיינע אימאַזשן אין דער וועלט פֿאַר איר איינציקן האַנט־דרוק.

ווען כ'האָב זיך אַ ריר געטאָן צום גיין, האָב איך דערפֿילט די גאַנצע נאַסקייט פֿון מיין קערפּער, וואָס האָט זיך געהאַט צוגעוואַרעמט אין מיין לייב. כ'בין מיט אַ ציטערנדיקן האַרץ צוגעקומען צום הויז, אָבער די פֿענסטער זיינען געווען פֿינסטער, פֿינסטער, פֿינסטער. . . .

איך האָב נישט געקענט אָנקלינגען. ווייזט אויס אַז די גאַנצע פֿאַמיליע איז געווען איצט אין ציריך, וועלכער איז דער גרעסטער אין אייראָפּאַ.

איך בין געשטאַנען ביים הויז אין דער נאַכט, דער רעגן האָט געגאָסן. איך האָב איבערגעקלערט אַלע פֿערגאַנגענע צערטלעכקייטן פֿון גאָלדע, ס'האָט מיר דערמאָנט אַלע פּאַסירונגען מיט איר; איצט איז די קעניגלעכע אַלייע געווען אין אַ שרעקלעכן צושטאַנד ; די ביימער האָבן געוויינט אין רעגן און ווינט. . . .

איך בין צוריק אַוועק און דערזעענדיק די אימאַזשן פֿון ציריך, זיך זייער געפֿרייט ; דער רעגן האָט אַביסל אויפֿגעהערט, כ'האָב זיך געשטעלט אונטער אַ בוים און געזען ווי די לאָמפּן טוישן זיך, ווי דער לייבל שמייכלט צו מיר, ווי דער טיגער איז שאַרמאַנט, ווי די נאַקעטע פֿרוי וואַרפֿט צו מיר הייסע בליקן פֿון אירע עלעקטריש־בריליאַנטענע אויגן, ווי דאָס פֿייער פֿון ציריק נעמט מיך אַרום, קושט מיך, האַלזט מיך, ווי אַ ריזיקע פֿרוי, אָט איז גאָלדע, זי קומט צו צו מיר, קושט מיך, צעבייסט און צעבלוטיקט מיין האַרץ, עס רינט מיט בלוט, זי רעדט צו מיר גוטע רייד, דער גאָלדענער לייב שטייט צווישן אונז, די צאַרטע, נאַקעטע פֿרוי וואַרפֿט אַרויף אויף זיך אַ גילדערנעם מאַנטל פֿון פֿונקען און שימער ; גאָלדע קושט מיך, מיר לעגן זיך אין אַ בעט, עס איז אַזוי וואַרים און גוט, די חיות טאַנצן פֿאַר אונז, בליצן ווערן קליין און צערטלעך, גלעטן אונז מיט רויטע הענט פֿון פּליוש — ווי גוט, ווי גוט עס איז אונז — — — — — — — — — — — —

— —

ווען איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט, איז געווען פֿינסטער אַרום, דאָס ליכט פֿון ציריק איז געווען פֿאַרלאָשן. די חיות זיינען איצט געווען אַן אָפּענע קאָמ־בינאַציע פֿון דראָטן און לעמפּלעך, ס'האָט שוואַך גערעגנט, איך בין געלעגן אין אַ נאַסן גראָז, אונטער אַ בוים. . . כ'בין אַן אָפּגענאַרטער פֿון דער גאַנצער וועלט, אַוועק איבער די בערכעמער גאַסן ; די טראַמוויען זיינען געלאָפֿן פֿול מיט מענטשן, אַרבייטער זיינען געגאַנגען צו דער אַרבעט, כ'בין געווען בייז וואָס מען שטערט מיר דעם טרוים, די רו ; די וועלט איז צוריק גרוי געוואָרן ; כ'האָב געבענקט נאָך פֿייער פֿון ציריק; מעגלעך אַז אין איינעם פֿון די טראַמוויען

פאַרט זי, אַ רואיקע, אַן אויסגעשלאָפענע, אַן אויסגעוואַרעמטע, אַ זאַטע, אַ מיט וואַרעמע קאַווע אָנגעפילטע, אַ פאַרפוצטע, פודירטע און פאַרפומירטע —
און איך. . . .

איך בין אַהיימגעפאָרן און געלעגן דריי וואָכן קראַנק אויף אַ פאַרקילונג, אין פיבער, זייענדיק אָנגעשטעקט מיטן פייער פון צירק . . .

* * *

איינמאָל האָב איך באַזוכט אַ אידישע מאַריאָנעטן־פאָרשטעלונג; פלוצלונג האָב איך צווישן פובליקום דערזען גאָלדען מיט אַ מאַן; זי האָט אויסגעמיטן מיינע בליקן; זי איז געווען רויט, צעפלאַמט, צעשראָקן; איך האָב זי אָנגע־קוקט און עפּעס, מיר דאַכט, האָט זיך דאַן אָפּגעריסן אין מיין בוזעם; איך בין שוין געווען קראַנק, כ׳האָב געהוסט, געהאַט פיבער און כ׳האָב אויסגעזען בלייך און שוואַך. די שרעקלעכע שווינדזוכט־קרענק האָט מיך שוין אָנגעהויבן פרעסן און פייניקן און האָט אָפּגעצויגן גלאַטיק די הויט אויף מיינע ביינער. איך האָב נישט געקענט זיך איינהאַלטן פון קוקן און זיך ווייזן צו איר; כ׳האָב געהאַט אַ שטאַרקן פאַרגעניגן ווען זי האָט מיך געזען; דאָס געפיל פון שעמען זיך איז אין מיר נישט געווען, ווי עס וואָלט זיין היינט.

די קליינע מאַריאָנעטן האָבן געטאַנצט טויטן־טאַנץ און געמאַכט פריילעך דאָס פובליקום מיט זייערע וויצן. נאָר איך בין געווען טרויעריק. ווען עס איז געקומען צום אַרויסגאַנג, האָט זי זיך שנעל געשפּאַרט צווישן פובליקום מיך נישט צו באַגעגענען; איך בין געווען מיט נאָך אַ פריינדין. ווען זי איז אַוועק אין פובליקום, האָב איך געציטערט און אַ ווילדער פיבער איז מיך באַפאַלן, גע־גריזשעט מיך מיט אַ קופערנעם, פייערדיקן מויל. . . .

* * *

איינמאָל, נאָך אַ לאַנגער צייט, בין איך צו איר געקומען פלוצלונג, ווען־דיק טרעפן דעם ברודער. צופעליק איז גאָלדע געווען אין שטוב. זי האָט זיך געזעצט נעבן מיר. איך האָב דעם אָוונט, נאָכן אָפּשערן זיך, אויסגעזען אינגער און שענער. זי איז געוואָרן עלטער, שענער און פעטער. איר האַלז איז געווען דיק. אירע אויגן נאָך אַזוי גלאַנציק און קלאָר. די פאַרב פון איר הויט — ווייס און ראָזע; זי האָט די הענט געהאַלטן געקרייצט, אונטער אירע בריסט, ווי זיי גלעטנדיק; זי האָט מיך כסדר אָנגעקוקט; שיר־שיר זיינען טרערן געקומען אין אירע אויגן.

— נו, וואָס מאַכסטו? כ׳האָב דיך שוין אַזוי לאַנג נישט געזען. ווי פילסטו זיך אין געזונט?

— זייער גוט. — איך בין געווען גערירט פון איר אינטימען טאָן. — זייער

גוט, גאָלדע. נו, דו פאָרסט נאָך קיין בריסל? דו שטודירסט? ווי פילסטו איין געזונט? איז דיר נישט אומעטיק? פאַרברייננגסטו גוט דאָס לעבן?

זי האָט געשוויגן און כסדר' מיך אָנגעקוקט מיט אַזוי פיל מיטגעפיל און שטילקייט. . . .

— —

ווען איך בין שפּעטער געגאַנגען איבער די אַלייען אין דער נאַכט, בין איך געווען גליקלעך מיט מיין באַזוך, מיט איר, מיט די שטילע רייד, מיט דעם קעגנזייטיקן אַכטן זיך, מיט דעם לאָזן איר צורו און איר ווייזן אַז איך ליב זי — אָבער איך וויל איר נישט שטערן, איך וויל איר נישט טון קיין שלעכטס . . . די אַלייען האָבן געשוויגן מיט מיר צוזאַמען. . . מען קען שטאַרק ליבן — אָבער מען מוז נישט האָבן דעם דראַנג זי צו באַזיצן — איך בין געווען גליקלעך. . . דען איך באַזיץ זי. . .' איך באַהערש זי. . . זי איז פול אין מיר, זי איז אינגאַנצן מיט מיר. . . .

* * *

און איינמאָל איז זי פאַרבייגעגאַנגען ווי אַ געטין פאַרביי מיר, אויף דער „פּעליקאַן גאַס", צווישן רעקלאַמע-ליכט און מענטשן; איך ווייס נישט צי זי האָט מיך געזען; איך האָב זי פלוצלונג דערזען, כ'האָב געשוויגן, זי איז פאַרבייגעגאַנגען מיט אַ ספינקסישן געזיכט, רואיק און שטאָלץ, מיט גלאַנציקע אויגן, אַ קעניגין. . . זי איז אַוועק — אָבער איר געשטאַלט און אָנבליק איז געבליבן אין מיר. . . כ'בין אַוועק אין דער שטילקייט, איבער אַן איינזאַמען וועג, זיך איינגעהערט אין דער איינזאַמער שטילקייט, געווען גליקלעך מיט איר, געווען פול מיט איר, זי האָט מיר באַשיינט מיין האַרץ און עס געקושט מיט די ליפּן פון גליק. . . .

* * *

עפּעס אַ געהיימע קראַפט האָט מיך געצוואונגען אַז ווי נאָר איך זע זי, אַריינצופאַלן אין אַ שרעקלעכער מעלאַנכאָליע און דעם גאַנצן אָוונט זיך נישט קענען געפינען קיין אָרט. איינמאָל בין איך אין בריסל געגאַנגען הערן אַ רעפעראַט וועגן קריג פון אַנרי באַרבוס. מיט אינערלעכן ציטער האָב איך געהערט דעם שווינדזוכטיקן רעדנער, דעם איידעלן שרייבער און העראָאישן קעמפער. ער האָט גערעדט שטיל און אָלעמאָל העכער, העכער; זיין אָרט רייד איז געווען ווי אַ קאָלאָראַטור פון כוואַליעס, איינע איבערשטייגנדיק די אַנדערע, זיך אויפראָלנדיק כסדר. זיין כערזאָן איז געווען דין, שלאַנק, מיט אַ שרעקלעך בלייך אומעטיק פּנים, פול מיט קנייטשן און ליידנס-אויסדרוקן.

ווען ער האָט געענדיקט, האָב איך פלוצלונג צווישן' פּובליקום דערזען

גאָלדען, אַ פלאַמענדע ווי שטענדיק. זי האָט מיך דערזען און זיך באַמיט שנעל צו דערווייטערן. ווען איך בין שוין געווען אינדרויסן, בין איך צוריק צו צום ארויסגאנג, אַ צעמישטער; זי איז מיר אנטקעגנגעקומען, איך האָב זיך געגריסט וויינענדיק אין זיך. . . און בין דעם גאַנצן אָוונט דערנאָך געווען שכור...

*   *   *

איינמאָל בין איך געקומען נעמען ביי איר דעם מאַנוסקריפּט פון מיין טאָלסטאָי־רעפעראַט. עס איז געווען פאַרנאַכט. זי איז אַראָפּגעקומען און ווי שטענדיק געשמייכלט האַרציק צו מיר. כ'בין אַרויפגעגאַנגען אונטער איר אויף די טרעפּ. די מוטער און די שוועסטער האָבן מיך באַגריסט און געזעסן נעבן מיר ביים טיש. איך בין געווען ווי פאַרשטיינערט. גאָלדע האָט מיר דערלאַנגט רויטע טיי, לעקעך און עפּל. כ'האָב אויטאָמאַטיש אַלץ געגעסן, נישט פילנדיק קיין שום טעם דערפון. כ'בין געזעסן ביים טיש, נישט קענענדיק אויסריידן קיין וואָרט. די מענטשן האָבן מיך מאָדנע אָנגעקוקט, שטוינענדיק איבער מיין פאַרגליווערטקייט. כ'האָב זיך געשעמט און זיך געפרייט וואָס עם הענגען א סך פּאָרטרעטן. צווישן זיי האָב איך זיך געפילט גוט, נישט באַדאַרפט ריידן, זיי האָבן מיך פערשטאַנען . . .

— פאַרוואָס ביסטו אַזוי טרויעריק, נידערגעשלאָגן?! — האָט מיך גאָלדע געפרעגט שטילערהייט.

— גאָרנישט, אַזוי זיך. . . .

איך האָב געהערט קלינגען אין טיר. אַ יונגער סטודענט פון פּוילן, גאָלדעס אַ קאָזין, איז געקומען. אַלע האָבן זיך מיט אים דערפרייט. כ'האָב זיך געפילט אַזוי שלעכט און אומגערן, אומווילנדיק דאָ, אין דעם אַריסטאָקראַטישן הויז.

דער סטודענט, נאָך אַ זייער יונגער, איז אַרויפגעקומען. גאָלדע האָט אים דערלאַנגט טיי און לעקעך. ער איז געזעסן אַנטקעגנאיבער מיר. איך בין געווען אייפערזיכטיק און טרויעריק. איך בין אַראָפּגעגאַנגען, מיטנעמענדיק דעם רע-פעראַט. גאָלדען האָב איך שפּעטער געקושט די האַנט, ביים טיר, איר אָנגע-קוקט און אַוועק אין דער טונקלקייט.

כ'האָב געוואָלט אַזוי כסדר גיין צוזאַמען מיט מיינע פריינט — פריינט אין טרויער. כ'האָב געוואָלט אַליין זיין אין דער נאַכט, אַליין, בין געווען אונגליק־לעך און גליקלעך, נישט געוואוסט וואָס איך פיל. . . די געשטאַלט גאָלדע האָט מיך אין דער נאַכט געדריקט צו איר האַרץ. . . .

*   *   *

ווען איך בין געקומען פון פּאַריז, בין איך צוגעפאָרן צו אַוועניו ראָיאַל. גאָלדע איז נישט געווען אין דער היים. בלויז בלומע, איר שוועסטער, וועלכע

איז ערשט אויך געהאט צוריקגעקומען פון אַן עקסקורסיע פון לאָנדאָן. זי האָט באַזוכט דעם בריטישן מוזעאום. מיר האָבן גערעדט איבער קונסט. זי האָט מיר דערציילט אַלץ, וואָס זי האָט געזען אין לאָנדאָן. איך האָב איר דערציילט וועגן פאַנטעאָן "לוּאָווּרע", וואו איך האָב געזען אָריגינאַלן פון ראַפאַעל, דאַ־ווינטשי, מייקל־אַנדזשעלאָ און אַנדערע גרויסע מייסטער. אין דרויסן האָט גערעגנט. יעדע זאַך האָט מיך דערמאָנט אָן גאָלדען. ווי אַלץ איז מיר געווען אַזוי היימיש... די לאַנדשאַפט דורך די שויבן, די איינזאַמע פעלדער און קוסטעס, די בילדער דאָ אויף די ווענט. . . .

— און וואָס מאַכט גאָלדע ?

— אָ, גאָלדע ? זי פילט זיך גוט, זעט גוט אויס, פאָרט דריי מאָל אין וואָך קיין ברוסל. אַרבעט אין ביוראָ. אַרבעט זייער שווער. אָבער זי איז צופרידן.

— צופרידן ? — דאָס איז גוט ! וועט איר איר אָפּגעבן אַ גרוס ?

— געוויס, געוויס !

איך האָב געוואָלט וואָס שנעלער אַוועק, אַוועק, אַוועק. דער רעכטער אַרבל פון מיין מאַנטל איז געווען צעריסן. איך האָב זיך געראַנגלט אים אַנצוטאָן, זי זאָל נישט באַמערקן ווי איך קעמף מיטן צעריסענעם איבערציער. דאָס איז מיר נישט געלונגען צו פאַרדעקן. . . . כ'האָב זיך פאַרשעמט . . . זי האָט געזען. זי האָט אַלץ געזען. . . .

אויפן ענגער, אין קאָרידאָר, צווישן אַנדערע קליידער, איז געהאַנגען גאָלדעס סטודענטישע היטל, אַ סאַמעטענע ! מיר איז וואַרעם געוואָרן אין אַלע גלידער. כ'האָב דערזען גאָלדעס פּרעכטיק געזיכט, אַזוי שיין אין דאָזיקן שוואַרצן היטל, אירע גאָלדענע האָר אונטער דעם. מיין גאָט ! מיין האַרץ האָט זיך שיער געוואָלט שטעלן ! עס איז געווען אַזוי אַנגענעם און אַזוי טרויעריק . . .

— אָ, דאָ איז גאָלדעס היטל ?' טראָגט זי עס ווען ?

— אָ, יאָ ! זי טראָגט עס אָפט. זי איז זייער שיין דאַרין. . . .

איך בין אַוועק אין רעגן. די אַוועניו ראַיאַל איז געווען ווינטערדיק, אָן־מעטיק. כ'האָב זיך נישט אומגעקוקט אויפ'ן רויטן דעכל, וואָס האָט געהאַט די פאַרב פון אירע האָר, וואָס האָט מיך שטענדיק דערמאָנט אין זייער שימערירנדיקן גלאַנץ. . . אָ, ווי שיין, ווי שיין איז אַלץ וואָס דערמאָנט מיך אין איר. . . נאָר דאָס היטל איז געווען אַ צו־שמערצלעכע איבערלעבעניש פאַר מיר, אַ צו־שרעקלעכע . . . איך בין אין רעגן, ווינט און שניי געלאָפן, געלאָפן, אַוועק פון היטל, זוכן גאָלדען . . . ניין, קיינמאָל זי נישט געפונען . . . איך בין געלאָפן, געלאָפן צו אַ זאַך וואָס וואָלט מיר געקענט פאַרטויבן אָט דאָס ווילדע, שרעקלעכע האַרץ. . . .

דאָס לעצטע מאָל האָב איך „זי" געזען אין געשטאַלט פון אַן אַנדערער פרוי. . . איך בין געווען מיד, טרויעריק און שכור. ס איז געווען אין אַ האָלענ־דישער שטאָט, און נעבן דער בעלגישער גרעניץ. אַ פרוי מיט רויטע האָר און אַ מאַסיוון קערפּער האָט ארויסגערופן מיין באַוואונדערונג. איר געזיכט און איר קערפּער האָט אויסגעזען ווי גאָלדעס. . . איך האָב געהאַט אַ שטאַרקן דראַנג זי צו זען. . . מיט איר צו שלאָפן. . . נקמה צו נעמען אין איר. . . .

— קומט מיט מיר אַביסל איבער די אַלייען! — האָב איך איר געזאָגט. — וועסט פאַר אַלץ קריגן באַצאָלט. . . .

דערביי האָב איך געהאַט אַ מאָדנעם פאַרגעניגן צו זאָגן דורך איר צו גאָלדען — „וועסט קריגן פאַר אַלץ באַצאָלט.". . .

מיר זיינען געגאַנגען איבער די אַלייען וואָס האָבן געשפּראָצט מיט פרי־לינג. מיר האָבן זיך געזעצט פאַר אַ קאַפע און געטרונקען לימאָנאַדע און ביר. מיינע אויגן האָבן אָנגעהויבן צו טרערן. . . .

— וויינסטו ? — האָט די פרעמדע פרוי מיך געפרעגט.

— דאָס איז נישט דיין עסק. . . וועסט קריגן פאַר אַלץ באַצאָלט. . . שוויג, זייַ נאָר נעבן מיר. איך וויל קוקן אויף דיר. . . .

— דערמאָן איך דיר אין אַ געוויסער געליבטער?

כ'האָב איר נישט געענטפערט. כסדר האָב איך איר צוגעשטעלט גלעזער ביר צום הייסן מויל מיט די שטיינערנע, דיקע ליפּן. דאַן זיינען מיר אַריינגע־גאַנגען אין איר צימערל. זי האָט זיך אויסגעטאָן. איר קערפּער איז געווען ענלעך צו דעם פון גאָלדען. מעכטיקע בריסט, שטאַרקער בויך און דאָך — מענ־לעכע, מוסקולערע שטריכן. . . לעסביש. . . .

איך בין מיט איר געשלאָפן די נאַכט. ביינאַכט האָב איך גע'חלום'ט פון גאָלדען. כ'האָב איר געקושט, יעדער מאָל זיך אויפכאַפּענדיק, זייענדיק באַ־גייסטערט פאַר גאָלדען.

די לבנה איז געהאַנגען איבערן פענסטער — אַ גאָלדענער פּלאַנעט אין הימל.

אין דער פרי בין איך אַוועק, מיד און אומעטיק. עס איז געווען דער לעצ־טער קוש וואָס כ'האָב דורך דער פרעמדער גאַסן־פרוי געגעבן גאָלדען. . . כ'האָב איר באַצאָלט און אויך דערמיט נקמה גענומען אין גאָלדען. . . .

און דאַן, — דאַן האָב איך זי מער נישט געוואָלט זען. . . כ'האָב נישט מער געוואָלט טרעפן איר קערפּער. . . איך וועל אָנשרייבן אַ ראָמאַן — האָב איך זיך געטראַכט — און דאָרט וועל איך ווידער האַנדלען מיט גאָלדען ווי איך וועל וועלן. זי וועט ווידער זיין מיינע, מיינע, אינגאַנצן מיינע. . . און דאָ, וואו

איך בין דורכגעפאַלן אין לעבן מיט איר, ווי אַ שוועכלינג — וועל איך איצט, אין ידער וועלט פון קונסט, זי באַהערשן און ווערן איר קעניג . . .

אָבער — וועט עס מיר געלינגען ? . . . וועל איך ווידער נישט דערציילן וועגן מיינע שוואַכקייטן, אַפילו דאָרט וואו איך קען מיט דער הילף פון פאַנ־טאַזיע — זיין קעניג? . . . וועל איך מינדעסטענס כאָטש נישט איבערגעבן אז די נאַטור אַליין האָט געשטערט זי זאָל מיך קענען ליבן. . . דען מיינע ריזיקע אָנשטריינגונגען האָבן געמוזט בלייבן אומפּרוכטבאַר, פאַרערנדיק ליבע פון אַ לעסבישער פרוי. . . .

שלמה.

ווען איך האָב שוין נישט געהאַט קיין שום האָפנונגען זי צו זען, ווען די פּויזעס פון איין ראַנדעוואו ביז דער צווייטער זיינען געוואָרן אַלץ לענגער און לענגער, האָב איך זיך אָנגעהויבן אָפּטמאָל צו טרעפן מיט איר ברודער שלמה. איך האָב אין אים געזען אַ טייל פון זיין שוועסטער, וועלכע כ'האָב אַזוי שטאַרק געליבט. זיין געזיכט, הגם עס איז נישט געווען שיין, האָט געהאַט די זעלבע שטריכן. עס איז געווען אינטערעסאַנט צו זען ווי די זעלבע שטריכן האָבן איך געזיכט פאַרוואַנדלט אין אַ זוניקער בלום — בשעת אין זיין פּנים האָבן די זעלבע שטריכן אַזוי שלעכט קאָמבינירט. ס'איז געווען אַזאַ שלעכטע האַרמאָניע דאַרין.

ער איז געווען אַ זייער גוטער און האָט פאַרדינט ביי דיאַמאַנט־שלייפן אַ סך געלט. דאָס געלט פלעגט ער געוויינלעך אויסגעבן אויף לוקסוס־זאַכן און פאַר־גניגן. ער האָט געהאַסט צו זיין אין דער היים, וואו די מוטער איז געווען אַ הערשערין, ווי קעניגין וויקטאָריע — אַ שטרענגע, קלוגע און אַריסטאָקראַטישע. אין דער היים איז געווען די אמת'ע פרויען־מלוכה. ער האָט ליב געהאַט אַב־סאָלוטע פרייקייט. מיט פרייד האָב איך יעדער מאָל אויפסניי דערקענט די אייגנ־שאַפטן פון מיין געליבטער — אין אים . . .

שלמה האָט נישט געוואוסט פאַרוואָס איך גיי מיט אים. ער האָט נישט געוואוסט אַז איך זוך ביי אים די דערינערונגען פון מיינע טייערע איפּערלע־בעניש. ער האָט געמיינט, אַז איך גיי בלויז מיט אים, ווייל איך גלייך אים אַלס חבר. איך פלעג זיין זייער טרויעריק, ווען כ'בין מיט אים געגאַנגען. ער האָט געמיינט אַז אַזוי איז מיין נאַטור. אין דער אמת'ן האָט מיך טרויעריק געמאַכט גאָלדע, וועלכע כ'האָב געזען אין אים.

ער האָט נישט פיל געוואוסט פון אונזערע באַציאונגען. איינמאָל, שפּעט ביינאַכט, ווען איך האָב גאָלדען צובאַגלייט צו איר היים, האָב איך אים גע־טראָפן, צוריקגייענדיג אין מיין צימער. ער האָט מיך אויסגעפרעגט פאַרשידענע זאַכן. ער האָט מיר אויסגעוויזן זייער סימפּאַטיש. איך בין, ווי געוויינלעך, געווען באַרוישט פון גאָלדען — און כ'האָב מיט אים העפלעך גערעדט. איך

גלויב אַז זיינע איינדרוקן האָט ער באַקומען פון מיר, ווען איך בין געווען באַרוישט און פריילעך.

אַ צווייט מאָל האָט ער מיך געזען געאַרעמט מיט גאָלדען. ווען מיר זיינען געגאַנגען פון אַ קינאָ. גאָלדע האָט אים מיר געשילדערט פאַר אַ זייער אינטעליגענטן מאַן, וואָס האָט אַ סך געליבט, איז פאַרשווענדעריש און זייער העפלעך צו מענטשן. אַזוי איז ער ווירקלעך געווען.

איך האָב נישט גערעדט מיט אים וועגן זיין שוועסטער. איך האָב אים נאָר יעדן מאָל געפרעגט, ציטערנדיק אין האַרץ, וואָס גאָלדע מאַכט. ער פלעגט געוויינלעך נישט זיין פאַראינטערעסירט צו רעדן וועגן איר און באַלד איבעררייסן דעם געשפרעך. איך האָב אים נאָר געפרעגט — אָבער נישט גערעדט וועגן איר. אַמאָל, אין די ערשטע צייטן פון מיין אָפּגעוואוינען זיך פון גאָלדען, פלעג איך אים מיטגעבן אַ בריוול צו איר. דאָס אַלץ.

ער האָט געבענקט נאָך פאַרגעניגן. ער האָט געוואוסט אַ סך אין פּאָליטיק און ליטעראַטור. אָבער פּאָליטיק האָט ער געהאַסט אַלס אַ שמוציקע זאַך. ליטעראַטור האָט ער אָנגענומען אויף וויפיל עס גיט שיינע אידעאַלן דעם מענטשן, אויף וויפיל עס האַלט אונטער. ער פלעגט שטאַרק באַגייסטערט ווערן פון פאַנטאַסטישע ווערק, וועלכע זיינען געווען אין איינקלאַנג מיט זיינע באַגערן. ער האָט מיר איינמאָל אין אַן אָוונט דערציילט ווי שטאַרק אים האָט באַווירקט אָסקאַר ווײַלד'ס „דאָריאַן גריי". אַ יאָר צייט האָט ער זיך באַמיט צו זיין דאָריאַן גריי, צו געניסן אַלע פאַרגעניגנס און זאָגאַר צו דערגיין ביז פאַרברעכן. דאַן האָט ער זיך דערזען אַז ער איז נאָנט צום אָפּגרונט — און זיך געראַטעוועט. ער האָט מיט מיר אין די נעכט גערעדט וועגן ניו־יאָרק. איינמאָל האָט ער געזען אין קינאָ אַ גאַס פון ניו־יאָרק. די פייערן און רעקלאַמעס האָבן אים אַזוי געפּלאַקט און געצויבערט, ווי אַ שמעטערלינג צו דעם זוניקן, טרויעריקן פייער. . . מיט התפעלות און עקסטאַז פלעגט ער טרוימען און רעדן וועגן גרויסע שטעט. פּונקט אַזוי פלעגט גאָלדע רעדן וועגן פּאַריז. . . זי האָט געלעכצט צו אָט דער הערלעכער שטאָט. . . די גאַנצע פאַמיליע האָט אומענדלעך ליב געהאַט דאָס לעבן פון זינד און שיינקייט. זיי האָבן ליב געהאַט די גריכן און אַלע יענע דעקאַדענטישע ווערק, וואָס זיינען פול מיטן זינלעכן און לײַדנשאַפטלעכן. גאָלדע האָט זייער לאַנג זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק צו געבן אַ רעפעראַט וועגן די גריכן. דיאָניסאָס איז געווען זייער גאָט. זיי האָבן געליבט באַקכוס ווי זייער געזעצגעבער און פאָטער.

מיט שלמה'ן פלעג איך גיין אויף פאַרשידענע פאַרווײַלונגען, בעלער און מאַכן שפּאַצירן. שטענדיק האָבן מיך די פאַרווײַלונגען טרויעריק געמאַכט. איך

האב ליב נאטור. די נאטור היילט מיינע וואונדן. זוניקע טעג, טיפע, ווייטע, אומענדלעכע האריזאנטן, בערג פעלזן, מאדנע פלאנצן, וואלקנס און בלומען, צויבערלעכע לאנדשאפטן — זיי פילן מיך אן מיט קראפט און שטארקן מיין ווילן. אין דער נאטור פארליר איך מיינע פערזענלעכע ליידן און פיל זיך אלס טייל פונם גאנצן, אלס צערטלעכע פלאנץ אין קאסמאס. אנדערש אבער איז עס מיטן קינסטלעכן לעבן.

מיר זיינען איינמאל אין א רעגנדיקן טאג אוועק צום פארט. אויסגעשפאנט פאר לאנגווייליקייט זייער א סך הייזער מיט פרויען. צום סוף זיינען מיר אריין אין א קאפע וואו די ווענט זיינען געווען שפיגלען. דארטן האבן מיר געטרונקען און געקושט די מיידלעך. איינע איז געווען א אידישע. אלץ וואס שלמה האט געטאן, איז געווען נאטירלעך, א פראדוקט פון זיין הייסן טעמפעראמענט און אומאויפהערלעכן דראנג צו לעבן. איך, דאגעגן, האבן אלץ געטאן קינסטלעך און אומזיניק.

אים האבן די באגערן אויפגעוועקט צו נייע. און מיך האבן זיי מעלאנכאליש געמאכט. אלקאהאל דערוועקט אין מיר דעם טרויער. מיידלעך, וועלכע איך ליב נישט דורך געוויסע אייגנשאפטן און שטריכן, קען איך נישט ליידן. דאך זיינען מיר דעם גאנצן אוונט און נאכמיטאג אפגעזעסן נעבן די אומעטיקע פרויען־פלאנצן פון האפן. שפעט ביינאכט, שכור'ע און פון געלט אויסגעליידיקטע, האט מיך שלמה ערשט געוואלט נעמען אויף א גאנצער נאכט אין א קאבארעט. איך בין אבער געווען מינדעריעריק, אכצן יאר, מען וואלט מיך נישט אריינגעלאזט. דעם גאנצן אוונט האב איך גע'חלומ'ט וועגן דעם אידישן, שווארצן מיידל, וועמעס אויגן גלאנצן מיט אומענדלעכן אומעט, וועמעס קערפער איז מאגער און צעפליקט און די האר, געקרויזטע, גלאנצן מיט פארפיום. . . .

שלמה האט זייער ליב געהאט מוזיק. באזונדערס מוזיקאליש פלעגט ער ווערן אין רעגנדיקע טעג און אוונטן, דאן, ווען די גאסן אין שטאט זיינען אן אינטערעס, ווען די ליכטער גלאנצן שענער אין טרערן פון וואסער־טראפנס. דאן פלעגן מיר גיין אין קאפעען וואו עס פלעגן זיין ארקעסטערס. מיר פלעגן זיצן און טרינקען ווארעמען וויין, וועלכן שלמה האט ליב געהאט צו טרינקען. ער האט נישט געוואוסט אז די מוזיק ברייגנגט מיר נאר ארויס דאס ליבלעכע מיידל גאלדע. ווען איך פלעג זיצן ביים טיש, פלעגט ער מיך געוויינלעך פרעגן:

— וואס איז מיט דיר? דו וויינסט? איך זע טרערן אין דיינע אויגן. . . וואס איז מיט דיר?

— איך ווייס נישט. ס'איז גארנישט. די מוזיק רירט מיך. . . .

— ווי סענטימענטאל דו ביסט.

— נו, יאָ, איך בין זייער סענסיטיוו. . . .

אים האָט די מוזיק פריילעך געמאַכט. יעדער נייע אַנאָנסירונג פון אַ מוזיקאַלישע זאַך איז פאַר אים געווען אַ גרויס גליק. עס האָט אים געצויגן צום טאַנצן. ס'האָט אים גליקליך געמאַכט. מיך האָט עס טרויעריק געמאַכט, שאַפן און שובערט. וואָסאָראַ קוואַלן פון טיפן שמערץ. כ'האָב זיי זייער געליבט. . . . דער רויטער וויין איז געזונקען אין מיין האַלז, אין מיינע געדערים, מיך אַנגעצונדן, מיר דערוועקט צו ריזיקע געפילן צו גאָלדען, זיין שוועסטער. . . ער האָט גאָרנישט געוואוסט פון דעם אַלעם. . . .

איינמאָל זיינען מיר אַוועק אין טאַנץ-זאַל „מאַזשיק". ער האָט דאָרט אויפגעלעבט, באַקומען אַ דאַמע און געטאַנצט אָן אויפהער, יעדער וויילע צוריקקומענדיק צום טישל און כאַפנדיק אַ זופּ פון ביר און וויין און לימאַנאַדע. איך האָב נישט געקענט טאַנצן. די היץ און דער רויך פון ציגאַרן און ציגאַרעטן, די גאַסן-מוזיק און די מענטשן אַרום — אַלץ, אַלץ האָט מיך באַטויבט. . . .

כ'בין אַרויף אויבן, אויפן ערשטן שטאָק און אַראָפּגעקוקט צו די טאַנצנדיקע פּאָרלעך. איצט איז פון אַלע מענטשן עפּעס געוואָרן איין שטיק. מיר איז פינסטער געוואָרן פאַר די אויגן. די פאַרבן פון די פרויען-קליידער האָבן זיך מיר געדרייט פאַר די אויגן ווי כוואַליעס, זיידענע, פּורפּורנע, ראָזע און גרינע, בלויע און טונקעלע. אַ ים פון פאַרבן, קערפּערס, שוויים און לוסט. . . .

ווי אַ געדיכטער וואָרם, אַ שרעקלעכער, ריזן-גרויסער, אומענדלעכער — האָבן זיך די מענטשן-גלידער זיינע באַוועגט, געטאַנצט מעלאַנכאָליש, זיך געקאָרטשעט אין ווייטאָק. . . געשניטען זיך איינער אין צווייטען; אַ טרויעריקע פּראָצעסיע פון פרייד. . . אַ געדיכטער וואָרם און זייך טאַנצט זיין טאַנץ פון שמערץ. . .

ער האָט מיך נישט פאַרשטאַנען. כ'האָב זיך געהיט פאַר אים צו רעדן. כ'האָב ביטער פאַראַכטעט זיין דראַנג צו פרייד, זיין אומזיניק יאָגן זיך נאָך פאַרגעניגנס. . . אָ, לאַנג, לאַנג האָב איך געזען יענעם טרויעריקן וואָרם-טאַנץ צו דער פרייד, צו דער פאַפּירענער זון. . . . וואָסאָראַ פאַרצווייפלט רייסן זיך פון מיאוסן און שיינעם, פון פאַרקריפּלטן און געראָטענעם צו דער נאַרישער פרייד און סעקס...

אַן אַנדערש מאָל האָב איך, שלמה און זיין קאָזין — דער סטודענט — שפּאַצירט דורך דער שטאָט. דעם סטודענט האָט גאָלדע גערן געהאַט און איך האָב געפילט אַ שרעקלעכן האַס צום סטודענט. ווען מיר זיינען געקומען אין שטילע, פאַרוואָרפענע ערטער אין דער שטאָט, וואו די לבנה האָט פאַרדעכטיקט געשיינט — האָב איך געהאַט משונה'דיקע געדאַנקען פון מאָרדן אים, פון נעמען נקמה, פון טויטן אין אים גאָלדעס ליבע. . . הגם זי האָט אים אפשר נישט אַזוי פיל געליבט. זי איז געווען העפלעך צו יעדן מענטשן און באַזונדערס צו מענער.

ווען פרויען האָט זי געהאַט אַ מינדערווערטיקייטס-מיינונג. זי האָט זיי נישט ליב געהאַט. איך נאַטור און כאַראַקטער איז געווען מענלעך.

איך בין דעם גאַנצן אָוונט געווען דערשלאָגן, מוזנדיק גיין מיטן קאַזין.

אָפטמאָל פלעג איך אים באַגלייטן אַהיים דורך די פיינע, גרינע אַלייען. דאָס האָב איך געטאָן, ווייל גייענדיק דורך די זעלבע ווען מיט גאָלדען אַהיים, אין די נעכט, האָב איך זיך אין איר איצט דערמאָנט און איך האָב געהאַט דעם איינדרוק אַז זי גייט ווידער ביי מיין זייט. איך פלעג שפּאַצירן אַן אַ וואָרט אויסצורעדן. פון לאַנגווייליקייט פלעגט שלמה זינגען לידער. זייער האַרציק פלעגט ער זינגען און אויף מיין ביטע איבערזינגען דאָס האַרציקע אידישע פאָלקסליד:

„שמערל מיטן פידל,
אידל מיטן באַס —
זינגען מיר אַ לידל
אויפן מיטן גאַס.״ . . .

דאָס איז געווען אומעטיק, שיין, האַרציק און האָט באַרירט מיט צאַרטע רויזן-בלעטער-הענטלעך מיין האַרץ. . . אַזוי פלעגן מיר גיין דורך די אַלייען און איך האָב אין יעדער דעטאַל, אויף פאַרשידענע פלעצער, דערזען און דערקענט און זיך דערמאָנט פאַרשידענע דערינערונגען און סצענעס. . . .

אַמאָל פלעג איך קומען אויף זיין דרינגלעכער ביטע אַהיים צו אים אין הויז. די מוטער פלעגט זיין בייז אויף מיר. איר שטריינגקייט איז געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער. זי האָט ווירקלעך אויסגעזען ווי אַן אַלטע, צעקנייטשטע קעניגין אין אַ געלן, זיידענעם קלייד. . . .

גאָלדען האָב איך נישט געזען. איך גלויב אַז זי האָט זיך באַהאַלטן אין אַ צימער, ווי נאָר איך פלעג אָנקומען. זי האָט זיך נישט געוואָלט מיט מיר באַגעגענען. איך פלעג זיצן מיט שלמה׳ן, אין סאַלאָן, וואַרטן ביז ער האָט זיך ראַזירט און שיין אָנגעטאָן. איך פלעג אַרויסקוקן דורכן פענסטער און זען די שנייען און רעגנס איבער די פרייע, ברייטע פעלדער. ווען מיר פלעגן אַוועקגיין, האָב איך באַטראַכט די געגנט. אַזאַ ליבלעכע, גוטע, האַרציקע צו מיר. יעדער שטיק איז געווען פול מיט אַניטערעס פאַר מיר. דאָך בין איך געווען מיט איר. דאָ געגאַנגען. דאָ האָב איך איר געקושט די האַנט. אַ שטראַלנדיקע און ליבלעכע איז זי מיר געווען. אַזאַ גוטע און האַרציקע. . . .

ווען איך בין אַוועק קיין פּאַריז, איז ער אויך אין אַ וואָך אַרום געקומען אין פּאַריז, זיך פאַרווילן. בשעת איך האָב געהונגערט, האָט ער אויסגעגעבן צוויי טויזנט פראַנק אויף פאַרשידענע פאַרווײַלונגען. ער האָט מיך געזוכט דאָרט.

אָבער איך האָב זיך נישט געוואָלט פאַר אים ווייזן, כ'האָב אים נישט געשיקט מיין אַדרעס, כ'האָב זיך געשעמט פאַר אים זיך צו ווייזן אין אַזאַ מין שרעק-לעכן צושטאַנד.

שפּעטער, ווען איך בין צוריקגעקומען קיין ברוסל, איז ער מיך געקומען זען. איך בין געווען קראַנק שוין און דאַר און בלייך. מיר האָבן דעם טאָג גוט פאַרבראַכט. ער האָט אויסגעגעבן אויף מיר אַ סך געלט. נאָך מאָנאַטן לאַנג נישט זען אים און גאָלדען, האָב איך קויב געפרעגט עטלעכע ווערטער און ער — נישט וויסנדיק און נישט חושד זייענדיק אין גאָרנישט, האָט כמעט גאָרנישט דערציילט וועגן איר. איך האָב געזוכט אַן אויסרייד, אַנדערע מיטלען ווי אַזוי אַרויסצוקריגן עפּעס אַ וואָרט, אַ דערציילונג וועגן גאָלדען. אָבער איך האָב נישט געוואוסט ווי אַזוי. ער האָט נאָר גערעדט איבער פרייד, איבער זאַכן וועלכע האָבען מיך נישט פאַראינטערעסירט. . . .

מיר זיינען געפאָרען אין דעם פּרעכטיקן וואַלד "בואַ ל' אַ' קאַמברע", אונ־טער ברוסל. ער האָט געקענט יעדער ווינקל פון בעלגיע און נישט בלויז פון ברוסל. דער וואַלד איז אַזוי שיין, קינסטלעך, סימעטריש און קלאָר ווי אַ פּאַרק. דאָס איז ווירקלעך אַ ריזן־גרויסער פּאַרק, וואו די אורצייט, די ווילדקייט און די סימעטרי און אָרדנונג פון די מאָדערנע שטאָטישע פּאַרקן האָבן געשלאָסן אַ בונד.

מיר האָבן געגעסן קרעמגלאָס. דער טאָג איז געווען אַ הייסער, באַזונדערס אין דער נאָכמיטאָג־זון. די אויטאָס אויף די וועגן האָבן אויפגעהויבן גאַנצע בערג מיט שטויב. מיר האָבן אַ גאַנצן טאָג געוואַנדערט אָן אויפהער. פאַר-נאַכט איז פאַרגאַנגען די זון און אָנגעצונדן אַזעלכע פלאַמען אויפן הימל אַז איך, מיט מיינע שוואַכע נערוון, האָב מורא געהאַט צו קוקן אויף דער גראַנדיעזער וויזיע. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט אַז מען קרייציקט אין פלאַמען, אין רויטע העמדער, זעכציק רויבער, און צווישן זיי קרייציקט מען מיך און מיינע וואונדן זיינען אַלע בלוטיק און אָפן, ווי טעלערס פון ריזיקע רויזן און אין געדראַנג פון פלאַמענדע מונדירן טראָגט זיך צו מיר אַ פרוי — גאָלדע, כדי צו קושן דאָס אָפענע האַרץ מיינס, וואָס ליבט איר אַזוי שטאַרק. . . .

אַ סך מענטשן האָבן שפּאַצירט אַדער געזעסן און גליקלעך געגעסן זייערע מיטגעבראַכטע פּעקלעך שפּייז. מען איז געזעסן אויף די ווערענדעס און גע-טרונקען ביר און וויין. די קינדערלעך האָבן געשמייכלט אַזוי שיין. די קליינע מיידלעך האָבן געהאַט רויזן אין די האָר און בלומען־קראַנצן־לענטעס איבער די בוזעמס. . . יונגע פאַרליבטע האָב געשמייכלט און געשיינט ווי אין גן־עדן.

אין אָוונט האָבן מיר שפּאַצירט איבער די ברוסעלער גאַסן. דאָס פאָלק איז געווען מיד פון דער היץ, פון דורשט און לאַנגע אויספלוגן.

— פֿאַרוואָס ביסטו אַזוי נידערגעשלאָגן ? — האָט מיך שלמה געפֿרעגט.

— איך בין נישט נידערגעשלאָגן. איך אַרבעט שווער. דער פֿרייער טאָג איז שוין באַלד אַוועק. . . .

כ'האָב אים באַגלייט צום „גאַר די נאָרד". צווישן די וואַגאָנען און רויך זײַנען מיר געגאַנגען. ענדלעך איז ער אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ וואַגאָן. איך בין געשטאַנען בײַ די טרעפּלעך, אים מיטגעשיקט אַ גרוס צו גאָלדען, צו בלומען, צו דער מוטער. . . דער צוג רירט.

איך שפּאַן אויפֿן שמוציקן, סאַזשע-באַנהויף. ווי אומעטיק דאָ איז בײַ-נאַכט, מײַן שטימונג איז ענלעך צום באַנהויף. איך בין איצט אַ מעלאַנכאָלישער באַנהויף, מיט אומעטיקע וואַגאָנען, נאַכט, סאַזשע, רויך און שטערן אויפֿן הימל: האָפֿנונג. . . .

דאָן, וואָכן שפּעטער, האָבן מיר פֿאַרבראַכט אין זײַן אייגענעם צימער, וואָס ער האָט געדונגען פֿאַר זיך.

דאָרטן האָט ער זיך געקענט אָפּגעבן די אמת'ע פֿאַרגעניגנס. פֿרײַ פֿון דער „פֿרויען-מלוכה", ווי ער האָט גערופֿן זײַן היים, האָט ער נאָר אין זין געהאַט פֿאַרגעניגנס. וואָס מער ער האָט זיי געהאַט, אַלץ מער האָט ער נאָך זיי גע-שמאַכטעט. ער איז געוואָרן זייער שקלאַף. קיין שום זאַך אין לעבן איז אים אַזוי נישט געפֿעלן, ווי פֿרייד. ער האָט פֿון לעבן נאָר גענומען האָניק און גליק. ער איז נישט געווען קיין ספּעציעלער דאָן-זשואַן, קיין פֿרויען-יעגער. די פֿרויען האָבן אים נאָר אויף אַזוי פֿיל פֿאַראינטערעסירט, אויף וויפֿיל זיי גיבן אים פֿרייד. ער האָט געשפּילט אין קאָרטן, שאַך, דאַמקע און טעניס. ער האָט געשוואומען און גוט געגעסן. ער האָט געטרונקען דאָס שיינע וועטער און גע'שכור'ט מיט די זון-שטראַלן. ער האָט ליב געהאַט בלומען ווײַל זיי מאַכן אים זינדיקן. ער האָט אומאויפֿהערלעך באַזוכט קינאָ און טעאַטער. די מוזיק האָט אים באַ-רוישט דאָס בלוט. פּאַרקן, אַלייען און פֿעלדער האָבן אים געשטאַרקט. ווײַן און ביר האָבן אים געמאַכט פֿילן בגילופֿין. דעם טויט, די לייד, דעם אומעט, די אמת'ע ליבע האָט ער פֿאַראַכטעט, ווײַל זי ברענגט ליידן אָדער בלויז אומעט, זײַענדיק נאָנט פֿון אַנדערנס ליידן. אַזאַ טיפּ איז געווען גאָלדע, זײַן שוועסטער. בלויז זײַנע באַגערן זײַנען גיכער רעאַליזירט געוואָרן. ער איז געווען מאָראַליש, האָט מיט איר קיין שום פֿאַרבינדונגען נישט געהאַט. ער איז אָבער געווען אַ גוטע נאַטור און ליב געהאַט מענטשן צו העלפֿן. . . .

זײַן צימער איז געווען אַן אָרגיע-סצענע. דאָן האָב איך זיך אָנגעהויבן דערווייטערן פֿון אים. איך בין אים געווען איבעריק, אין וועג. מײַן נאַזאַ-רענישע נאַטור האָט ער נישט געקענט פֿאַרטראָגן. אָט דער פֿולבלוטיקער גריד,

אַט דער קאַלטער העלענער. מיט די רוימער האָט ער נישט געהאַט קיין געמיינזאַמעס. זיי האָבן באַזעסן אידייע, טאַט, אָרגאַניזאַציע, סיסטעם, דראַנג צו רום און צום אומענדלעכן. . . .

איצט האָב איך אים וויניקער געטראָפן, דען ער האָט געדראָט צו צעשטערן מיט זיין לעבנס־פירונג מיין אידעאַלער געליבטער. . . איך האָב אים אויסגעמיטן. צייטנווייז, אַז איך האָב אים געטראָפן, האָט ער מיר דערציילט די שרעקלעכסטע זאַכן פון זיין זינדיקן לעבן. . . ער איז ווידער געוואָרן „דאַריאַן גריי". . . .

דאַן איז ער אַוועק, אָן מיין וויסן. ער האָט דורך אַן אַנדערן מיט מיר באַשטעלט אַ ראַנדעוואו. איך בין געקומען אין קאַפע, געוואַרט און אַוועק. ווען ער איז שוין געווען אויפן וועג, אינמיטן ים, קיין שיקאַגע, האָב איך דערפאַרן אַז ער איז געקומען צוויי שעה שפּעטער נאָך מיר. . . .

זיין רייזע איז געווען דער רעזולטאַט פון אַ ליבע. אַ פלעמיש מיידל. זי האָט אים געבוירן אַ קינד. צו אַ נאָרמאַל לעבן, הייראַט, פאַמיליען־לעבן — האָט זיך דער דענדי, עסטעט און קאַזאַנאָוואַ-טיפּ נישט געקענט באַשליסן. ער איז אַנטלאָפן צו דער זון, צו ניו-יאָרק און שיקאַגע, וואו דאָס לעבן גיט אים צו פאַרזוכן בערג מיט האָניק — אָדער אפשר. . . אפשר איז די ענדע פון יעדן לעבע-יונג — אַ ביטערער געטראַנק. . . אַ גאַליק־ביטער לעבן. . . דאָס לעבן שפּילט זיך ציניש מיט אירע שמעטערלינג-קינדער. . . .

איך בענק נאָך אים. איך וואָלט אים וועלן זען, כדי צו קוקן אויף זיין געזיכט און זיך דערמאָנען יענע הייסע קושן וואָס דאָס זעלבע געזיכט פון אַ פרוי האָט פאַרנומען פון מיינע דינע ליפּן. . . איך וואָלט אים וועלן זען, כדי צו באַטראַכטן אין אים אַ סקולפּטור פון מיין געליבטער. . . .

אין שפּיטאָל.

צוויג איז איינמאָל קראַנק געוואָרן. מען האָט אים אינמיטן נאַכט גענומען אין שפּיטאָל און געמאַכט אַן אָפּעראַציע אויף דער „בלינדער קישקע". איך האָב אים באַזוכט. מיך האָט שטענדיק געצויגן צו אים. איך האָב אין אים געזען אַ טייל פון גאָלדען. אַלע מענטשן מיט וועמען זי האָט געהאַט געוויסע באַציאונגען, האָבן פאַר מיר איצט געהאַט אַ געוויסע באַדייטונג, אַ געוויס געפיל.

אין אַן אָוונט האָב איך אים באַזוכט. ער איז געווען בלייך און אָפּגעמאַ־גערט, ווי נאָך אַן אָפּעראַציע.

— נו, וואָס מאַכסטו, צוויג ?

— דו זעסט, איך פיל בעסער. האָסטו געזען גאָלדען ?'

צוויג האָט מיך קיינמאָל נישט געפרעגט וועגן גאָלדען. ער איז געווען זייער פאַר'עקשנ'ט. אָבער איצט, זייענדיק קראַנק, ערשט אַרונטערגייענדיק פון מעסער, האָט ער שטאַרק געבענקט צו הערן וועגן איר עפּעס.

— איך זע זי ווייניק. . . .

און מיר האָט איצט געקרענקט זיין פראַגע. הגם איך האָב זי ווייניקע מאָל געזען די לעצטע צייט, האָב איך דאָך אים נישט געוואָלט דערציילן פון איר. איך האָב זי בעסער נישט געוואָלט אַליין זען, כדי נישט צו דאַרפן זיין איפּער־זיכטיק אויף די אַנדערע מענער, וואָס טשעפּן זיך צו איר. צווייגן האָב איך גערן געהאַט, ווייל ער האָט זי פאַרלוירן. . . ווייל ער געניסט נישט מער פון איר. איצט האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט האַס, איך האָב אים איצט אויך געהאַסט. . . .

— פאַרוואָס פרעגסטו מיך וועגן גאָלדען ? איך האָב מיט איר קיין שום געשעפטן נישט. זי איז נישט מיין געליבטע. . . .

ער האָט מיך שווייגנדיק אָנגעקוקט. איך האָב פאַרשטאַנען אַז ער טראַכט: אַט, נישט ער וויל מיר אַפילו איבערגעבן קיין גרוס פון איר. ער האָט געשמייכלט איראָניש, ווידער טראַכטנדיק: ווי גרויזאַם איז דאָס לעבן. ווען איך שטאַרב, וואָלט זי אַפילו נישט קיין ציטער געטאָן מיט די ברעמען. . . פרויען־שפינען ! . . .

איך האָב נישט געהאַט מער וואָס מיט אים צו רעדן. גאָלדע איז גע־שטאַנען צווישן אונז ווי אַ שווערט, וואָס האָט צעשיידט אונזערע פריינטלעכע געפילן. די לבנה האָט דורך די קראַטן אַריינגעקוקט. איך האָב אים געזאָגט אַ ״גוטע נאַכט!״ — און שנעל פאַרלאָזן דאָס צימער. מערקווירדיק! איך האָב געוואוסט אַז איך באַ׳עולה אים שרעקלעך, אין אַ קראַנקן צושטאַנד. . . אָבער איך האָב נישט געקענט אַנדערש. . . .

איך בין געגאַנגען איבער די רעגנדיקע גאַסן און געטראַכט אויך ווי ברו־טאַל עס איז דאָס לעבן. . . ווי אכזריות׳דיק ! ווי די ליבע פאַרוואַנדלט אין שנאה ! ווי איך האָס די מענטשן וועלכע איך ליב גלייכצייטיק, ווייל אויף זיי שפּיגלט זיך אָפּ אַ געוויסע שיין פון דער געליבטער פּערזאָן, ווי די לבנה שפּיגלט אָפּ די זון. . . און ווי מיר האָסן זיי ווייל בלויז זיי דענקען און פרעגן זיך נאָך איבער דער געליבטער פּערזאָן, אוים ריינע, שיינע געפילן. . . .

ווען איך בין אַריין אין מיין צימער, האָב איך געזען ווי דער גרויסער שפּין איז טויט אין זיין שפּינוועבס. . . איך בין געווען אומעטיק און געשאָלטן מיין האַרץ וואָס ליבט. . . .

„ברעכט"

פון קריינקונג, אנשטרענגונג און פיין בין איך קראַנק געוואָרן אויף די לונגען. אין איינזאַמען שפּיטאָל „סט. עראַזמוס", אין באַרגעראַוט, בין איך געלעגן, מיט נאָך אַ צוואַנציק מאַן אין אַ זאַל. יעדן אין דער פרי זיינען מענטשן אויסגעגאַנגען. די ליכטלעך האָבן אומעטיק געברענט.

פרויען פלעגן קומען באַזוכן זייערע מענער און געליבטע. מיך האָט קיינער נישט באַזוכט. איך בין געווען טרויעריק און געלייענט דאַנטע. דאָרטן האָב איך זיך באַקענט מיטן לעבן און מיט די וויזיעס פון אָט דעם גרעסטן פּאָעט פון אַלע צייטן. כ'האָב געשעפּט פרייד, באַגייסטערונג און טרייסט אין זיין לעבן.

נאָך אַכט וואָכן ווײַלן אין "סט. עראַזמוס", בין איך פון דאָרטן אַוועק. דעם לעצטן טאָג בין איך אַרויס אין קליינעם גערטל און זיך שטאַרק דערפרייט מיטן הימל און מיט די וואָלקנס. כ'האָב זיך געזעגנט מיט די ליבע בלומען און פלאַנצן. אָבער דער הימל מיט זיינע וואָלקנס — אים האָב איך אומעטום מיט-גענומען און טראָג אים נאָך היינט אויך מיט. איך בין גליקלעך אַז אַפילו מיט מיין בערגל ערד מיט בלומען וועט אייביק פליסן אין דער אומענדלעכקייט דער בלויער, טיילמאָל רואיקער, טיילמאָל שטורמישער הימל, מיט זיינע פינסטערע און העלע וואָלקנס, מיט זיינע בליצן זונען און שטערן. . . .

ווען איך בין אַרויס פון דאָרט און אַהיימגעגאַנגען, האָט מען מיך גערופן צו דער פּאָליציי פון באַרגעראַוט. אודאי צוליב'ן איבערמעלדן מיין אַדרעס. אין זעלבן טאָג, אַרום דריי אַזייגער, בין איך אַוועק צום פּאָליציי-ביוראָ, וואָס איז געווען אויף אַ גרויסן, ברייטן הויף, פון וואַנען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן אַן אַכט-צען גאַסן, ווי שנירן לאַנגע.

ווען איך בין צוגעקומען, איז נאָך געווען צו פרי. אין דער אָפענער טיר איז געשטאַנען אַ פרוי מיטן רוקן צו מיר. איך האָב געוואַרט. פּלוצלונג האָט זיך די פרוי אויסגעדרייט און צו מיין איבעראַשונג — איז עס געווען גאָלדע.

מיין האַרץ איז מאָמענטאַל געבליבן ווי פאַרגליווערט. דאָס בלוט אין די אָדערן איז נישט מער געפלאָסן.

א פּאַרציטערטער האָב איך זיך צו איר גענייגט און געזאָגט מיט שעפּ-טשענדיקע ליפּען "באָן-זשור".

זי האָט שטאָלץ גענייגט איר קאָפּ — און גלייך אַוועקגעגאַנגען.

איצט בין איך געבליבן שטיין אַ געקריינקער. אַזאַ שרעקלעכע באַליידי-קונג ! איך, וואָס האָב געגאַרט זי צו זען, וואָס בין ספּעציעל געקומען פון ברוסל זי זען, וואָס בין געלאָפן אין רעגן-נעכט צו איר הויז, וואָס האָב אַזוי פיל געליטן, וואָס בין איצט אַזוי קראַנק צוליב איר — איך בין איצט געבליבן שטיין אַ געפּלעפטער. דאָס איז געווען איר שרעקלעכע טאַט ! אַזוי האָט נאָך אַ פרוי נישט באַהאַנדלט אַ ליבהאָבער.

דאָס ביוראָ איז נאָך נישט געווען אָפן. איך בין צו צו דער אָפענער טיר און געקוקט אויפן הימל מיט די קלאָרע וואָלקנס און נאָכמיטאָג-זון. איצט איז דער הימל ווירקלעך געווען פאַר מיר אַ טרייסט. איך האָב געהאַט אַ גרויסאַרטיק געפיל. כ'האָב אַרויסגענומען אַ שפּיגעלע, זיך איינגעקוקט אין מיין געזיכט. איך בין געוואָרן שרעקלעך דאַר, אָפּגעצערט, איך האָב שוין געטראָגן אין מיין בוזעם די באַצילן פון טובערקולאָז, כ'האָב געהאַט פיבער, מיינע קני זיינען כסדר געשלאָגן געוואָרן ווי מיט דרענגער, כ'האָב נישט געקענט שטיין. דער האַס און די באַליידיקונג איז פּלוצלונג איבערגעגאַנגען אין מיר אין אַ געפיל פון סאַטיס-פאַקציע. זי איז שולדיק ! איצט פילט זי זיך אַזוי שרעקלעך ! איך וואָלט נישט געוואָלט זיין אין איר לאַגע . . דאַן האָב איך פאַר זיך אַליין אָנגעהויבן צו וויי-נען . . .

אין אַ ווײַלע אַרום, ווען איך האָב געהאַלטן אין פאַרשטעלן זיך און באַ-האַלטן אין זכרון איר געשטאַלט — איז זי פּלוצלונג דערשינען אויפן טראָטואַר נעבן מיר. . . .

איר פּנים איז געווען וואונדערשיין, זוניק. זי האָט זיך נאָר געענדערט אין דעם יאָר דערמיט, וואָס זי איז פיל, פיל שענער געוואָרן. זי האָט געטראָגן אַ לייכטע, פּורפּור-זיידענע בלוזע אָן אַרבל, וואָס האָט איר צוגעגעבן אַן אָנגע-נעמע צערטלעכקייט. זי האָט אויך געטראָגן ברילן, אָן האַלאַבלעס, וואָס האָבן איר געזיכט צוגעגעבן אינטעליגענץ און איידלקייט.

זי איז לאַנגזאַם געגאַנגען איבערן טראָטואַר, וואַרטנדיק ביז איך וועל איר צורופן. דאָס געוויסן האָט איר געהייסן זיך צוריקקערן צו מיר. אָבער איך האָב נישט געהאַט קיין דרייסטקייט און קיין ווילן זי צוצורופן. כ'בין נישט געווען זיכער אַז זי וועט צוקומען. זי איז אַוועק אין אַ גאַס. מיין האַרץ איז איר ווי אַ רויטער פויגל נאָכגעפלויגן און איר געקושט און געוואונטשן גוטס, הגם דאָס

דאן בין איך אװעק אין סאנאטאריום „ברעכט". די נאטור האט מיך געהײלט און אױפגענומען װי א ליבלעך, געטרײ קינד. שױן לאנג װי איך האב נישט געהאט קײן רו און נישט געקענט זײן נאנט פון דער נאטור, װעלכע איך האב אזױ שטארק געליבט. איצט בין איך װידער געװען רואיק.

כ׳האב אין משך פון אכט חדשים זיך באקאנט מיט די בינען און מוקן. מיט א סך ליבלעכע בלומען און צארטע פלאנצן, מיט װאלקנס און זונען־שקיעה׳ס. . . .

מײן ליבע איז אין אנהײב שװאכער געװארן. כ׳האב פארהאסט אלץ װאס האט א שײכות מיט דער שטאט. די פארטײ, די דרוקערײ, גאלדע און אלץ, אלץ װאס האט מיר געבראכט אזױ פיל װײטיק און צוזאמען צעבראכן מײן קערפער.

דאן האב איך װידער אנגעהױבן צו טראכטן פון איר. מיט א מאן, א רעזשיסער, האב איך זיך גענוג פרײנטלעך באקאנט און אין די רו־שעה׳ן פון פארנאכט, אין די אלײען, דערצײלט װעגן איר. איך האב זיך איר װידער אױסגעמאלען, א גוטע, צארטע דעמאנישע און לײדענשאפטליכע װי זי איז געװען. איצט האב איך זי געזען װי אײנע פון יענע סטאטועס אין פארק, שײן, װײס, קיל און רואיק — אבער װאס קען נישט צוריק־ליבן. זי איז געװען א פרױ װאס קען װערן פארגעטערט, װאס לאזט זיך ליבן, װאס לאזט שטארבן, לײדן און אײביק גליען פאר איר. אבער קײן הארץ איז אין דער דאזיקער סטאטוע נישטא. ס׳איז נישטא קײן הארץ װאס זאל צוריק־ליבן. . . .

אבער די געשפרעכן װעגן איר האבן מיר געטאן א סך שלעכטס. כ׳האב זי װידער אױפגעלעבט אין זכרון און אין הארץ. כ׳האב זי געהאט פארגעסן — און שױן װידער אױפגעלעבט. איצט האט זי מיך װידער אנגעהױבן פײניקן אין דער אײנזאמקײט פון סאנאטאריום.

כ׳האב שעה׳ן־לאנג שפאצירט מיטן דעקאדענטישן מאלער מאקס דיל. כ׳האב אים כסדר דערצײלט װעגן אירע שטריכן און איר כאראקטער. איך האב אים איבערגעגעבן איר װעזן און שמײכעל, איר פינקטלעך אױסזען, אירע אױגן און האר־פארב. כ׳האב שטארק געװאלט ער זאל פון איר מאלן א פארטרעט. . . . איך האב זי געװאלט באזיצן כאטש אין קאלירן, אױף לײװנט. ער האט נישט פארשטאנען מײן געפיל. . . .

איך האב זיך דערמאנט אז אײנמאל האט זי מיר געגעבן א בילדל פון זיך, װען זי האט מיך געװאלט איבערבעטן. דאן האט זי מיר געבראכט א גאנצן פאק בילדער. איך האב אין דער טונקלקײט פון מײן צימערל געקליבן און געקליבן. ענדלעך האב איך אױסגעקליבן א בילדל און עס באהאלטן אין א בוד. דערפאר האב איך איר געקושט אין שטערן. שפעטער אבער האט מיך דאס בילדל אזױ פארפאלגט, אז איך האב עס אין אן אנפאל־שגעון צעריסן אױף פיצלעך. . .

וואָס זי האָט מיר איצט געטאָן, אין אַזאַ מיזעראַבעלן, קראַנקן צושטאַנד ווי איך בין געווען — איז געווען טויטלעך פאַר מיר. . . .
ווי גערן וואָלט איך עס איצט וועלן האָבן.

אין די אָוונטן אין „ברעכט" פלעג איך נאָך איר בענקען. ווי נאָר דער הימל איז געוואָרן טיף־בלוי, פלעג איך ווערן טרויעריק. איינמאָל האָב איך אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער פון שפּיל־זאַל אין דער טונקעלער נאַכט אַריין, געקוקט צו די ווייטע פּאָלאַר־שטערן און מיר האָט זיך געדאַכט אַז זי איז דאָ אין דער גרויסער נאַכט, אַז טראָץ אַלעם ליבט זי מיך, קושט מיך איצט מיט די אומענדלעכע ליפּן פון דער קילער לופט און צאַרטן ווינט, אַז זי איז אין מיר, נעבן מיר און אַרום מיר, היט מיך אָפּ. . . .

איינמאָל בין איך געשטאַנען בײַם פּלויט פון גאָרטן, אַריבערגעקוקט אין דער פאַרם דאַנעבן, וואו איך האָב אָפט ליב געהאַט צו קוקן, זעענדיק ווי דאָס קינד מיט בלאָנדע האָר פאָרעט זיך מיט די ראָזע הענטעלעך אַרום אַן אַלטן אַקעראייזן; די זון האָט אָנגעצונדן דעם הימל, ווי פּלוצלונג וואָלט אַ שטיק זייד זיך אָנגעכאַפּט פון פייער און ברענען און בלוטיקן מיט די צאַרטע, דינע פעדים־אָדערן; דאָס פייער האָט זיך דערנענטערט צו מיר, מיך אַרומגענומען, מיר האָט זיך געדאַכט אַז גאָלדע גייט אַרויס אין אַ העליש־רויטן מאַנטל פון פייער, קושט מיך מיט אַ פלאַמענדיק מויל, דריקט מיך צו איר שאַרלאַך־רויטן האַרץ און דריקט מיך צו זיך מיט פייערדיקע וועלט־אָרעמס. . . דער גאַנצער אוניווערס איז פול מיט איר. . . מיך ליבט און באַלוינט דער אוניווערס פאַר אַלץ, פאַר אַלע לײַדן און טרויערן. . . .

איינמאָל האָב איך געהאַט אַ פאַרלאַנג זי שטאַרק צו זען. מיר איז אײַנגעפאַלן צו איר צו שרײַבן, איר דערציילן אַז איך בין קראַנק. איך האָב איר אַוועקגעשיקט פאָלגנדן בריוו:

„טײַערע גאָלדע!

איך בין שוין מאָנאַטן לאַנג קראַנק. אָבער איצט היי איך זיך ווידער אויס אין „ברעכט"־סאַנאַטאָריום, וואו איך געפין זיך. איך דענק פיל וועגן דיר. איך ליב דיך נאָך אַלץ אַזוי שטאַרק. אָ, ווען דו זאָלסט זיך פאַר מיר באַווײַזן — וויפיל וואָלסטו מיר געהאָלפן! וואָסאַראַ אומענדלעכע פרייד דאָס וואָלט געווען פאַר מיר, פאַרן קראַנקען, שוואַכן, אומעטיקן פּאָעט, וועלכער ליבט דיך מיט זײַן גאַנץ וועזן, מיטן גאַנצן אוניווערזום!"...

זי האָט מיר נישט געענטפערט און נישט געקומען. די ליבע האָט זיך צײַטנווײַז בײַ מיר פאַרוואַנדלט אין האַס, אין ביטערן האַס קעגן איר. קעגן דער געזונטער, שטאַרקער סטאַטוע וואָס האָט נישט קיין מיטלייד. . . .

אַכט מאָנאַטן האָב איך געוויילט אין שאָטן פון „בּרעכט", צווישן די שטילע פּלעמער, צווישן די קרומע, לאָמע בּוימער און בּלומען. ווען די בּלומען האָבּן אין סעפּטעמבּער און נאָוועמבּער געוויאַנעט, ווען אין סאַנאַטאָריום איז געקומען דער רויטער טויט, געגילדעט די בּלעטער און בּלומען, מיטגענומען אין בּלאָנדן וואַלד אַ סך קראַנקע — בּין איך אַוועק, אַוועק צוריק אין שטאָט. . . .
אפשר וועט דער ליבּער גאָט פון צופאַל מיך ווידער צוזאַמענבּרייגגען מיט איר, בּלויז אויף איינצלנע מינוטן, צו זאָגן איר ווי שטאַרק איך האָב איר ליבּ, און דער גאָט איז ווירקלעך געווען א גוטער און האָט מיר ווידעראַמאָל בּאַוויזן איר מאָנומענט-געשטאַלט און ספינקסיש געזיכט . . .

פעטישיזם.

דריי יאר שפעטער, נאכדעם ווי איך האב צייטנווייז פארגעסן אין גאלדען, פלעג איך פלוצלינג זיך דערמאנען אין איר און מיין גאנץ וועזן איז אויפגעשטורעמט געווארן מיט א ווילדער קראפט. די דאזיקע שטורעמס פלעגן זיין א פראדוקט פון קומען אין בארירונג מיט זאכן, וועלכע האבן מיך דערמאנט אין איר. און זאכן האבן עס געקענט זיין די גרעסטע און קלענסטע, אנהויבנדיק פון א בלום ביז דער גאנצער נאטור, מיט וועלכער זי האט אויף וועלכן ס׳איז אופן געהאט פארבינדונגען.

איינמאל האב איך זיך באקענט מיט א זייער קלוגער, אינטערעסאנטער פרוי. זי האט זיך נאר וואס געהאט גע׳גט מיט איר מאן, מיינס א גוטער פריינט, וועמעס פריערדיקע פרוי׳ איך האב שטארק גערן געהאט.

זי האט זיך באצויגן צו מיר מיט אויסערגעוויינלעכער סימפאטיע. אבער מערקווירדיק! ווי נאר איך פלעג דערגרייכן אזא אינטימע נאנטקייט מיט א פרוי, אז איך האב שוין געקענט דערציילן איבער אלץ, פלעג איך איר צום ערשט דערציילן וועגן מיין ראמאן מיט גאלדען. איך האב געהאט א מאדנעם פארגעניגן צו דערציילן אלץ דער פרוי. איך קען נישט באשטימט זאגן צוליב וואס איך האב עס געטאן. איך האב געוואלט אז די פרוי זאל האבן געדאנקלעך, דורך מיינע דערציילונגען, א שייכות מיט גאלדען — און דאן האט זי פאר מיר געהאט א געוויסן ווערט. ווי נאר אבער איך האב איר אלץ דערציילט, פלעגט זי געוויינטלעך באמערקן אז איך בין שטארק פארליבט נאך אין יענער געהיימניספולער, טייוולישער פרוי — און זיי פלעגן זיך אינסטינקטיוו דערווייטערן פון מיר. . . .

בשעת איך האב דערציילט וועגן גאלדען, פלעג איך עס נאכאמאל איבערלעבן. באזונדערס אבער פלעג איך דערציילן דער פרוי, מיט וועלכער איך בין געווען זייער נאנט, אלץ וועגן איר, נישט צולייגנדיק און נישט אראפנעמענדיק גארנישט פונם אמת. דער אמת אליין איז פאר מיר געווען גענוג. איך האב נישט געהאט קיין שום שטרעבונג זיך צו ווייזן אלס העלד. כ׳האב דערציילט כמעט אלץ פון מיין מאכטלאזיקייט אין די באציאונגען מיט איר. . . .

און אויך די פרוי, וועלכע איך האָב געגליכן פאַר איר קערפּערלעכער ענ־לעכקייט צו גאָלדען — האָט אָנגעהויבן שוואַכער ווערן אין די באַציאונגען מיט מיר. . . איך האָב עס באַמערקט און אַפילו גאָרנישט געטאָן כדי זיי צוריק צו שטאַרקן. . . .

נאָכמער: אין אַ געוויסן זונטיק אין דער פרי האָב איך זיך שטאַרק פאַר־בענקט צו דעם הויז, וואו גאָלדע און איר פאַמיליע האָבן פריער געוואוינט. איך האָב דאַריבער איינגעלאַדן די פרוי צו מאַכן מיט מיר אַ שפּאַציר אין בער־כעם, דורכגיין די „אַוועני ראָיאַל" צום „נאַכטיגאַל־פּאַרק". זי' האָט איינגעווי־ליקט, נישט ווויסנדיק וואוהין איך וויל איר אייגנטליך פירן.

מיר זיינען געווען אויף „אוועני ראָיאַל". דאָס זעלבע הויז. נאָר מיר האָט זיך געדאַכט אַז עס איז עטוואָס טרויעריקער, טונקעלער, אומעטיקער גע־וואָרן. דאָס געלע דעכל האָט מיך ווידער דערמאָנט אין גאָלדעס האָר, בלאָנדע, גאָלדענע, שימערירנדיקע. איך האָב געקוקט צום פענסטער, פון וועלכן כ'פלעג אָפט אַרויסקוקן, וואַרטנדיק אויף גאָלדען.

די גאַס איז געווען אומעטיק. האַרבסטיק. די הערלעכע בוימער מיט רונדע צווייג־לאָקן, האָבן איצט אויסגעזען בעטלעריש, ווי קניג ליר'ס אין גע־פאַלנקייט. דער הימל איז געווען טונקל און ס'האָבן אומעטיק געצויגן אַן אַ שיעור שוואַרצע, שווערע, מיט טרויער־שוואַנגערע כמאַרעס . . .

איך בין געזעסן אויף דער גרינער באַנק אַנטקעגן איר הויז, וואו כ'האָב אַמאָל געוואַרט אויף איר. אַלץ איז געווען וויסט און טרויעריק. אַלץ האָט זיך ווי' באַטייליקט אין מיין אומעט. איך וואָלט גערן צוגעפאַלן צום קליינעם, איי־זערנעם פּאָרטקעלע ביים הויז־גערטל, צו די בוימער, זיי געהאַלזט און געקושט. . .

דער האַרבסט איז געווען אינמיטן רייפן בלי, ווען דאָס וויאַנען ווערט פאַרביק און שיין. ווען דער אומעט בליט אַרויס אין די האַרבסטיק־רויטע קאָ־לירן. אַלץ האָט מיך דערמאָנט אין אירע גאָלדענע האָר, וואָס האָבן שימערירט מיט דער געהיימניש פון איר וועזן; אַלץ האָט מיך דערמאָנט אין איר געלן קלייד. . . די גאַנצע נאַטור האָט איצט געטראָגן דאָס דאָזיקע געלע, זיידענע קלייד, וואָס איז געווען צעפליקט און צעריסן; פון וויטנס האָט זיך אומעטיק געגאָלדיקט דער האַרבסטיקער פּאַרק, זיך געגריסט פון וויטנס מיט די נענטערע, רויטע בוימער, ווי אַנטיקע העלדן. . . די נאַטור איז געווען פול מיט איר וועזן. מיר האָט זיך געדאַכט אַז זי האָט זיך פאַרקערפּערט אין דער נאַטור כדי אויף אַ מער פּאָעטישן אופן צו זיין מיט מיר, צו אַמוזירן מיך מיט איר אומעט, מיך צו האַלזן און אָנצוטרינקען די נשמה מיט נייע געפילן. . . וואו איך האָב זיך געווענדט, איז זי געווען פול. . . איר וועזן איז געווען אַפילו אין די וואָלקנס,

איר אומעט אין דער לופט, אין די ווייטע נעפּעל־האָריזאָנטן, אין די וויאָנענ־דיקע פּלאַנצן צו מיינע פיס, אינם טרויעריקן געזאַנג פון די משוגענע נאַכטיגאַלן אין אוונט. . . .

די פרוי האָט פאַרשטאַנען אַז איך לעב דאָ מיט אַן אַנדערער. . . אַז די דערינערונג פאַר'שכור'ט מיך. . . זי איז געווען אומעטיק. כ'האָב זיך נישט באַ־מיט זי פריילעכער צו מאַכן. כ'האָב איצט איבערגעלעבט דעם שטאַרקסטן תענוג...

כ'האָב זיך דערמאָנט אַז מיט עטלעכע יאָר צוריק איז זי פּלוצלונג געקו־מען אין פאַרייז הערן אַ רעפעראַט. איך האָב צו איר נישט גערעדט, זיצנדיק נאָנט נעבן איר. זי איז דאַן אַוועקגעגאַנגען. . . איצט האָט מיר באַנק געטאָן וואָס כ'האָב מיט איר נישט גערעדט, כ'האָב געזען ווי שיין זי איז, צום ערשטן מאָל אַנטוענדיק דאָס סטודענטישע היטל, וואָס האָט איר זייער געקליידט. . . . כ'בין געווען משוגע פון חרטה.

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט זי זיך ווידער באַוויזן — און אַוועק. איך בין איר נאָכגעלאָפן און אויף די טרעפּ פון שמוציקן הויז איר געקושט די האַנט, וועלכע איז געווען אַנגעטאָן אין דער האַנטשו. . . איך האָב געליבט די האַנטשו, קיין שום זאַך האָט מיך נישט געשטערט זי צו קושן ווי איך קוש זי איצינד דורכן האַרבסט, דורך דער גאַנצער נאַטור. . . .

אין דעם זעלבן אוונט בין איך געווען אויף אַ פאַרשטעלונג אין „סערקל אַרטיסטיק". איך בין געווען גליקלעך, פול מיט איר וועזן. כ'האָב מיט ענטו־זיאַזם באַטראַכט די בילדער פון פלעמישע מייסטער אויף די ווענט פון'ם הער־לעכן סאַלאָן. . . אַ פלאַם האָט אַראָפּגעשיינט פון די בילדער. . . די מאַלערס זיינען געווען גרויס געווען פלאַמענדיק פאַרליבט און באַווירקט פון שיינע פרויען, אַזוי ווי זי. . . .

די פרוי נעבן מיר האָט זיך געלאַנגווייליקט. אָבער איר רעאַליטעט איז מיר געווען איבעריק. כ'האָב אין טרוים איבערגעלעבט דאָס גליק מיט גאָלדען. פאַרן דאָזיקן טרוימהאַפטן האַרבסט־טאָג וואָלט איך נישט געגומען אַלע זומער־דיקע ליבע־נעכט אויף אונזער פּלאַנעט. . . זי איז געווען ביי אונדז אומעטיק. . . .

כ'בין צוגעגאַנגען צו דעם בית־עולם ; די טויטע אין די קברים זיינען מיר געוואָרן אייגן, ווי קינדער, דאָ איז גאָלדע געשטאַנען, אויף אָט די מצבות האָט גאָלדע פיל מאָל געבליקט מיט אירע שיינע אויגן. זיי האָבן מיר אויסגעוויזן צו זיין גליקלעך. . . גליקלעך, אויסערגעוויינלעך גליקלעך. . . .

און כ'האָב זיך דערמאָנט, אַז איינמאָל, גייענדיק אַהיים ביינאַכט, האָט גאָלדע פאַרלוירן דאָס זאַקן־בענדל. כ'האָב מיט פרגעניגן אויסגעטאָן מיין רויטע בינדע — וועלכע איך האָב געוואָלט פּרוואַנדלען אין מיין זיידענער, רויטער

פעטליע — און ווען זי האָט מיט איר צוגעבונדן איר פוס, בין איך געווען גליקלעך. . . איר פוס איז מיר געווען פיל, פיל חשוב'ער ווי מיין האַלז. . . .

כ'בין נאָך לאַנג געזעסן אין דעם האַרבסטיקן טאָג אויף דער באַנק. איבערגעלעבט דאָס הויז, די גאַס, די אַלטע פעסטונג וואָס איז געווען פול מיט אומעט און מיט פאַרצייטישע דערינערונגען פון שלאַכטן, העלדן און גלאָריעטעג פון פאָלקס־פייערונג. . . .

מיר זיינען אהיימגעפאָרן אין אָוונט מיט אַ טראַמוויי; נומ. 15; דעזעלבער טראַמוויי מיט וועלכן איך און גאָלדע זיינען מיר געפאָרן פון בערכעם אין שטאָט אַריין. . . איך האָב זיך אָנגעהויבן פילן אַזוי גוט, אַזוי היימיש. . . דער קאָנדוקטאָר האָט זיכער נישט געוואוסט אַז איך רעד מיט אים אַזוי פריילעך, ווייל אַ דערינערונג איז אין מיר געוואָרן ווירקלעכער ווי די ווירקלעכקייט אַליין, ווען עס איז געשען. . . איך האָב באַטראַכט די פּאַסאַזשירן. . . גליקלעכע פּאַסאַזשירן! זיי ווייסן גאָרנישט אַז זיי באַרירט די רויט־צאַרטע האַנט פון אַ וואונדערלעכער פרוי. . . זיי זיינען געגליכן צו יענעם בעטלער, וואָס זיצט אויף אַ פאַרגראָבענעם, אַלטן אוצר און בעט אַ נדבה. . . .

אין בערכעם האָט דאָס פאָלק גע'יובל'ט; עס איז געווען אַ קליינער „קערמעס" (אַ מין קאַרנאַוואַל, וועלכער איז נאָך געבליבן ווי אַ שאָטן פון די רוימישע לוסט־פייערונגען, סאַטורנאַליעס). דאָס פלעמישע פאָלק, ווי אויף די בילדער פון ברוגעל און רובענס, איז פעט, רויט, פריילעך און זאַפטיק. די לבנה — אַ היימיש־ברעכענע, אַ געלע — איז אויפגעגאַנגען איבערן האַרבסטיקן פאַרנאַכט אין בערכעם; דיקע מיידלעך, ווי פון האָלץ געשניטן, שווער און האַמעטנע, האָבן זיך געהוידעט אין דער לופט אויף הושטאַווקעס. . . .

איך האָב זיך דורכפאָרנדיק צוגעקוקט צום פאָלקסטימלעכן ספּעקטאַקל; עס איז געווען פול מיט חן; מיר האָט זיך געדאַכט אַז די ראָזע, מעליקע פלעצלעך וואָס די בעקערס באַקן און שטעלן אוים אויף די טישן אין זייערע געצעלטן — שטאַמען נאָך פון מיטל־אַלטער. . . .

כ'בין געווען גליקלעך און אומעטיק. . . פאַר דער פרעמדער פרוי בין איך געווען אַז אונגאָרמאַל רעטעניש. . . כ'בין שפּעטער געווען גליקלעך ווען זי איז אַוועק און איך בין אַריין אין מיין קליינעם צימערל, איבערלעבן אויפסניי די טיפע איבערלעבעניש, איך האָב געפילט ווי האָבנדיק ווירקלעך פאַרבראַכט אַ ליבע־טאָג מיט גאָלדען, מיט איר אַליין, פון בלוט און פלייש. . . .

פריילין ש—ר.

עס איז געווען איז א קאלטן הארבסט-אוונט פון מאנאט סעפטעמבער, ווען איך בין געזעסן אין א קאפע און פלוצלונג דערזען א באקאנט געזיכט; עס איז געווען פון פריילין ש—ר. זי האט אויסגעזען א סך עלטער, פיל עלטער ווי די לאנגע צייט אין וועלכער איך האב זי' נישט געזען. אירע האר זיינען געווען צע-קנייטשט און אומעטיק. אירע אויגן האבן געבליקט מיזעראבל און טרויעריק. איר געזיכט — הגם אמאל אזוי שיין, מיט א דינער הויט, יונג און אינגלעריש — האט איצט אויסגעזען פארגעלבט און אלט. ווייזט אויס אז זי האט דורך דער צייט א סך געלעבט. . . .

— וואס מאכט איר ?' — האב איך זיך צו איר העפלעך געווענדט מיט א פראגע, צוגייענדיק צו איר טישל, וואו דער לאמפ האט העלער ארויסגעבראכט איר אומעטיק געזיכט.

— א, זייער גוט! וואס מאכט אייער פריינדין גאלדע ?

— מיין פריינדין ? איר ווייסט בעסער פאר מיר. האט איר זי לעצטנס באגעגנט ?

— ניין, איך האב זי שוין א יאר צייט נישט געזען. איך ווייסט דאך געוויס, אז זי איז אוועק אין „בעלגיש קאנגא". זי פאלגט נאך איר אוואנטורים-טישן דראנג . . . זי וועט דארט צו גרונד גיין.

— ניין, איך גלויב פארקערט. זי וועט נאך ווערן די קעניגין פון קאנגא. זי איז צו שטארק. זי קען נישט פארניכטעט ווערן. נאר דער טויט אליין קען איר פארניכטן!. . .

— האסט איר זי ?

— איך ליב איר שטארקער ווי שטענדיק. אבער איך האס זי גלייכצייטיק. זי איז שטיל געבליבן. איך האב באטראכט אין שיין פון עלעקטרי איר געזיכט. דאס דאזיקע געזיכט האט געטראגן אין דינע, זיידענע קנייטשן בא-האלטן די קושן פון מיין געליבטער. . . אינם דאזיקן קערפער זיינען פאראן די אשעם פון מיין פריינדינס ליבע און ליידנשאפט. . . איך האב געהאט א שטארקן

דראַנג מיט איר צו רעדן איבער אינטימע זאַכן. . . אַ, ווי איך וואָלט געוואָלט וויסן וועגן גאָלדען און אירע באַציאונגען מיט איר. . . .

— פאַרוואָס זעט איר אַזוי שלעכט אויס? זייט איר פאַרליבט, פּילייכט?

— אודאי בין איך פאַרליבט! — האָט זי געענטפערט שטיל. . .

— אפשר אין גאָלדען?!

— געוויס!

— דערציילט מיר, איך בעט אייך, האָט איר באמת ליב געהאַט גאָלדען?

איך האָב איר אָנגעגאָסן אַ גלעזל גרינעם וויין. כ'האָב שטאַרק געוואָלט זי זאָל ווערן שכור און דאַן וועט זיך איר האַרץ עפענען, פּילייכט וועט זי וועלן דאַן עפּעס מער דערציילן. . . .

זי האָט געטרונקען גלאָז נאָך גלאָז, און ווען אירע אויגן האָבן שוין אומעטיק און ווילד געגלאַנצט, האָט זי אָנגעהויבן:

— איר פאַרשטייט, איך האָב גאָלדען ערשט ליב איצט. פריער האָט זי מיך ליב געהאַט. איך האָב אָבער נישט געוואָלט הערן דערפון. אין דער זעלבער צייט, ווען איר האָט זיך אָנגעשטרענגט צו געווינען איר האַרץ, האָט זי מיך געהאַלזט און געקושט. . . זי האָט מיך ליידנשאַפטלעך געדריקט צו אירע בריסט און כסדר איבערגע'חזר'ט: „איך ליב דיך, איך ליב דיך!". . .

— האָט איר מיט גאָרנישט געענטפערט אין אירע ליבע-פאָדערונגען?

— איך האָב איר געענטפערט אויס מיטלייד. איך האָב נישט געקענט צוזען ווי זי פּייניקט זיך אין ביטערע ליידן. איך האָב אַלץ געגעבן וואָס זי האָט פאַרלאַנגט. נאָר נישט מיין האַרץ. . . .

— און איצט גיט איר אויך אייער האַרץ?

— איצט ליב איך זי אויף אַן אמת. זינט דעם טאָג אַן ווען זי איז אַוועק אין קאַנגאָ, קען איך איר נישט פאַרגעסן. איך ליב זי אַלץ מער און מער. . . זי' פלעגט מיר שטענדיק זאָגן: "ער ליבט מיך. ווען איך וואָלט געליבט מענער, וואָלט איך אים באַדאַרפט ליבן מיט דער שענסטער ליבע אויף דער ערד. . . ער איז עס ווערט געווען. . . ער איז גרייט פאַר מיר צו טאָן אַלץ. . . קיין שום זאַך איז אים נישט צו שווער. . . אַ סך מענער האָבן מיך געליבט. מיין האַרץ איז אָבער געבליבן ווי אַ שטיין. . . נאָר דיך האָב איך ליב. פאָלג מיך, מיר וועלן זיך באַזעצן אין קאַנגאָ און לעבן גליקלעך. פאַר דער וועלט וועלן מיר זיין אומגערעכט, אומנאָרמאַל. אָבער אונזער לעבן וועט זיין גערעכט. . . מיר וועלן לעבן אין ליבע. . . די ליבע באַרעכטיקט אַלץ. . . ."

איך האָב זיך איינגעהערט אין דער דערציילונג פון דער פרוי. מיר איז געוואָרן שלעכט. כ'האָב געוואָלט ווייט זיין פון איר. זי איז דאָס געווען די

אורזאַך פון גאָלדעם שטיינערנע האַרץ. . . זי האָט מיך נישט צוגעלאָזט צו גאָלדעם ליבע, הגם זי איז גאָרנישט שולדיק. . . .

איך בין שנעל אוועק פון איר. איך בין געגאַנגען פאַרביי לאַנטערנעס מיט געלע לאָמפּן, מיט אומעטיקע פייערן, וואָס האָבן מיך פאַרפאָלגט. מיר האָט זיך גערדאכט אז זיי ברענען אַראָפּ אויף מיר די קליידער און לאָזן מיך גיין נאקעט, מיט וואונדן פון בענקשאַפט אין האַרץ. . . .

איצט איז פאַר מיר קלאָרער ווי אימער פאַרוואָס גאָלדע האָט מיך נישט געקענט ליבן. . . די לעסבישע פרוי האָט מיך נישט געקענט ליבן. . . .

אַ האַלבע לבנה איז אויפגעגאַנגען, ווי אַ קרומער, טערקישער קינזשאַל. איבערן הימל זיינען געשוואומען שוואַרצע כמאַרעס, ווי ריזיקע בערג. אַלע ווייַלע האָבן זיי פאַרדעקט דעם קרומען קינזשאַל. . . איצט האָב איך געוואָלט זיין ווייט, זייער ווייט פון די אַלע דערינערונגען, פון זיך אַליין, פון פרײלין ש—ר. . . .

כ'האָב זיך געפונען ביים האַפן. גאַסן-פרויען האָבן צו מיר געבליקט פון אַלע ווינקלען און שויבן. דאָן האָב איך זיך געפונען אין אַ קאַפע מיט שכורים. ווען איך האָב געטרונקען דעם גריַנעם ביר, האָב איך פּלוצלונג דערזען גאָלדען דערשיינען ווי אַ קליינע נימפע אין גלאָז, מיט גאָלד-גרינע האָר. . . איך האָב שנעל אויסגעטרונקען דאָס גלאָז ביר, כדי איר בילד צו צעשטערן . . .

— פאַראַן טויזנטער, מיליאָנען פרויען אויף דער ערד. . . אַן אידיאָט איז דער וואָס פטר'ט זיין לעבן צוליב איינער, אַ בלאָנדער אָדער אַ שוואַרץ-האָריקער. . . אַן אידיאָט איז דער ! — האָט אַ שכור'ער מאַטראָז מיר איינגערוימט אין אויער. . . .

— אַן אידיאָט ! אַן אידיאָט ! — האָב איך איבערגע'חזר'ט און ווידעראַמאָל אינם שפּרודלדיקן, גאָלדענעם ליכט האָב איך דערזען די גאָלדענע האָר פון גאָלדען. . . .

משוגעת און טויט.

מיט אַ וואָך צוריק בין איך געווען אין קינאָ און געזען א פילם, אין וועלכער די הויפּט־העלדין איז ענלעך צו גאָלדען. איך קען עס נישט פארשטיין. איך בין געזעסן פארשטאַרט צווישן פּובּליקום. איך האָב מיט שרעק און דערוואַכטער ליבּע געקוקט צו דער אַקטריסע. דיזעלבּע גאָלדענע האָר, דיזעלבּע טונקל־פינקלענדע אויגן. דיזעלבּע פיגור, עלעגאַנט. ווען זי האָט געשמייכלט, האָבּ איך אין איר דערקענט דעם שרעקלעכן שמייכל פון גאָלדען. . . .

איך בין אהיימגעגאַנגען און פּלוצלונג האָבּ איך אָנגעהויבּן מורא האָבּן פאַר מיין שאָטן אויפן וואַנט. א שרעקלעכער שאָטן, שווארץ ווי דער טויט, ווי די נאַכט אינדרויסן. איך בּין אַריין אין בּעט — אָבּער דער שאָטן פון מיין קאָפּ האָט זיך געשוואַרצט אויפ וואַנט. ווי שרעקלעך. איך האָבּ אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ — אָבּער איז שיין פון דער לבנה האָבּ איך נאָך דייטלעכער געזען דעם שרעקלעכן שאָטן. פּלוצלונג בּין איך. אויפגעשטאַנען און פאַרוואָרפן אַ פּעטליע אויפן פּולאָפּ. דאַן בּין איך אריין אין בּעט, געפּרואווט איינשלאָפן. איך האָבּ נישט געקענט. ווי נאָר איך האָבּ אָנגעהויבּן צו דרימלען, האָבּ איך זיך מיר געדאַכט אַז דער שאָטן וועקט מיך און ווערגט מיך, זיין שוואַרץ מויל בּייסט זיך איין אין מיין האַלז, זיינע בּייניקע פינגער קריכן אַריין אין מיין גאָרגל, איך הער בּרעכן. . . אָ, איך דערוואַך. איך קען נישט אויסהאַלטן די דאָזיקע שרעק — — — — — —

אָבּער וואָס וואָלט געווען ווירקלעך, ווען איך הענג זיך אויף? וואָלט גאָלדע דען מיך בּאַדויערט? זי וואָלט גאָרנישט געוואוסט. . . און איך? — וואָלט איך דען נישט געווען גליקלעכער?. . . צו וואָס אָט די פּיין? אָט די שרעקלעכע קאָשמאַרן? צו וואָס די אומענדלעכע ליבּע?. . .

ווי לאַנג איך וועל לעבּן, וועל איך ליבּן גאָלדען. זי פארפאָלגט מיך. ווי שרעקלעך עס איז! היינט אין אָוונט, פאַרן שלאָפן־גיין, איז אַריינגעקומען די בּאַלעבּאָסטע און מיך געפרעגט ווי דער שטריק קומט אויפן פּולאָפּ. . . .

איך האָבּ זיך צעלאַכט, היסטעריש צעלאַכט.

— אַ, דער שטריק ? דאָס, מאַדאַם, איז צו מאַכן גימנאַסטישע איבונגען. איר זעט, איך האַלט זיך אָן מיט ביידע הענט אין שטריק און פלי אַזוי מיטן קערפּער אין דער לופט הין און צוריק. . . .

— מאָדנע ! — האָט זי געזאָגט.

— מאַדאַם, עס איז מאָדנע, האַ ? איך ווייס, עס איז מאָדנע ! — איך האָב זיך היסטעריש צעלאַכט. — מאָדנע, מאָדנע, האַ ?' און עס זעט אויס ווי איך וואָלט זיך וועלן הענגען ? מאַדאַם, איז עס נישט ענלעך צו אַ תּליה, באמת ?

די אַלטע פרוי האָט אַ ציטער געטאָן און שנעל אַוועק. איך האָב אונטער איר שנעל אויך ביין פאַרהאַקט די טיר. . . .

— אַרעם נפש ! דו קענסט דאָך מיר נישט שטערן צו ליבן און צו הענגען זיך, האַ ? נו, זאָג אַליין, וואָס מיינסטו ? האָסט אפשר אַ רעכט איבער מיין לעבן ? !. . .

איך האָב זיך געלעגט שלאָפן. ווי נאָר איך בין איינגעשלאָפן, איז די אַלטע צו צו מיר און מיך אָנגעקוקט מיט בייזע אויגן. . . די מכשפה ! זי וויל מיר שטערן — האַ ? שטערן מיין שלאָף, מיין ליבע, מיין טויט ? אָ, ניין ! דו וועסט מיר נישט שטערן. . . .

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט. אַ קאַלטער שווייס האָט מיך באַהערשט. זי איז נישט געווען אין צימער, די אַלטע. . . זי איז אודאי שנעל פאַרשוואונדן דורך דער הינטער־טיר — די משוגענע ! אַך, וואָס האָב איך געזאָגט : „די משוגענע"? אַ שרעקלעך וואָרט. . . ווער איך נישט אַמאָל משוגע ? !. . . איך האָב קיינמאָל נישט איבערגעלעבט אַזעלכע שטימונגען. . . אויב משוגע — איז בעסער זיך צו הענגען. . . הענגען. . . . הענגען. . . . .

און — איבערהויפּט, וואָס קען די אַלטע העקסע מיר פאַרווערן דעם שלאָף פון טויט ?' עפּעס הער איך מוזיק איצט ; אַך, וואָסאַראַ שיינע מוזיק, אָן ספק פון לאַנד פון טויט ; אַ געטלעכע מוזיק ! אָרגל־מוזיק, זיס און פאַר'חלומ'ט, דאַן ציגיינעריש־פריילעך, ווילד, שטורמיש ! דאָרט איז דאָס לעבן. . . אַפילו די תליה טאַנצט צו ! זע, די פּעטליע ציטערט, טאַנצט צום ריטם פון דער מוזיק. עס מוז זיין דאָ נישט ווייט. . . אפשר אין זעלבן הויז. . . .

ווער קוקט עס אַריין ? אהאַ, די בייזע העקסע. זי וויל איך זאָל נאָר לעבן. איר צו־להכעיס וועל איך זיך טויטן. . . וואָס ווייסט זי פון טויט און לעבן ? האָט זי' דען אַמאָל געהערט אַזאַ געטלעכע מוזיק ? די בייזע באַלעבאָסטע וואָס מאָנט אַזוי פּינקטלעך דאָס דירה־געלד. איך וועל זיך הענגען. אָ, ווי די פּעטליע טאַנצט. גאָלדעם שטימע הער איך דייטלעך. גאָלדעס שטימע! איך קען עס שווערן. אָ, ווי זיס, ווי זיס ! איך קום צו דיר, גאָלדע, איך קום ! אָ, ווי זי

וועט קרענקען, די אלטע פרוי! זי לאָזט מיך נישט שטאַרבן, האַ? נו, איך וועל איך וועזן. אָ, ווי שיין די מוזיק שפּילט! זי׳ צעגיסט זיך איז מיינע אברים! ווי זיס! זי ווערט שטאַרקער און שענער, זיסער און הארציקער. אהא, איצט ווייס איך שוין, דאָרט איז גאָלדע פאַראַן, גאָלדע, גאָלדע! — — — — — — — — — — — — — —
— —
— —

נאָכוואָרט.

ווי די מאַדאַם פון הויז האָט מיר דערציילט, האָט מען דעם יונגן פּאָעט געפונען אויפגעהאנגען אין זיין צימערל. ווי מען קען זען פון די לעצטע בלעטלעך, איז ער געווען משוגע און אין דאָזיקן צושטאַנד איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. פון די דאָזיקע, טיילמאָל מאָדנע און שווידערלעכע בלעטער וועט זיך דער לעזער, ווי איך האָף, קענען פאָרשטעלן דאָס טראַגישע געשטאַלט פונם פאַרליבטן. ער געהערט צו דער הערלעכער רייע פון יענע מענטשן, וועלכע זיינען געשטאָרבן אַלס העלדן פאַר זייער קולט. . . וואָס נאָך קענען מיר דערציילן ווי דאָס וואָס דער איינזאַמער פאַרליבטער האָט אין די נעכט דערציילט אויפן ווייסן פּאַפּיר פון זיינע געהיימזיניקע נאָטיצן?. . . לאָמיר אים ליבן און באַדויערן. ער איז ווערט געליבט און באַדויערט צו ווערן. . . .

— סוף —